NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13300

# SHOLEM ASH

Max Erik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

БЕЛАРУСКАЯ АКАДЭМІЯ НАВУК
[illegible]

МАКС ЭРЫК

Літаратуразнаўчая сэрыя
1

# ШОЛАМ АШ

(1900—1930)

[illegible]

# ווײַסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיִע

## ײדישער סעקטאָר, מינסק

## לעצטע אויסגאַבעס:

1. צײטשריפט, ב. 5, ליטעראַטור־פאָרשונג, 1931, 410 ז.
אינהאַלט: ב. אָרשאַנסקי — די ײדישע פּאָעזיע אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע; ב. יאַבראָוו — צו דער עוואָלוציע פון כאַריקס פּאָעזיע; כ. דונעץ — די פּראָבלעמע פון אינטעליגענץ בא גאָרדינערן; י. ניסינאָוו — וועגן סטיל און זשאַנער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור; מ. עריק — וועגן סאָציאַלן מקור פון אקסענפעלדס שאַפן; י. רימינעק — א קאַפּיטל אקסענפעלדס ביאָגראַפיע. די סעריע דאָקומענטן פון יאָר 1840־1842 י. רימינעק — צו דער געשיכטע פונעם „פּוילישן ײנגל"; מ. גרידענבערג — פאַרצײכענונגען וועגן מײַן סאַטער (די ביאָגראַפיע פון י. י. לינעצקי); י. באַנשטיין — אַבראַם־אורי קאָוונער; ז. סקרדינעצקי — וועגן פאָלק־איבעראַרבעטונגען פון גאָטלאָבערס לידער; י. דאָברושין — סאָציאַלע עוואָלוציע פון דער ײדישער קינד־ליד. ביבליאָגראַפיע: מ. עריק — נײַע מאַטעריאַלן וועגן איכלען; י. בראַנשטיין — ליטעראַריש־קריטישע סאַכאַקלען. פון אונדזער אַרכיוו: מענדעלע מוכער ספרימס בריוו; פון גאָטלאָבערס ליטעראַרישער ירושע; מ. עריק — שאָלעם אליכעם און זײַן איבערזעצער.

2. י. הערשנבוים: שטעטל, א שטעטל אין רעקאָנסטרוקציע פּעריאָד, 1931, 48 ז. (סאָציאַל־עקאָנאָמישע סעריע, נום. 1).

3. מ. עריק: שאָלעם אש (1900־1930), 1931, 125 ז. (סעריע ליטעראַטור־פאָרשונג נום. 1)

## עס דרוקט זיך און די טעג דערשײַנט:

4. ל. ווילענקין: ײדישער דיאַלעקטאָלאָגישער אַטלאַס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד ב. 1, 8 דר.־בויגן + 75 קאַרטעס.

5. י. בראָנשטיין: מ. קולבאַק, 3 דר. ב. (סעריע ליטעראַטור־פאָרשונג נום. 2).

## אָפּגעגעבן אין דרוק:

6. ע. טשערניאַווסקי: דער ײדישער אַרבעטער אין ווײַסרוסלאַנד און ליטע (באַם באַגינען פון דער ײדישער אַרבעטער־באַוועגונג) 15 דר.־בויגן (היסטאָרישע סעריע נום. 1).

7. רוסישע טערמינאָלאָגיע, 5700 טערמינען.

8. ײדיש־ווײַסרוסישער טאַשן־ווערטערבוך, 10 דר. בויגן.

## גרייט צום דרוק:

9. לאַנדווירטשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע.

10. ה. אַלעקסאַנדראָוו און י. הערשנבוים: — די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד אין רעקאָנסטרוקציע פּעריאָד 20 דר.־בויגן.

11. פאַר פאָרקסמאַנישער (ליטעראַטור־סעריע) — זאַמלבוך, 30 דרוק־בויגן.

БЕЛАРУСКАЯ АКАДЭМІЯ НАВУК
ЯЎРЭЙСКІ СЭКТАР

МАКС ЭРЫК

Літаратуразнаўчая сэрыя
1

# ШОЛАМ АШ

## (1900—1930)

ВЫДАНЬНЕ БЕЛАРУСКАЕ АКАДЭМІІ НАВУК
МЕНСК — 1931

Друкарня Беларускае Акадэміі Навук.

Галоўлітбел № 897. Заказ № 657. Тыраж 3000 экз. 129 стар.

# אינהאלט

זײַט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . 5

1. פאָרבאמערקונגען: ליטעראטור, טעקסט, קלאסיפיקאציע און פעריאָ-
דיזאציע . . . . . . . . . . 7

2. דער יונגער אש . . . . . . . . . . 15

3. פון „שטעטל״ ביז „שלוימע נאָגיד״ . . . . . . . 29

4. שאָלעם אשס דראמאטורגיע . . . . . . . 46

5. אשס ראָמאנען פון אמעריקאנער לעבן . . . . . . 71

6. שאָלעם אש און די רעוואָליוציע . . . . . . . 91

7. איינִיקע אויספירן . . . . . . . . . 123

דרײַסיק יאָר האלט אש אין איין טרייסטן, אין איין מינטערן, אין אײַן פּארקויפן ביטאָכן און קאָלערלײַ כאלאָשעס-טראָפּן. ער באזינגט אמאָליקע גוטע צײַטן, אמאָליקע גווירים. אמאָליקע גוטע ייִדן, אמאָליקן ייִדישן גאָט, אמאָליקן ערעץ-ייִסראָעל... אין שײַן פון דער טרייסטלאָזערווירקלעכקײַט פּלאצט אָבער אשס נאציאָנאליסטישע ראָמאנטיק. עס ווערן צעריסן אפילע יענע קוסטאַ-רישע נעץ, מיט וועלכע אש האָט געלאטעט זײַנע אידיליעס. און ס׳העלפט ניט, וואָס זײַן אידיליע ווערט אלץ זיסלעכער, זײַן שפּראך אלץ מעליצעדיקער, זײַן עצעם אײַנשטעלונג אלץ מער רעאקציאָנער. דיזעלביקע פּען, וואָס האָט געשילדערט דעם אָנוואָלקנדיקן שטעטלדיקן שאָלעם-בײַעס, מאָלט דעם כורבן פון די זשאָכלינערס אין די שאפּס, דעם צעפאל פון דער באלעבאטישער מיש-פּאָכע, די אויסזיכטלאָזיקײַט פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ. אזוי שפּײַזט זיך אשס אידיליע פון דעם כורבן, און דער כורבן פון דער אידיליע, אשס שאָוויניזם פון זײַן „הומאניזם”, און זײַן „הומאניזם” פון זײַן שאָוויניזם.ביידע זײַנען אָבער א דיאלעקטישע אײנהײַט.

אשס לעצטע טרילאָגיע האָט געזאָלט זײַן א סאכאקל-ווערק, די קווינטע-סענץ פון זײַן לעבנפילאָסאָפיע אין שײַן פון יענע גרויסע פּראָבלעמעס, וואָס ס׳האָט אופגעהויבן די אָקטיאבער-רעוואָליוציע. אש האָט, הייסט עס, צום לעצטן מאָל געזוכט דעם אויסוועג פון דעם פארקישעפטן קרייז פון זײַנע סטירעס. און וואָס פאר אן אויסוועג ווײַזט אש אין זײַן לעצטן, ברייט פּלאנירטן ווערק? קלעריקאליזם, ווולגערע מיסטיק, שאָוויניסטישער אטאָ-בעכארטאָנו, קאמף קעגן דער ארבעטער-באוועגונג און דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע! פיבערדיק קלײַבט אש איבער דעם קאסטן אלטע און נײַע שיימעס און שלעפּט ארויס אלטן, פארזשאווערטן געווער.

מיט דרײַסיק יאָר צוריק איז אש געקומען אין דער ייִדישער ליטעראטור מיטן לאָזונג „אויסגיסן דאָס ייִדישע כיינדל אפן גרויסן קאסטן שיימעס און הייליקן שטויב” („שטעטל”). די שיימעס זײַנען געבליבן שיימעס. אש האָט זיי ניט אופגעלעבט. ס׳האָט זיך אָבער אויסגעוועבט דאָס ביסל כײַן פון זײַן קונסט.

פארגאנגענהייט און דער היינטיקער באלעגופישער אפטימיזם, — אף דער שטארקער קולאקישער פלייצע און ענערגישן עלנבויגן האט אש אופגעהאנגען אלע זיינע האפענונגען אין א שווערער, קריזיספולער צייט.

און דאך איז אש ניט קיין קליינבירגערלעכער שרייבער. עס איז זייער כאראקטעריסטיש, אז אש האט קיינמאל ניט געזוכט דעם אויסוועג פון דער אונהיימלעכער הוידלקע, ווו ס'איז פארהוידעט און צעטרענצלט געווארן זיין טאלאנט, אין דעם פראלעטארישן לאגער, אין דעם לאגער פון דער סאציאליסטישער רעוואליוציע, וואס איר בלאנק שווערד צעשניידט אלע פלאנטערס אויך פון זיינען העלדן און סיטואציעס. אש האט עס קיינמאל ניט געטאן. א פאר ליבווערטער „דער שטארקער האנט פון פראלעטאריאט" האבן זיך בא אים ארויסגעריסן בלויז אין פייער פון 1905 („מאמענטן"), עפשער דערפאר, וואס די רעוואליוציע פון 1905 האט געהאט צו פארעטפערן אין דער ערשטער ריי דעמאקראטיש-בורזשואזע אופגאבעס. און דאס איז געווען גאר: אש האט קיינמאל ניט געקוקט אפן ארבעטער-קלאס, ווי אף א גרויסן סאציאלן קויעך, וואס איז בארופן איבערצובויען די גאנצע וועלט אף נייע יעסוידעס. אין זיין שאפן, וואס איז צוזאמענגעקוועטשט צווישן צוויי גרויסע רעוואליוציעס, האט אש שטענדיק פארזען די גרויסע קעמפעריש-עטישע, אופבויענדיקע קויכעס, וואס ס'טראגט דער פראלעטארישער קאמף. פארקערט, ער האט אין פראלעטאריאט געזען א בלינדע סטיכיע, „א ווילדע, צעשטערנדע קראפט" („ווארשע").

אש איז ניט קיין קליינבירגערלעכער שרייבער. ער איז דער דיכטער פון דעם יידישן מיטלבירגערטום אין דער עפאכע פון אימפעריאליזם און פראלעטארישע רעוואליוציעס. אין אט דער עפאכע לעבט איבער זיין קלאס א קעסיידערדיקע יערידע. עס שלאגט איבער אים אומבערעכנדיק דער גרויס-קאפיטאל, די בענק, די גרויסאינדוסטריע — פון אויבן, — די פאראראמונג פון די ברייטע הארעפאשנע שיכטן, דער פראלעטארישער קלאסנקאמף — פון אונטן. עס מערן זיך די סאציאלע קאטאסטראפעס — מילכאמעס, רעוואליוציעס, פאגראמען. ער זינקט קעסיידער, עס שליידערט אים אן אומהיימלעכע קראפט אף אונטן, — און מיט אלע זיינע קויכעס רייסט ער זיך אף ארוף, קוקט ארוף צו דער גרויסבורזשואזיע, ווארט אף אירע יעשועס, גייט האכנאעדיק היינצוטאג אין פאשיסטישן שפאן, גלויבט נאך אלץ ניט אין זיין ענדגילטיקער יערידע, טרייסט זיך מיט זיין אמאליקער גרויסקייט, קלאמערט זיך קרענקלעך בא זיין ייכעס, כאלעמט וועגן אמאליקן אנזען, אמאליקע גוטע יארן. און זיין גאנץ ביטער הארץ, זיין גאנצן אנציינערדיקן קאעס לאזט ער אויס צו דער ארבעטער-באוועגונג, צו דער רעוואליוציע, צום באלשעוויזם.

מיט א געחאלכיקער טריישאפט איז אט דער זינקענדיקער קלאס געקומען צום אויסדרוק אין אשס שאפן.

# 7. אייניקע אויספֿירן

„דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק לעבט אין אַ גרויסן קאַסטן שיימעס, באַהויכט מיט הייליקן שטויב, און אויף דעם ליגט אויסגעגאָסן דאָס ייִדישע כיינדל“
ש. אַש. „שטעטל“.

דער אַנאַליז פֿון אשס שאַפֿן ווערט פֿאַרשווערט דורך קעסטיידערדיקע אידעאָלאָגישע וואַקלענישן, וואָס גייען אַדורך אַלע זײַנע ווערק, אָנגעהויבן פֿון דעם „שטעטל“ און געענדיקט מיט דער לעצטער טרילאָגיע — „פֿאַרן מאַבול“. אַ וואַקלדיקע קונסט איז אשס קונסט, און דערמיט דערקלערט זיך אויך דער ניטגלײַכער קינסטלערישער ווערט אַפֿילע פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דעמזעלביקן ווערק בײַ אַשן. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ פֿעסטע סיסטעם אין אשס וואַקלענישן, אַ פֿעסטע געזעצמעסיקײַט אין דער אַמפּליטודע פֿון זײַן אָפּשטויסן זיך און ווערן צוגעצויגן.

אַש רײַסט זיך טאָמיד אויף אַרויף, קוקט אַרויף צו די הויכע פֿענצטער, דאָרט, ווו ס'איז דאָ זאַטקײַט, פֿעסטקײַט, מאַכט, — און ווערט טאָמיד צוריקגעשלײַדערט אַראָפּ, אונטן. זײַן אידעאַל איז דער אײַנגעפֿונדעוועטער גאָמבינער, דער זאַט רוענדיקער שלוימע נאָגיד, דער פֿעסטער און ניטבויגזאַמער אַלטער מירקין, דער ביטאָכנדיקער אַלטער מײַזנער, דער זאָרגלאָז-עפּיקורייִשער קאָוואַלסקי —, און אַן אומהיימלעכע קראַפֿט שלײַדערט אים טאָמיד אַראָפּ צום אומרויִק זוכענדיקן מישען, צום צעבראָכענעם יונגן מירקין, צו דער פֿאַרפֿײַניקטער מוטער, צו די באַנקראָטירטע, כאָרעוו געוואָרענע לעדערערס און סטאַונס. פֿון אידילישע פֿאַרשלאָפֿענע שטעטלעך און פּראָספּעריטי-פֿינקלענדיקע פֿירמעס „ברידער מאָזעס און סאַלאָמאָן זלאָטניק“ ווערט ער צוריקגעשלײַדערט צו בילדער פֿון כורבן און אונטערגאַנג, צום „ראָוו“, צו דער כמיעלניצקי-קאַטאַסטראָפֿע, צום שטעטל, וואָס גויסעסט אויף אָנקל מאָזעסעס בוידעם. פֿון אָט דער טראַגישער צעשפּאָלטנקײַט האָט אַש געשטרעבט זיך ראַטעווען אויף צוויי אופֿאַנים: פֿאַרלייגנדיק די אַקציִע אין שטעטלדיקן אַמאָל, אַנטלויפֿנדיק נאָך טרייסט אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, — און אידעאַליזירנדיק דעם אופֿגעקומענעם יונג, יענעם, אין וועלכן ס'איז פֿאַרייניקט אי דער אונטן, אי דער אויבן, די נעכטיקע שווערע

פאטיע. דאָס זײַנען דרײַ געשטאַלטן: דער אַלטער מירקין, דער יונגער מירקין, און אַנאַטאָל. דער אַלטער מירקין איז דער פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל, פון „יענער שעפערישער ענערגיע — ווי אַש דריקט זיך אויס — וואָס ווערט פאַר-טריבן פאַר פּאַראַזיטיש-עקספּלואַטאַטאָריש". דער יונגער מירקין פלאַפּלט סימ-פּאַטיש וועגן דעם מענטשן, ווען מען סידערשטיקט די סיסטעם, וועגן דאָגמעס, וועגן מיטלייד צו די „נײַע לײַדנדיקע" — דער אונטערגייענדיקער בורזשואַזיע — און ראַטעוועט זיך אין דעם פאַשיסטישן פּוילן. און אַנאַטאָל — איז אַ בונ-דיסט-מענשעוויק, אַ מין אַבראַמאָוויטש — ערלעך, וואָס איז, לויט אַשן, דער עמעסער פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציע, פונעם סאָציאַליזם, דער יעניקער, פאַר וועמען די רעוואָליוציע איז „פרוי און קינד, ניט קיין כאַסענע, נאָר דאָס אכרײַעספולע לעבן". (301).

עס איז צו באַגריסן, וואָס דידאַזיקע דרײַ-אייניקײַט — גרויסקאַפּיטאַליסט, מענשעוויק און דער פאַשיסטישער קינסטלער, וואָס באַדינט זיי און באַזינגט זיי — קומט אַזוי דײַטלעך צום אויסדרוק אין אַשס לעצטן ראָמאַן.

לעכער שוצפארב. די קלײנבירגערלעכע באַפאַרבונג איז בלויז די שוצפארב, די מימיקריִע פון אַ מאָדערנעם פאַשיסטישן שרײַבער. הייסט דאָך אפילו די פאשיסטישע פארטיי פון דײַטשלאַנד „נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע" פארטיי, ווארפט זי דאָך ארויס פאר די מיליאָניקע מאסן פון פאראָרעמטן קלײנבירגערטום און אָפגעשטאַנענע ארבעטער — דעמאגאָגישע, מיקלוימערשט ראדיקאַלע לאָזונגען. די־זעלביקע דערשײַנונג גייט אָבער אָן אויך אין דער קונסט.

אין דער פוילישער ליטעראטור האָט אין די לעצטע יאָרן דער בוילעט פאַשיסטישער קאדען-באנדראָווסקי, פילסודסקיס א מעקורעוו, געשאפן א סעריִע ראָמאַנען, „די שווארצע פליגלען", פון דעם לעבן פון פוילישע שאכטיאָרן אין דאָמבראָווער באסיין, און איר ווער דאָרט געפינען סצענעס, ווי מע קאטעוועט אין דער פוילישער דעפענזיווע, שילדערונגען פון דער מוירעדיקער עקספּלואַטאַציִע פון ארבעטער אין די פוילישע קוילן-גרובן, און קאָמוניסטן שנײַדן אָפּ בא אים בעסער, ווי פ.פ.ס., וואָס ווערן געשילדערט, ווי לאַקייען פון דער בורזשואַזיִע און פאָליציי אין די גרעלסטע, פינצטערסטע פארבן. דאָס איז די קלײנבירגערלעכע שוצפארב פון באנדראָווסקיס פאַשיסטישן ראָמאַן. אָבער, ענלעך ווי בא אשן, האָט יעדע פון דידאָזיקע שילדערונגען א ספּעציפישן בײַטאַם. אומענטשלעך-גרויזאם איז דער קוילן-מאגנאט, ווײַל דאָס זײַנען פ ר ע מ ד ע קאפּיטאַליסטן, פראנצויזן, בעלגיער, דײַטשן, ניט פּאָליאַקן. מע קאטעוועט אין דער דעפענזיווע, — ריכטיק, צי קען מען עס אָבער ניט טאָן לײַטישער, ניט ס׳זאָל אופגערודערט ווערן גאנץ אייראָפּע? פפ״ס טויג ניט — וואָרעם ס׳איז פאראן אן אייגענער, נאָך מער געהאָרכזאמער לאָקיי — די בב״ס.[1] קאָמוניסטן זײַנען אָפּט ערלעכע לײַט — אָבער ווילדע פאנאטיקער, מעשוגאָיִם. און דער פּראָלעטאַריאַט גופע איז טאקע פינצטער, כוישעך — צי קען דידאָזיקע פארעלנטע, אויסגעזויגטע ביזן לעצטן טראָפּן מארך מאסע פאָרשטעלן אן ערנסטן סאָציאַלן, וועלט-באפרײַערישן קויעך?

אָטאָ דער „אָבער", אָטאָ דער „ניט דאָס בין איך אויסן", אָטאָ דער בײַטאַם איז אָבער דער הויפּט-טאַם פון אשס, באנדראָווסקעס שאפונגען, יענער טאַם, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש ארײַנגעשמוגלט דורך די „הומאניטאַרע" שילדערונגען פון מענטשלעכן עלנט און נויט, פון עקספּלואַטאַציִע און אונטערדריקונג.

---

און גאָר דײַטלעך, גאָר אן אקטועלע באַדײַטונג באַקומט אשס „מאָסקווע", ווען מיר דערמאָנען זיך, ווער זײַנען די טרעגער פון אשס אידעאָלאָגיִע, ווער זײַנען די פּאָזיטיווע העלדן פון זײַן ראָמאַן, וועמען שענקט ער צומייסטן סים-

1) ב. ב. ס. — די א.ג. „פראקטער", וואָס גייען ארײַן אין פילסודסקיס „אומפּארטײַישן בלאָק"

אין סאבאקל איז עס יענץ הייזעריק, באנאל-געמיין לידל, וואָס סקריפּעט זייַט דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע אין דער גאנצער בורזשואזער פּרעסע.

עס לוינט צו פאַרצייכענען, אז אין אַש׳ס לעצטע דריי ראָמאנען האָבן מיר א באַשטימטע קליינבירגערלעכע באַאַרבונג: אידעאַליזאַציע פון דעם אָרעמאַנגליק פון דעם לערער און זייַן מישפּאָכע, בילדער פון נויט און עלנט פון דער יידישער אָרעמשאַפט אין פּוילן, א גרויסע מייַסטערהאַפטע שילדערונג פון דעם טויט פון א רעוואָליוציאָנער א. א. וו. אַפילע בענעגייע „מאָסקווע" האָט זיך אַש אין אינטערוויו אויסגעדריקט, אז ער האָט זיך באַמיט צו זייַן ווי ווייַט מעגלעך אָביעקטיוו. עס קלינגט ווי כויזעק, דידאָזיקע אָביעקטיווקייַט-דעקלאַראַציע פון א שרייַבער, וואָס שטעלט אַנטקעגן דעם קעמפנדיקן רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד פּילסודסקיס פּוילן, ווו „ס׳איז דאָך בעסער ווי עס איז געווען". אין אַש׳ס לעצטן ראָמאַן דריקט זיך אויס די „אָביעקטיווקייַט" אין א כויזעקשילדערונג פון דער רוסישער גרויסבורזשואַזיע, וואָס לאַכט זיך אויס פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, נעמט זי ניט ערנסט ביזן לעצטן מאָמענט; אין א סאַרקאַסטישער שילדערונג פון דעם באַרימטן יידישן אַדוואָקאַט, וואָס דעקלאַמירט וועגן רוסלאַנדס „בעסטע זין", וואָס וועלן דאָס לאַנד באַפרייַען פון די באָלשעוויקעס, און ווערט צום סאָף אַכזאָריעסדיק דערהאַרגעט פון א קאָזאַק, איינעם פון דידאָזיקע „בעסטע זין"; אין א ניכטערער, פאַרניכטנדיקער שילדערונג פון די ווייַסגוואַרדעיִשע אַרמייען און אָפיצערן.

יעדע פון דידאָזיקע „אָביעקטיווע" שילדערונגען פאַרמאָגט אָבער אן „אָבער", א באַוואָרענישל, א באַהאַלטענעם מיין. דער כויזעק איבער דער צעטומלטער, דעגענערירטער רוסישער גרויסבורזשואַזיע — איז די ביטערע וואָרענונג פון א פּאַשיסטישן שרייַבער צו זייַן קלאַס, ער זאָל בא דער נאָענטסטער רעוואָליוציאָנערער סיטואַציע אין מייַרעוו-אייראָפּע וויסן, וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען. די סאַרקאַסטישע באַציִונג צום קערענסקי-אַדוואָקאַט פאַרוואַנדלט זיך צום סאָף אין אן אַפּאָטעאָז, אין א דערהויבענער שילדערונג פון זייַן מאַרטיראָלאָג. דער אַלטער מירקין, דער באַנקיר און גרויס-אונטערנעמער, וואָס האָט שוין אין די פריִערדיקע ראָמאַנען שטאַרק אימפּאָנירט אַשן, וואַקסט אויס אין „מאָסקווע" אין א גרויסע העלדישע פיגור, און זייַן עטיק שטעלט אַש אַנטקעגן דער עטיק פון די קאָמוניסטישע פירער רישקאָוו און מאַרעק. אַפילע דעם דעגענערירטן זון פון דעם אַדוואָקאַט, מישענקען, באַווייַזט אַש ריינצוּוואַשן אין דעם לעצטן טייל פון דער טרילאָגיע. און נאָך דער שילדערונג פון דער צעפוילטער ווייַסער אַרמיי קומט א קאַפּיטל „כאַווער מאַרעקס מעלוכע", וואָס באַהאַנדלט די גרויזאַמקייַטן פון טשעקאַ.

דידאָזיקע „אָביעקטיווקייַט" באַטייַט, אז אַפן איצטיקן עטאַפּ פון גראַנדיעזן קלאַסן-קאַמף, פון ריזיקן עלנט פון מיליאָניקע מאַסן, איז שווער פאַרן פּאַשיסטישן אידעאָלאָג אַרייַנצודרינגען אין די ברייטערע מאַסן אָן דער קליינבירגער-

מיטן אויסברוך פון דער מילכאָמע פאר די ייִדישע היימלאָזע, ווערט אָפּגע־שניטן פון ווארשע און זײַן קאלע, און נאָך א פּאָר יאָר פאלט ער אריַין אין קעסל פון די אָקטיאבער־געשעענישן. פּיער ווערט סאָף ראָמאן שיר ניט א דע־קאבריסט, זאכאר מירקין ווידער ווערט שיר־שיר ניט א באָלשעוויק, אלנפאלס נעמט ער אן אקטייון אָנטייל אין די אָקטיאבער־שלאכטן און ווערט זייער כאָשעוו אין די אָנפירנדיקע קאָמוניסטישע קרײַזן. נאָר פאמעלעך פארגייט מירקינס שיקרעס: ער זעט איַין, אז מען איז מאקריוו מענטשן צוליב א דאָגמע. „אלע מײַנע סימפּאטיִעס — זאָגט מירקין־אש — נויגן זיך טאָמיד צו יענער זײַט, וואָס לײַדט, און ווײַל איצט איז דער צווייטער צאד (ד. ה. די בורזשואזיִע) דער לײַדנדיקער, געהערן אים מײַנע סימפּאטיִעס״ (380). „צו זײַן דערשרעקנדי־קער ערשטוינונג האָט ער אנטדעקט, אז זײַנע געפילן נויגן זיך איצט, ווי א באראָמעטער, אף דער זײַט פון די נײַע אָרעמע — די רײַכע״. און מירקין שלאָגט זיך אלכעט: „מײַן פעלער איז באשטאנען אין דעם, וואָס אָנשטאָט אינעם מענטשן האָב איך אָנגעהויבן גלויבן אינעם סיסטעם״. ביפראט רעגט אים אוף די אוולע, וואָס ווערט באגאנגען לעגאבע דער ייִדישער בורזשואזיִע. „איבערנאכט איז דורכן געזעץ פארוואנדלט געוואָרן א פאָלק פון לאָיאלע ארבעטנדיקע בירגער, וואָס האָבן צוליב דער אונטערדריקונג דורכן צארישן רעזשים געלייגט די גאנצע האָפענונג זייערע אף דער רעוואָליוציִע, אין קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן און פארברעכער״. מירקין רײַסט מיט זײַן באָלשעוויסטישער סוויווע, און געפירט פון דער וויזיע פון „אייביקן ייִדן״, אנטלויפט ער פון באָלשעוויסטישן געגעם אונטערן שוץ פון „די ערשטע פוילישע גרענעץ־סאָל־דאטן״. ער קומט אָן אין ווארשע, צו זײַן קאלע און איר פאָטער, און ווען דער לערער דערציילט אים זײַן אנטוישונג מיטן „באפרײַטן פוילן״, ענטפערט מירקין־אש: „און דאָך איז עס בעסער ווי עס איז געווען״...

דאָס אלץ רעדט א קלאָרן פאשיסטישן לאָשן. ניט קיין ווונדער, אז אין אשס נארישן פאמפלעט זײַנען די קאָמוניסטן אָדער ווילדע פאנאטיקער, אָדער דעגענעראטן, אָדער ווידער צוגעשמירטע קאריעריסטן. אפילו לענין פיגורירט עטלעכע מאָל אין אשס ראָמאן, און איז בא אשן פול מיט ספייקעס. אסאך פלאך ווידמעט אש דער שילדערונג פון „טשעקא״ אין באקאנטן פאשיס־טישן נוסעך. אן אנדערער וויכטיקער קאָמוניסטישער טוער, רישקאָוו, איז א געוועזענער גאסן־יונג, אכזיאָרעסדיק, פארביסן־קאלט, פארליבט זיך אָבער אין א געוועזענער גראפינע. דידאָזיקע ליבע איז לויט אשן אן אויסדרוק פון נעקאָמע פון א געוועזענעם פויער איבער זײַנע נעכטיקע באלעבאטים און פײַניקער. ארום דידאָזיקע ערלעכע פאנאטיקער ווימלט אָבער מיט קאריעריסטן, טונקעלע געשטאלטן פון דעם טיפּ „מישקע מאָלאָדיעץ״, און יעווסעקן, וואָס זײַנען אכזאָריעסדיק און „ערגער פון די גויִים״, טאקע ווײַל זיי ווילן דערשטיקן אין זיך דאָס פּינטעלע ייִד.

פאראזיטיש-עקספּלאָאַטאַטאָריש״, פון דער „ווילדער, צעשטערנדער קראַפט״. עס ווערט פאמעלעך דעשיפרירט, אז די פילאנטראָפּישע „רעכט אַף ארבעט״ צילט צו שפּאלטן די אינטערנאציאָנאַלע סאָלידאריטעט פון דעם ארבעטער-קלאס און שאפן ארום דעם ייִדישן פאבריקאנט א שאָוויניסטישן שוץ-וואל פון ייִדישע ארבעטער.

8

ביידע דיקע ראָמאנען, „פּעטערבורג״ און „ווארשע״, זײַנען אָבער בלויז א פּראָלאָג צום דריטן וויכטיקסטן טייל פון דער טרילאָגיִע, וואָס הייסט „מאָס-קווע״ און באהאנדלט שוין דירעקט די אָקטיאבער-רעוואָליוציִע. דאָ לויפן זיך צונויף די אידיישע פעדים פון דער גאנצער טרילאָגיִע; דאָ הייבט אָן אש ריידן א ביז גאָר דײַטלעכן לאָשן. די בורזשואזע עקספּלואטאציִע פארטיידיקט אש מיט דערזעלביקער פּאטאליסטישער ארגומענטירונג, ווי אין זײַנע ראָמאנען פון אמעריקאנער לעבן („אָנקל מאָזעס״, „כײַים לעדערער״, „טויט-אורטייל״), ווי טאָלסטאָי די פּריצישע לײַבאייגנטימער אין „מילכאָמע און שאָלעם״: „נעם, צ. ב. אונדזער באציִונג צו די בורזשויען! אין זייער לעבן און ווירקן זײַנען זיי געווען, ווי יעדערער פון אונדז, דער פּראָדוקט, איך וואָלט געזאָגט, דער קאָרבן פון צײַט און אומשטאנדן. מיר אָבער ווייסן גאָרניט א כוץ נעקאָמע. זיי זײַנען דאָך אָבער אויך א טייל פון דער מענטשהײַט, פאר וועלכער מיר האָבן באפרײַט די וועלט!״ „אָקטיאבער — פריידיקט אש — איז א נײַע בלוט-דורשטיקע געטשקע: אמאָל איז עס געווען דער מאָלאָך, די רעליגיִע, דער צאר, דאָס פאָטערלאנד, — הײַנט הייסט עס — „אָקטיאבער״ (415) [1]. די אידייע פון קאָמוניזם איז א גרויסע אידייע, אָבער — זי איז פארוואנדלט געוואָרן אין א דאָגמע. אש האָט אלזאָ בלויז איין טײַנע צום קאָמוניזם: לעמײַ איז ער ניט פארבליבן א שיינע אידיי, לעמײַ ציט ער אָן אף זיך בלוט און פלייש, לעמײַ ווערט ער פארווירקלעכט אין לעבן...

דער ראָמאן הייסט „מאָסקווע״, ער האָט אָבער אייגנטלעך געדארפט הייסן „ר י ג ע״, ווײַל דאָס ביסל ידיִעס, מאטעריִאלן און געדאנקען, וואָס אש פאר-מאָגט וועגן דער אָקטיאבער-רעוואָליוציִע, געהערט צו יענעם שוין בארימט געוואָרענעם ארסענאל פון בילבולים, באָבע-מײַסעס, פלוידערײַען און אנעקדאָטן, מיט וועלכע ריגע באזאָרגט „פון סאמע עכטן קוואל״ די בורזשואזע געלע פרעסע. דער גאנצער ראָמאן דערמאָנט היפש די בארימטע „Развесистая клюква“.

טאָלסטאָיס פּיער איז, ווי באקאנט, ווי א יאָוון אין סוקע ארײַנגעפאלן אין דער סאמע שלאכט פון באָראָדינאָ. דער יונגער מירקין זאָרגט פילאנטראָפּיש

---

1) ציטירט לויטן דײַטשישן טעקסט, פארלאג פאול צאָלניי, בערלין 1930. אין דער נאָר וואָס דערשינענער אויסגאבע אין ייִדיש — ז. ז. 380, 414, 405, 403, 430.

שטעקט אויס אַ בעטלענדיקע האנט צו די דאָזאָרעס. דאָס פּאסט זיך פּונקט פאר אײַך.

„דער זשאָכלינער איז בלייך געוואָרן, געביסן די ליפּן און געענטפערט: — לאָמיך נאָר וויסן, אז איך קאָן דערמיט עפּעס העלפן; איך וועל אפילע שנאָרען גיין פאר ארבעטער, וועלכע ווערן געפּרוּוירן". („וואַרשע", 236—237).

אָפּשטויסנדיק דעם ייִדישן ארבעטער אין געטאָ, איזאָלירנדיק אים פון דעם קלאסן-קאמף און די שלאכטן פון דעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאַט, בלײַבט פארן בונד בלויז דער וועג פון „שנאָרן גיין פאר ארבעטער". און דער בונדישער באַרימטער לאָזונג פון „רעכט אף ארבעט" איז בלויז אַ פאָרם פון אָט דעם שנאָרן גיין. דאָ קומען זיך צונויף די וועגן פון מירקינען — מישען — אַשן און פון דעם בונד. ווי מישע, טײַנעט אויך מירקין, אז ס'איז ניטאָ קײַן קלאסן-קאמף אין דער ייִדישער סוויווע, ווײַל ס'איז ניטאָ קיין ייִדישער פּראָלעטאריאַט, ווײַל „אַ גאנץ פאָלק איז איבערגעבליבן אין זומפּ... עס רײַסן זיך אָפּטמאָל ארויס איינצלנע און אנטרינען, ראַטעווען זייער לעבן, אָבער די מאסן, די גרויסע מאסן בלײַבן ווײַטער אף שטענדיק שטעקן אין זומפּ. ווי קאָן מען דאָ רעדן וועגן אָרגאַניזירן די מאסן צו אקטיווע טאַטן, אָנשליסן זיי צו דער איבעריקער ארבעטנדיקער מענשהײַט? וועמען וועט איר דאָ צוזאַמענעמען? די קראַנקהײַט, די נויט?" אלזאָ, מען דארף פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאסן. ווי אזוי? מירקין-אַש האָט דערויף אַ געניאַלע טשוווע: דורכדעם, וואָס ייִדישע פאבריקאַנטן וועלן צונעמען ייִדישע ארבעטער. דער בונד כאַפּט זיך אָן באַ דער דאָזיקער אידייע, און מירקין פאָרט מיטן בונדס בראָכע אין לאָדזש צום „באַרימטן ייִדישן טעקסטיל-פאבריקאַנט הענעך פלאַקס" (פאָרטרעטירט ווײַזט אויס פון דעם באַרימטן בלוט-זויגער אָשער קאָן, דעם אייגנטימער פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור", דעם ליבלינג פון דער בורזשואַזער ייִדישער פּרעסע). דער פאבריקאַנט דרייט זיך אָבער אויס מיטן טערעץ, אז ער קאָן ניט נעמען אף זיך די אַכרײַעס, וואָס טויזנטער ייִדישע אַרבעטער וועלן ארבעטן אום שאַבעס, און מירקין-אַש אַגיטירט אים היציק: „דער ייִדישער פאבריקאַנט אָן ייִדישע ארבעטער-מאסן — איז ווי אַ דאַר צווײַגל אין דער ערד אַרײַנגעשטאָכן אָן אַ וואָרצל. איר זענט דאָך עלנט. און ווי אײַער ענערגיִע זאָל ניט זײַן שעפּעריש, וועט זי אַלץ פארשריגן ווערן פאר פּאַראַזיטיש-עקספּלאָאַטאַטאָריש, דערפאר, ווײַל איר שטייט איינער אליין" (!). מירקין-אַש דראָט אפילע דעם ייִדישן פאבריקאַנט: „יעדע ענערגיִע זוכט זיך אויס איר אויסוועג פאר טעטיקײַט. נוצט מען זי ניט אויס פאר אַ בויענדע, פארוואַנדלט זי זיך אין אַ ווילדע צעשטערנדע קראַפט" („וואַרשע", 325, 329).

אזוי ארום ווערן אופגעדעקט די קלאסן-וואָרצלען פון אַשס פילאַנטראָפּיִע, וואָס מיינט ניט דעם ארבעטער, נאָר דאָס פארהיטן די „שעפּערישע ענערגיִע" פון פאבריקאַנט, וואָס ווערט, נעבעך, אומזיסט און אומנישט „פארשריגן פאר

זיך געדאכט, אז דער ייִד דערגרייכט ערגעץ ווו מיט זײַנע הויכע הענט די ניט געזעענע וועלטן. און פּלוצלונג, טײַטלענדיק מיט זײַן מעכיקער האנט צו דעם לויכטנדיקן ליכטל אין דעם ווינטער-פאלאץ, זאָגט דער ייִד אין א בעטנדיקער, מעטאלענער פּעסטער שטימע, וואָס איז געווען, דאכט זיך, נישט פון זײַן קעל, נאָר פון ערגעץ-ווו נאָך טיפער: ווארפט דײַן אנגסט אף די גאָיִם, וואָס קענען דיך נישט"... (190). אין „ווארשע" באווײַזט זיך ווידער דערדאָזיקער „אייביקער ייִד", מיט אזא מין כאראקטעריסטיק: „אויגן וואָס האָבן אין זיך ארײַנגעזאפּט אלע ייִדישע אויגן צוזאמען; די אויגן פון אומענדלעכער שרעק, פון אומדער-שיטערטן גלויבן"... (349). דער אייביקער ייִד ליפערט אויך מירקינען דעם ענדגילטיקן באווײַז פאר דער עקזיסטענץ פון גאָט: „ווי אזוי וואָלט דאָס מינדעסטע ווערימל א מינוס געקאָנט בלײַבן בא זײַן לעבן, דאָס קלענסטע גרעזל בליען, דער שטיין וואקסן (?), ווען עס וואָלט זיך ניט פירן פון פריער לויט פעסטגעזעצטע געזעצן און כוקים? אויב אזוי, טאָ פארוואָס זאָל ניט זײַן קיין סייכל-האיאָשאָר אין גאַנצן, אין גרויסן, אין דעם פירן פון דער וועלט?" באוואָפנט מיט אזא טעלעאָלאָגיע און טעאָלאָגיע, קאָן שוין מירקין פארזיכערן דעם בלאָנדשנדיקן יעשיווע-באָכער, אז „די וויסנשאפט לייקנט ניט אָפּ די עקזיסטענץ פון גאָט" („ווארשע" 138). און וויבאלד אזוי, פארוואָס זאָל אשס ווייכהארציקע „וויסנשאפט" לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון אן „אייביקן ייִדן", וואָס דערגרייכט „די ניט געזעענע וועלטן"...

באם לערער אין שטוב באקענט זיך אָבער מירקין אויך מיט בונדישע טוער, און אסאך פּרינציפּן פון דעם בונדס טעאָריע און פּראקטיק נעמט ער אוף מיט סימפּאטיע. דעם בונד שילדערט אש מיט אסאך סימפּאטיע, טאקע דערפאר, ווײַל כאָטש דער בונד אָפּערירט מיט א פראזעאָלאָגיע, וואָס דער-מאָנט קלאסן-קאמף, גייט ער אָבער ווײַט ניט אוועק פון מירקינס און ראָכל-לייעס, דער לערערקעס פילאַנטראָפּיע. דער בונד באגיטיקט ראָכל-לייעס דע-מאָנסטראציע צו דער ווארשעווער ייִדישער גמינע, און ס'אנטוויקלט זיך דער פאָלגענדיקער אינטערעסאנטער דיספּוט צווישן דעם בונדיסט זשאָכלינער, ראָכל-לייען און דעם רעוואָליוציאָנערן סאָציאליסט, דעם לערערס ייִנגל:

„פּלוצים האָט זי (ראָכל-לייע) זיך אופגעכאפּט: — איך וויים, וואָס איך וועל טאָן. מען דארף צונויפנעמען א פּאָר צענדליק הונגעריקע ארבעטער מיט די ווײַבער און קינדער און גיין אין דער ייִדישער גמינע נאָך קוילן, אז ניט וועלן מיר שויבן האקן.

— כא, כא, כא! לאכט דאָס ייִנגל.

— וואָס לאכסטו?

— פילאנטראָפּיִע.

„היי, פאניע סאָציאליסט — ווענדעט זיך דאָס ייִנגל צום זשאָכלינער — גייט נעמט די הונגעריקע ארבעטער און פירט זיי אין דער ייִדישער גמינע,

לעכקײַט, פאר גוטן הארץ, וואָס קען מילדערן דעם מענטשלעכן עלנט. דאָקטאָר לייזעראָוויטש ווערט איצט פארביטן דורך דעם לערערס ווײַב, ראָכל-לייע, וואָס ווערט נאָך העלער, מיט אסאך קונסט און ליבע געשילדערט. ראָכל-לייע — דאָס איז די „מוטער" פון דעם אמעריקאנער ראָמאן, אָבער אסאך באוווסטזיניקער, פראָגרעסיווער, אף אסאך א העכערער מאדרייגע באנומען. אין דער „מוטער" גייט די פרוי ניט ארויס פון די ראמען פון מישפּאָכע-לעבן, בעיס מאדאם הורוויץ געפינט צײַט סײַ פאר די אייגענע, סײַ פאר צענדליקער אָרעמע שכיינים און באקאנטע. אשס באליבטע סכעמע ווערט בלויז פאנאנדערגעוויקלט, אָבער ניט געענדערט: „זי האָט מיטגעבראכט פון אירע מוטערס א שטארקן גלויבן אין ׳מאן, אז ער איז באשאפן געוואָרן פאר העכערע זאכן, וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די קלייניקײַטן פון טאָג-טעגלעכן לעבן" (59). „קיין זאָרגן, קיינע צאָרעס זײַנען ניט אימשטאנד געווען צו ברעכן איר שטאָלצע האלטונג. מיט דער שטארקער, הויך-אנטוויקלטער ברוסט פאָרויסגעשטרעקט פאר זיך, איז זי געגאנגען ווי א מ ו ט ע ר-ז ע ל נ עַ ר, וואָס ווייס איר פליכט און איר ווערט..." (אשס קורסיוו. „ווארשע", 57). און ענלעך שנײַדט זיך איר טאָכטער העלענקע. זי פרעגט מירקינען: „דו האָסט מיך ניט ליב. פארוואָס פארלאנגסטו פון מיר דעם קאָרבן?" דערויף האָט „מירקין געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און אָפּגעענטפערט: דו ביסט געווינט דערצו, דײַן מאזל איז אזעלכער." (347). בענעגייע דער סאָציאלער שטעלונג פון דער פרוי איז אלזאָ אש געבליבן בא דעם ניצשעאניש-מאנצבילשן אטאָ-בעכארטאָנו. האָבן מיר שוין דאָ הייסט עס פרויד פּליוס ניטשע...

צום ערשטן מאָל אין לעבן באקענט זיך מירקין מיט גרויסע ייִדישע מאסן און געפינט „זייער סאָד" — דאָס איז אָבער דערזועלביקער סאָד, וואָס אש האָט אים שוין אנטפלעקט 20 יאָר פריער אין „מערי". מישע געפינט דעם סאָד אין דעם בעסמעדרעשל פון „ראָוו", מירקין — אין א לאָדזער כסידישן בעסמעדרעשל אפן באלוט, וואָס „דאָרטן האלט זיך אוף דער סאָד פון דער ייִדישער נעשאָמע, דער געראנגל מיט דעם מאזל פון דער וועלט, וועלכן ער (?) פירט פון ערשטן טאָג אָן." (347). „מירקין פלעגט אין די אָוונטן ארײַנקומען אומבאמערקט אין דעם בעסמעדרעשל ארײַן, אוועקגעזעצט זיך אין טונקלקײַט און באטראכט מיט אָפענע אויגן און אויערן אלץ, וואָס קומט דאָרט פאָר, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיך אופנעמען די אלע סוידעס פון דער ייִדישער נעשאָמע" (346). פארגליכן מיט „מערי", איז אָבער דער „סאָד" אין אשט לעצטע ראָמאנען נאָך קלעריקאלער, נאָך ווילגערער אינסצענירט: אש פירט ארײַן, ענלעך ווי אין „קידעש-האשעם", א טעאטראל-מיסטישע געשטאלט, א מין „אייביקן ייִדן", וואָס באוואכט מירקינס וויכטיקסטע שריט. ס׳איז דער פאָרזיצער פון דער טאָלעסטינער קעהילע כאָמקין — א נײַע וואריאציע פון דעם הייליקן שנײַדערל אין „קידעש-האשעם". אין „פעטערבורג" ווערט ער אזוי געשילדערט: „מירקינען האָט

אָרעמען לערער. אין „פּעטערבורג" זײַנען קימאַט אַלע העלדן דעגענערירט, סטירעדיק — אין „וואַרשע" ווימלט מיט גאַנצע, ליכטיקע כאַראַקטערן, און אַש מאָלט זיי מיט אַסאַך ליבע. ביידע ראָמאַנען זײַנען שטאַרק צעצויגן, פול מיט איבעריקע עפּיזאָדן, וואָס טאָרמאָזירן די האַנדלונג. אין „וואַרשע" וואַקסט אויס די צאָל אַרײַנגעשטעלטע עפּיזאָדן, צופעליק אַראָפּגעכאַפּטע געשטאַלטן און סצענקעס, וואָס זײַנען אָפּט פאַר זיך גאַנץ געלונגען, פאַרהאַלטן אָבער די אַנטוויקלונג פון דער ראָמאַן. וואָרעם סײַ ווי איז עס אַ „ניט דאָס בין איך אויסן" — ראָמאַן, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטיש-מאָראַליזאַטאָריש ווערק, און אַזעלכע ווערק לאָזן טאָמיד איבער פּלאַץ פאַר פאַרשיידענע אַרײַנגערוקטע אינטערמעדיעס.

די פאַנאַנדערשטעלונג פון די העלדן איז דיזעלביקע, ווי אין „מערי" „ראָוו" — זײַנען די אָרעמשאַפט-קוואַרטאַלן פון וואַרשע און לאָדז; דאָקטאָר לייזעראָוויטש ווערט פאַרביטן דורכן לערער הורוויטש און זײַן פרוי; מישע—דורך מירקינען; דאָוויד, לייזעראָוויטשעס זון — דורך דעם לערערס זון, דעם רעוואָ-ליוציאָנערן גימנאַזיסט; די סאָציאַליסטישע יונגעלײַטלעך, וואָס אַגיטירן אין „ראָוו" — ווערן איצט פאַרביטן דורך פאַרשיידענע געשטאַלטן פון דעם „בונד". די סכעמע בלײַבט אַלזאָ דיזעלביקע, וואָרעם אויך אַשס אידעאָלאָגישע אײַנ-שטעלונג האָט זיך ווינציק געביטן. די גאַנצע סכעמע ווערט אָבער איצט אילו-סטרירט אויף אַסאַך אַ גרעסערן קאָנקרעטן מאַטעריאַל. האַלט זיך נענטער צו דער ווירקלעכקײַט, ווי אין „מערי".

אין דעם לערערס שטילער און אָרימער היים ווערט מירקינען נעגעבן די מעגלעכקײַט צו באַקענען זיך מיט דער וואַרשעווער נויט און אָרימקייט; ער באַקענט זיך, צום ערשטן מאָל אין לעבן, מיט גרויסע ייִדישע מאַסן; ער דער-וויסט זיך וועגן דער עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע פּאַרטייען בײַ ייִדן, און פאַרבינדט זיך ענג מיטן „בונד".

אָבער, שילדערנדיק מיט אַסאַך מײַסטערשאַפט בילדער פון נויט און עלנט שילדערנדיק פאַרשיידענע טיפּן פון אָרעמע ייִדישן קליינבירגערטום און פון האָרעפּאַשניקעס, ווײַזנדיק שוידערלעכע בילדער פון אַ שווערן ווינטער אין וואַרשע — ווײַזט ניט אַש דעמיעניקן קלאַס, וואָס פירט אָן מיט די פאַרצווייפלטע ראַדיקאַליזירטע האָרעפּאַשנע מאַסן — דעם פּראָלעטאַריאַט. ניטאָ קיין אַרבעטער אין דעם ברייט-אויפגעשוואָלענעם ראָמאַן! עס גיט צוווישן וועגן זיי בלויז אַ שטאַרקע שילדערונג פון אַן ערשטער-מײַ דעמאָנסטראַציע, און אַ באַשרײַ-בונג פון מירקינס אַ פאָרלעזונג בײַ אַרבעטסלאָזע, וואָס פאַרטרײַבן מיט רעכט דעם „יאָלד" דעם בורזשוק, וואָס וויל טאָן פילאַנטראָפּישע אַרבעט צווישן די מאַסן. זאָל ער גיין אין דער ייִדישער גמינע אויף גזשיבאָווסקע." („וואַרשע", 147). אַרבעטער-טיפּן ווערן אין דעם ראָמאַן ניט געגעבן.

אַלזאָ ווידעראַמאָל „ראָוו", אָרעמשאַפט-שילדערונגען אָן קלאַסן-קאַמף, און ווי אַ לאָגישער פועל-יוצא קומט פילאַנטראָפּיע, די אַגיטאַציע פאַר מענטש-

און ענלעך צו טאָלסטאָיען, געפינט אש . אין דערדאָזיקער צעפוילטער געזעלשאפט בלויז איין צדיק, וועלכן ס'לוינט ארויסצוראטעווען פון פעטערבורגער סדום. ס'איז דער יונגער מירקין, וואָס דערמאָנט שטארק טאָלסטאָיס פיער. אייגנטלעך, איז ניט גאָר קלאָר, אין וואָס באשטייט פיערס גרויסקייט. ווען ניט טאָלסטאָיס אידעאַליזירנדיקער ערנסט, וואָלט עס געווען א גאנץ פיינע אנעקדאָטיש-הומאָריסטישע געשטאלט, וואָס פלאָנטערט זיך טאָמיד אונטער די פיס, מאכט טאמעוואטע מיט קאָלערליי פאַקודסטוועס, האָט כאסענע מיט א פרוי, וואָס ער האָט זי פיינט, באקומט הערנער, פאלט אריין אין מיסטיק און אין הוליאנקעס, טשעפעט זיך צו צו דער שלאכט פון באָראָדינאָ, כאפט א קוק אף נאפאָלעאָנען, איז טאָמיד צעטראָגן און כאראקטערלאָז. דער יונגער מירקין איז פונקט אזוי טאמעוואטע און אומבאהאָלפן, פאסקודזיעט אָן צוביסלעך אפן פרווידיסטישן שטייגער, ווערט א כאָסן מיט נינאָטשקען, צו וועלכער ס'ציט אים ניט, און זינדיקט מיט איר מוטער, כאפט פעטש פון זיין טאטן עפשער גאנץ בארעכטיקטע, פלאָנטערט זיך ארום סיי אין פעטערבורג, סיי אין ווארשע און ווייס ניט וואָס ער וויל, גריבלט זיך נאטירלעך אין זיינע „טיפע" איבערלעבונגען און איז מיסטיש געשטימט. אש איז אָבער לייטזעליק און פירט אים ארויס פון געהענעם, מאכט אויך ווי טאָלסטאָי פון אים זיין הויפט-העלד, און אנטפלעקט אים מישעס קידעש-האשעם-מיסיע פון יידישן פאָלק. עפעס דערפון ווערט אים קלאָר אין פעטערבורג, די איבערגעבורט אָבער קומט פאָר אין ווארשע.

7

פעטערבורג — דאָס איז דער צאריזם. פעטערבורג — דאס איז די שטאָט פון צאר, פון די פירשטן, פון די סענאטאָרן און מיניסטעריומס, פון בלוטזויגערישע טשינאָווניקעס, פון רייכער צעפוילטער גרויסבורזשואזיע — און פון אָרעמע פארפאָלגטע בירגער פון רוסלאנד, וואָס קומען צוס וואָלף זוכן גערעכטיקייט, ביפראט יידן, וואָס געפינען אן אירמיקלאָט בא דער פילאנטראָפישער אייגנטימערין פון א שאנד-הויז, דער קוואסנעצאָווא. דעם פעטערבורגער פראָלעטאריאט ווייזט ניט אש. בלויז איינמאָל באווייזט זיך באם אדוואָקאט א רעוואָליוציאָנער — א יונגערמאן „מיט קימאט א צינישן שמייכל אף זיינע ליפן" (50), וואָס פאָדערט געלט אף רעוואָליוציאָנערע צוועקן — און די יידישע בורזשואזיע גיט עס אים מיטן געדאנק, אז ס'וועט איר געלינגען איינשפאנען די רעוואָליוציע אין איר רייט-וואָגן. פעטערבורג שילדערט אש ווי א געהענעם, ווארשע אָבער — אויב ניט ווי א גאנ-איידן, איז ווי א קאף-האקעלא, ווי „דעם ווע̇ג צו זיך", צום רייניקן זיך און לייטערן זיך פארן יונגן מירקין.

דער צענטער אין „פעטערבורג" איז די צעפוילטע שטוב פון דעם אדוואָקאט; אין "ווארשע" — די שטראלנדיקע, היימישע, ערלעך-האָרעפאשנע שטוב פון דעם

לעבט איבער דער בורזשואזער שרײַבער אַש מיטן אָנקום פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. און אַשס מעטאָד דערמאָנט טאַקע אין אַסאַך פּראָטים טאָלסטאָיס ליניע אין „מילכאָמע און שאָלעם“.

אין די פּינצטערסטע פאַרבן שילדערט אַש די פּעטערבורגער ייִדישע גרויס־בורזשואזיע. דער גרויסער, באַרימטער אָדוואָקאַט — איז אַ שײנרעדנער, אַ פראַזיאָר, פאַרליבט אין זיך און זײַנע רעדעס. „סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט פײַנט געהאַט צו ווערן איבערגעשלאָגן אַפילע פון זײַן אייגן ווײַב. רעדן איז בא אים געווען דער לעבן, זײַן שאַפונגס־פאָרם“ (145). אין אַ שטורמישן, קריטישן מאָמענט שרײַט אויס זײַן אייגענע ווייב: „ווערטער, ווערטער, ווערטער! איך בין שוין קראַנק פון די ווערטער. אונדזער גאַנץ לעבן האָבן מיר אָפּגעלעבט מיט ווערטער. מיט שיינע, געטאָקטע — נאָר פראַזן, בלויזע, ליידיקע, גאָרניט טויגנדיקע.“ (411). דער אַדוואָקאַט שטאָלצירט מיט זײַנע פּרינציפּן, אָבער פאַקטיש איז עס אַ פּרינציפּלאָזער עגאָיִסטישער מענטש. ער איז דער „גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקער“ — מע טאָר אָבער ניט אין זײַן אָנוועזנהײַט דערמאָנען דעם ביילים־פּראָצעס, וואָרעם מע האָט אים דאָרט ניט אײַנגעלאַדן פאַר אַ פאַרטיידיקער. ווען ס'וואָלט נאָר געווען דער מינדסטער אָנשפּאַר, וואָלט ער פאַרטיידיקט דעם אַנטיסעמיט און פאַרשווענדער אַקימאָוו — און דאַפקע זיך אָפּגעזאָגט פון האָנאָראַר. ער איז אַ קאַפּעטשקע אָפּאָזיציאָנעל געשטימט צום צאַריזם — און האַלט לויבגעזאַנגען דער „רוסישער נעשאָמע“ אין אָטדעם סטיל: „דעראָבערט אונדז, ווי איר ווילט, מיט געוואַלט, נאָר דערנאָך זײַנען מיר אַלע אויסגעקאָכט געוואָרן אין איין קעסל, וואָס הייסט רוסישע נעשאָמע.“ און דידאָזיקע „רוסישע נעשאָמע“ פירט גלײַך צום גרויסרוסישן שאָוויניזם, קעגן אַלע, „וואָס ווילן זיך אָפּברעכן און אונדז צעברעקלען“. די ביטערע סאַטירע, אַשס סאַרקאַסטישער צוגאַנג צו אָט דער געשטאַלט פון אַ ייִדישן קאַדעט גילט אין טאָך אַ מער אַלגעמיינער פּאָליטישער דערשײַנונג, ס'איז דאָס פּאַשיסטישע כויזעק מאַכן פון קערענשטשינע. דאָס ווערט ביפראַט בוילעט אין דריטן טייל פון דער טרילאָגיע, אין „מאָסקווע“. — זײַן פרוי, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, איז אַן אויסגעלאָשענע האָלאָוועשקע, אַ בודואַר־דאַמע וואָס האָט אַמאָליקע יאָרן ווײַזט אויס אַ לעב געטאָן, און נאָך איצט ווילדעווען שטורעמס אונטער איר רויִקער האַלטונג. די טאָכטער, נינאָטשקאַ, קאַפּריזנע און צעטומלט, דרייט זיך אין אַ פאַרדעכטיקער געזעלשאַפט, און האָט גאָר אַ נייגונג צום אַלטן מירקין, מיט וועלכן זי האָט שפּעטער טאַקע כאַסענע. אַ פּיירע איז דעם אַדוואָקאַטס זון, מישענקאַ, וואָס צאַפּט אויס דאָס לעצטע ביסל געלט בא דער דינסט־מיידל, וואָס איז אין אים פאַרליבט, און נאָך גאָר יונג הייבט ער אָן צו הוליען בעסאָד פון זײַן פאָטער. סאַרקאַסטיש שילדערט אויך אַש אַ ריי גרויסע גווירים, וואָס פאַרזאַמלען זיך באַם אַדוואָקאַט אויף אַ זיצונג.

דער פּראָלעטאַרישער וועלט-רעוואָליוציע, ווי דאָס פּלאַצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער קייט אין איינעם פון אירע שוואַכסטע רינגען, נאָר ווי א נעקאָמע-אַקט פון מיליאָנען שוידערלעך-אונטערדריקטע מענטשן. דער טראָפּ ליגט אַף דער פעאָדאַלער שוידערלעכקייט, אַכזאָריעסדיקייט פון צאַריזם. אשס קריטיק פון דעם צאַרישן רוסלאַנד איז בעכיין א בורזשואַזע קריטיק, וואָס וויל אַגעווקאָריגירן געוויסע שרייענדיקע אוולעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ביכדיי צו ראַטעווען דאָס גאַנצע, דאָס וויכטיקסטע — דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט-אייגנטום.

דער אופן, ווי אש פירט דורך דידאָזיקע קריטיק, דערמאָנט שטאַרק טאָלסטאָיס „מילכאָמע און שאָלעם". עס איז א גאַנץ געזעצמעסיקע דערשיינונג. אן ענלעכע סאָציאַלע סיטואַציע האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אש זאָל יאַרשענען טאָלסטאָיס מעטאָד. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז טאָלסטאָיס עפּאָפּעע מאַכט אױ-פֿערלעך א שטאַרק ראַדיקאַלן איינדרוק. די הויכע פּריצישע געזעלשאַפט ווערט בא טאָלסטאָיען געשילדערט אין די פינצטערסטע פאַרבן. פּירשט וואַסילי איז א כיטרער צוואַק, זיין זון אַנאַטאָל — א קאַלטבלוטיקער באַלעטייוועניק, זיין צווייטער זון איפּאָליט — אן אידיאָט, זיין טאָכטער — פּוסט און אויסגעלאַסן, און די גאַנצע געזעלשאַפט — פּאַראַזיטיש, ציניש, פאַרדאָרבן. עס טיילט זיך אָפּ פון זיי און ווערט זיי קעגנגעשטעלט דער טאַמעוואַטער, פּראָסטער און טמימעדיקער פּיער. אָבער „מילכאָמע און שאָלעם" איז וויַט ניט קיין אַנטי-פּריצישע ווערק. פאַרקערט: געשריבן אין די שטורמישע 60-ער יאָרן, מיטן געפיל, אַז די ערד וואַקלט זיך אונטערן פּריצישן קלאַס, אַז ס'דראָט א קאַטאַ-סטראָפע — שאַפט טאָלסטאָי א געניאַלע אַפּאָלאָגיע פון פּריצישן קלאַס. די פאַטאַליסטישע אידייע דאַרף אַראָפּנעמען פון פּריצישן קלאַס די שולד-פראַגע; די שילדערונג פון פּויערישן בונט אין באָגוטשאַרי דאַרף דערוויַזן, אַז פּויערשע בונטן זיַינען ניט געפערלעך, אומגעלומפּערט; פּיער און קאַראַטאַיעוו דאַרפן דעמאָנסטרירן, אַז ס'איז מעגלעך א ברידערונג צווישן פּאָרעץ און פּויער, — אַף דער באַזע פון מענטשלעכקייט סטאַם; די מילכאָמע קעגן נאַפּאָלעאָנען פון 1812 ווערט אַזוי באַלויכטן, אַז ס'באַקומט זיך א היסטאָרישע אילוסטראַציע צו אָט דער פאַרברידערונג-אידייע. די שאַרפע קריטיק פון דער פּעטערבורגער הויכער געזעלשאַפט איז סאָפּקאָלסאָף אופּריכטיק געגעבן, וואָרעם טאָלסטאָי איז אין אָטדעם פעריאָד א פאָרשטייער פון יאָרדישן פּראָווינציעלן פּריצנטום, וואָס פילט זיך באַאוולט דורך דעם גרויספּריצישן שיכט אין דער נאָר וואָס דורכגעפירטער פּויערים-רעפאָרם. די קריטיק פון גרויספּריצישן שיכט איז אַלזאָ ניט קיין קריטיק פון דער גאָרער פּריצישער סיסטעם; פאַרקערט, דער יעשדיקער פּרווו צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך נאָר.

שרייבנדיק „מילכאָמע און שאָלעם", האָט טאָלסטאָי מיט שרעק געזען א טהאָם, וואָס דראָט איינשלינגען זיין גאַנצן קלאַס. אן ענלעכע סיטואַציע

לערערקע — ביז ער פארליבט זיך אין איר טאָכטער, העלענקען, ווײַל „דר ביסט אזוי ענלעך צו מײַן מוטער" („ווארשע", 373). די צווייטע אַקס פון עדיפּ־קאָמפּלעקס איז האס און אָפּנייגונג צום פאָטער. און דער יונגער מירקין צערײַסט טאקע מיט זײַן פאָטער; אין העסקעם מיט פרוידיז לערע נעמט אים צו דער פאָטער זײַן קאלע.

דידאָזיקע גאנצע ארטילעריע, די זקיינישע עראָטישע פילאָסאָפיע פון דער אונטערגייענדיקער בורזשואזיע ווערט ארויסגעשטעלט אין קאַמף קעגן דעם נײַעם עטאפּ פון דער רעוואָליוציע — קעגן אָקטיאבער. די נעגאטיווע באציונג צו דער רעוואָליוציע איז פארצייכנט שוין אין טיטל פון דער סעריע: „פארן מאבל". די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז א מאבל, א שטראָף פון דעם גאָט פון נעקאָמע.

די דרײַ ראָמאנען זײַנען אויך א כראָנאָלאָגישע פאָרזעצונג פון „מערי". מיר קערן זיך אום צו די פּעטערבורגער סאלאָנען, נאָר א פּאָר יאָר שפּעטער ווי אין „מערי", אנערעך אין יאָר 1913. אָבער איצט איז אשס אופמערקזאמקײַט צוגעשמידט צום לעבן פון דער ייִדישער גרויסבורזשואזיע אין רוסלאנד פאר דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, ניט צום באָהעמע־לעבן — כאָטש ס׳פעלן ניט א ביסל באָהעמע־טיפּן און באשרײַבונגען פון פּעטערבורגער נאכט־לעבן. דער בארימטער ייִדישער אדוואָקאט און זײַן פרוי, וואָס זײַנען אין „מערי" געווען עפּיזאָדיש סקיצירט, ווערן איצט ברייט געשילדערט. אין „מערי" הייסט דער אדוואָקאט — סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש גליצענשטיין, איצט אין „פּעטערבורג" — סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש גאלפּערין; זײַן פרוי אין „מערי" — נאטאליא מיכאילאָוונא, „א טונקעלע שארפע ברונעטקע, געווען יונג, געווען שיין, מיט שווארצע, שטארק־געצייכנטע ברעמען און גרויסע באלעבטע אויגן... געדיכטע שווארצע האָר" („מערי", 161) — אין „פּעטערבורג" — אָלגא מיכאילאָוונא — „א מיטליעריקע, א דיקלעך געבויטע ברונעטין, מיט שווארצע, גלאנצנדיקע זײַדענע האָר, שווארצע שארפע ברעמען, לענגלעך־געשניטענע אויגן" („פּעטערבורג" 9). קלאָר, ס׳איז דיזעלביקע געשטאלט. אין „מערי" איז זי ייִנגער און אגרעסיווער. אויספירלעך ווערט געשילדערט אויך א צווייטע גרויס־בורזשואזע מישפּאָכע — דער באנקיר און אונטערנעמער מירקין און זײַן מישפּאָכע. עפּיזאָדיש זײַנען געשילדערט אויך פארשיידענע אנדערע ייִדישע קאפּיטאליסטן.

---

דער ציל פון אשס נײַע ראָמאנען איז צו דערווײַזן, אז דער באָלשעוויזם איז א טיפּיש־רוסישע דערשײַנונג, אז מעגלעך געמאכט האָט אים בלויז די דוואָריאניש־צארישע רעגירונג מיט אירע גרויזאמקײַטן. אנדערש געזאָגט, ווען אין רוסלאנד וואָלט פאר דער מילכאָמע געשטאנען באם רודער אן אויסגעשפּראָכן־בורזשואזע רעגירונג, וואָלט צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע ניט געקומען. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע ווערט ניט באנומען ווי דער פּראָלאָג צו

מוטער-געשטאלט; פון „יעקום פורקן" — פאן קוואיאטקאָווסקי. דער הויפּטסקעלעט איז אָבער גענומען פון „מערי". פון זייַנע פארשיידנסטע ווערק האָט אלזאָ אש אויסגעבאָרגט געשטאלטן און אידייען, ארויסגייענדיק אין קרייצצוג קעגן דער אָנשיקעניש פון זייַן ליבן נאָמען — דעם באָלשעוויזם.

ער האָט אָבער אויך גערופן צו הילף גרויסע גייסטער פון דער וועלט-ליטעראטור, — טאָלסטאָיען, ביפראט זייַן ווערק „מילכאָמע און שאָלעם". דער יונגער מירקין איז א מין פיער-געשטאלט. העלענקע, דער לערערקעס טאָכטער, דערמאָנט זשעראָמסקיס פרויען-געשטאלטן, ביפראט יאָאשא פון „היימלאָזע מענטשן".

עס כאזערט זיך איבער די קידעש-האשעם-פילאָסאָפיע פון „מערי" און אנדערע ווערק, ווי א קעגן-גיפט צו דער רעוואָליוציע. אש באָרגט אָבער אויס נאָך איין מעטאפיזישע אידייע פון דער גויסעסדיקער בורזשואזיע: „פארן מאבל" איז א סעריע ראָמאנען אין פרוידיסטישן גייַסט. אין „מערי" האָט קאָוואלסקי ביצשעאניש געפרעדיקט, אז די מאכט פון דער פרוי ליגט אין איר פארשקלאפונג. אין „מוטער" ווערט עס אנטוויקלט און אילוסטרירט, און ס'ווערט געפריידיקט, אז די פרוי דארף זייַן א פוס-בענקל פארן מאן, אז זי דארף אָפּערן מיט זיך, ביכדיי מעגלעך מאכן די אנטוויקלונג פון דעם מאנס טאלאנט. אש זינגט דאָ א לויב דווירעלען, ווייַל זי גייט אין די האכנאָעדיקע דראָכים פון איר מוטער. אין „פעטערבורג", „ווארשע" ווערט שוין די מוטער-פּראָבלעם געשטעלט פרוידיסטיש. עס ווערט אין אשס לעצטע ראָמאנען אנטוויקלט פרוידס טעאָריע פון דעם עדיפּ-קאָמפּלעקס, פון דעם זון, וואָס מוז ליב האָבן (אויך פיזיש סעקסועל) זייַן מוטער און מוז פייַנט האָבן זיין פאָטער. די מוטער-פּראָבלעם ווערט איצט געשילדערט קרענקלעך-עראָטיש. דער יונגער מירקין דערקלערט זיך אין ליבע נינאָטשקען, ווייַל ער איז פארליבט אין איר מוטער; ער בעט בא איר מוטער נינאָטשקעס האנט, „ווייַל איך וויל איר זאָלט מייַן מוטער זייַן" (142). שפּעטער פאראט ער טאקע זייַן קאלע מיט דער מוטער, מיט אָלגא מיכאילאָוונא. און אָלגא מיכאילאָוונא האָט ער ליב, ווייַל זי אסאָציירט זיך אין זייַן פאָרשטעלונג מיט זייַן מוטער. דער עצעם-אקט ווערט געשילדערט אין פרוידיסטישע בילדער: „אין זיך האָט ער איצט געהאט אָלגא מיכאילאָוונא... יאָ, אָלגא מיכאילאָוונען אליין, א נאקעטע, מיט אירע שטארקע, דיקע, מוטערלעכע ברוסטן." און וויבאלד זי איז א מוטער, איז ער, זאכארי מירקין, א קינד: „עס איז געווען דאָס קינדערשע געוויין אין זייַנע אויגן, דער קינדערשער כאָלעמדיקער פארלאנג אין זייַנע ליידן, דאָס קינדערשע געשריי אין זייַנע אויסגעשטרעקטע הענט צו איר, וואָס האָט זי אָנגעבונדן צו איר הארץ מיט ראכמאָנעס צו אים... אין זייַנע נאָזלעכער און אָפן מויל זייַנען געקומען צושלאָגן מוטער-וועלן..." (ז. 312, 322, 323, „פעטערבורג"). שפּעטער, צוליב דיזעלביקע טייַמים, איז מירקין ניט גלייַכגילטיק צו דער

ארום וועלכער זי דרייט זיך. און ווײַבאלד מישע — ד. ה. אשס שטעלונג צו דער רעוואָליוציע, קאָוואלסקי — ד. ה. אשס עסטעטישער קרעדאָ — האָבן זיך שוין דײַטלעך און ענדגילטיק ארויסגעזאָגט אין „מערי", האָט אש דעם צווייטן טייל פונעם ראָמאן געמוזט שלעפּן איבער אָפּגרונטן פון פוסטקייט. און אזעלכע אָפּגרונטן, ווייזן מיר, פארשיט אש טאָמיד מיט קאָלערליי שונד-עראָטיק פּליוס רעוואָלווער-סענסאציע.

א שוידערלעך נישטיקע זאך, אשס „וועג צו זיך". א שלעכטער קינאָ-ראָמאן. צוערשט מאכט עס אן אײַנדרוק פון אויבערפלעכלעכע רײַזע-נאָטיצן, פון א בעדעקער-ראָמאן. מישען זעען מיר: אין א דײַטשישן שטעטל, אין בערלין, אין פּאלעסטינע, אויף דער רײַזע אין אמעריקע, ענדלעך צוריק אין „ראָוו". נאָך א גרעסערן כיבעט-האקייוער מאכט דורך „מערי": בערלין, זאקאָפּאנע, ווין, פלאָרענץ, רוים, שווייץ, פּאריזש א. א. וו. — פּאָר יעדער שטאָט — א פּאָר זײַטלעך, וווּ אש אנטפּלעקט פארן געפּלעפטן לייענער זײַן גאנץ ביסל האָטעל-ערודיציע. און אינמיטן דערינען א רעוואָלווער-מײַסע: דער יונגער יאש בליום דארף אין אופטראָג פון פּפּ"ס דורכפירן אן אטענטאט אויף א הויכן צארישן באאמטן, דערשרעקט זיך, וואקלט זיך — און פירט ניט אויס דעם אטענ-טאט. — דערצו א היפּש ביסל עראָטיק. און א פּאָרציע „מיסטיק": די טויטע ראכעל באווײַזט זיך מישען און גיט אים צו ביטאָכן אויף זײַן שווערן וועג, ווי א מעלאמעד אין „ראָוו".

שוין איינמאָל א ראָמאן!

6

עס איז דורכויס געזעצמעסיק, אז ווען אש איז קימאט 20 יאָר שפּעטער ארויס באקעמפן די אָקטיאבער-רעוואָליוציע, איז ער צוריקגעקומען צום שמאָך פון „מערי". און קעגן דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט אש מאָביליזירט אלע רעסורסן פון זײַן קונסט, און ניט נאָר פון זײַן אייגענער קונסט; זײַן גאנץ ביסל אָרעמע פילאָסאָפיע — און צוגעבאָרגט זיך פון דער פרעמד. אויף אזא אופן איז די ראָמאנען-סעריע „פארן מײַבל" („פּעטערבורג", „ווארשע", „מאָסקווע") דער סאכאקל פון אשס גאנץ שאפן.

פון „מערי" נעמט אלזאָ אש די אדוואָקאטן-מישפּאָכע און די סצענע פון דעם פאָטער, וואָס לעבט איבער אין טפיסע דעם טויט פון זײַן זון, דעם רע-וואָליוציאָנער; די עקזעקוציע-סצענע — פון די „מאָמענטן"; פון „קידעש-האשעם", „דער טויטער מענטש", א שנירל פערל" — די געשטאלט פון דעם פּאָרזיצער פון דער טאָלעסטינער קעהילע; פון „יונגע יאָרן" — די געשטאלט פונעם אידע-אליסטישן לערער, וואָס צו אים קומען אָן יונגעלײַט, מאסקילים-אָנפאנגער; פון „מאָטקע גאנעוו" — די געשטאלט פון דער פּאפּיראָסניצע-סוכאָטניצע; פון דער „מוטער" — די פרוי פון לערער, ראָכל-לייע, א העכערע מאדרייגע פון דער

אפילע בא קאָוואַלסקען: צ. ב. „אזא ווײַזיכט ווי זייערס פארגעסט מען נישט" (27), פארגלײַך אויך ז. 29, ווו נאָך „פיל מוזיק" קומט בא קאָוואַלסקען דער פארגלײַך מיט דרײַ קאלעס.

זײַט „מערי" הייבט אָן פליסן אין אשס שאפן (אָבער בלויז אין ווערק מיט אן אויסגעשפּראָכענער קאפּיטאליסטיש-בורזשואזער אידעאָלאָגיע) א שטאר-קער שטראָם פון דײַטשמעריזמען. אש שרײַבט אין „מערי" קעסיידער „פאר-טרויענפאָל" און „געהיימניספאָל". „געגניבער די דאמען". „אז מע פארוויגערט דאָס אים". „א מין ארטיק ריידן". „מערי איז געווען ארויסגעקומען פון קומער. „נאציאָן, רעליגיאָן". „זייער אן אמיזאנטע שפּראך". קעסיידער „איך ליב צו זען צוערשט". מישע האָט אָפּגעענטפערט „קורץ און פארמיידלעך" (?). „קאמערא-דיש". „האלב אין דעמערונג". „מישע האָט פרײַנטלעך אמפאנגען קאָוואלסקעס ליבלעך-לעכעלן". „אן אבשידסאָוונט צו ערן איר כאוועטע". „די טעג צו ווירנדע כאלוימעס". „הייטערע שטימונג". — א. א. וו. א. א. וו.

אויך דאָ זעט זיך אָבער אָן די סטירעדיקײַט פונעם ראָמאן. די דײַטשמע-ריזמען זײַנען אין „מערי" טאָמיד ענג פארבונדן מיט דער קאָוואלסקי-ליניע, ד. ה. מיט דער אימפּרעסיאָניסטיש-עסטעטיזירנדיקער ליניע פונעם ראָמאן.

דער פּראָצענט דײַטשמעריזמען פאלט מאָמענטאל, ווען אש הייבט אָן אנטוויקלען זײַן געזעלשאפטלעכע פּראָגראַם, [illegible] אויף מאָלן, און הייבט אָן אגיטירן, נעמען שטעלונג צו דער רעוואָליוציע [illegible] איר פּראָבלעמאטיק. די דײַטשמעריזמען זײַנען צוליב דעם ניט וועזנטלעך פאר יענעם קאָמפּלעקס אין ראָמאן, וואָס מיר האָבן אים אָנגערופן מישע-פּלאן.

„מערי" איז אלזאָ א ראָמאן, ווו אש רײַסט זיך צו דער גרויסבורזשואזיע און איר קונסט-סטיל — דעם אימפּרעסיאָניזם (וואָס איז אין טאָך ראנטיע-קונסט); עס זיגט אָבער און צערײַסט דעם ראָמאן דער רוף פון זײַן אייגענער שיכט, פון דער אָפּגייענדיקער האנדל-בורזשואזיע, — עס זיגט די מישע-אידעאָלאָגיע.



ווו אש האָט ניט וואָס צו זאָגן, — קומט שונד. און אין דעם צווייטן טייל פון „מערי" — אין „דעם וועג צו זיך" האָט שוין אש גיט וואָס צו זאָגן. זײַן גאנץ ביסל פּולווער האָט ער שוין אויסגעשאָסן אין „מערי". שוין אין „מערי" האָט מישע אנטדעקט די קידעש-האשעם-קאָנצעפּציע און ס'האָט זיך אנטפּלעקט צו אים די וויזיע פון דעם אייביקן שיף פון דעם פאָלק ייִסראָעל, וואָס פאָרט פון פאָרט צו פאָרט ביזן סאָף פון אלע דוירעס. אין פּאלעסטינע האָט זיך בלויז בא אים פארפעסטיקט דערדאָזיקער געדאנק. איז עס טאקע דער איינ-ציקער לעבעדיקער עפּיזאָד אין דעם „וועג צו זיך". און ווער איז קאָוואלסקי און מערי — האָבן מיר שוין גאנץ גענוי זיך דערוווּסט אין „מערי". און מערי, די „קינסטלערן אָן קונסט". שײַנט טאָמיד נאָר מיט דעם ליכט פון יענער זון,

אין „מערי" מאַכט אַש די אָנשטרענגונג אַריבערצוגיין צום אימפּרעסיאָניסטישן מאָלעריש-מוזיקאַלישן פּייזאַזש; די פּלאַסטישקייט פאַרשווינדט, די קאָנטורן ווערן צעשוווּמען. עס הייבט אָן דאָמינירן די קלעק-טעכניק. די קלאָרע דיפערענצירונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן נאָר וואָס ציטירטן ווינטערדיקן שטעטל-פּייזאַזש, ווערט צעשמאָלצן אין דעם ליכט- און שאָטן-שפּיל. עס פאַרשווינדט די פּערזאָניפיצירונג, דאָס איבערטאָן פון וואָלקנס „אין ייִדישע קאַפּאָטעס". די „בוימער זקיינים" בלאָנקען נאָך אַרום אין „מערי", א ירושה פון אַלטן סטיל, אָבער אַש געלינגט שוין צו געבן אַזא מין קאָנסעקווענט-אימפּרעסיאָניסטישן פּייזאַזש:

"זיי זײַנען געגאַנגען ביידע האַנט אין האַנט אין ווינטערדיקן פאַרנאַכט. אין לופט האָט מילכאָמע געהאַלטן די זונען-ליכט, וואָס איז גויסעדיק אויסגעגאַנגען אין עק האָריזאָנט, מיט דעם לעוואָנע-ליכט, וואָס האָט זיך ווי א שטערן-רעגן געגאָסן פון הימל אַראָפּ. דאָס ליכט האָט זיך צונויפגעמישט, און בוים און פעלד האָבן זיך געהילט אין א ציטערדיקן נאַכטלעכן, ליכטנדיקן וואָלקן-שאָטן. דער ליכט-טאָן איז אַזוי מוזיקאַליש געווען, ווי די איידלסטע ציטערנדע ברומען פון א זײַטנהאַרפע, וואָס גייט אויס אין א לאַנגער זיסער גסיסע"...
(„מערי", 134-133).

„די ייִדישע קאַפּאָטע" ווערט אָבער אַראָפּגעוואָרפן ניט נאָר פון פּייזאַזש, פון דער זשאַנער-שילדערונג, פון דעם כאַראַקטער. אַש ווערט געשטעלט פאַר דער נויטווענדיקייט איבערצובײַטן זײַן גאַנצן שפּראַכאײַגנס. „מערי" ווערט דיקטירט פון דעם ווילן צו באַנעמען די וועלט גרויסשטאָטיש-קאַפּיטאַליסטיש, און ס'קען דאָ ווינציק נוצן דער שפּראַכסטיל פון „שטעטל", ווו ס'איז צונויפגעשמאָלצן באַלעגופישע און יאָרדיש-באַלעבאַטישע לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע מיט דער העגעמאָניע פון באַלעבאַטישן סטיל. אָט איז א קלאַסישער בײַשפּיל פון אַזא מין צונויפגעשמעלצטן שפּראַך-נוסעך שוין אויף דער צווייטער זײַט פון „שטעטל": „דער שליסל פון קעלער הענגט אין קיך, בא יענטען (דאָס דינסט-מיידל), א ווילע טאָכטער, ברודער, אַז ניט קריגט זי קלעפּ. רעב יעכעסקל הייסט אַליין".

אַראָפּוואַרפנדיק די באַלעבאַטיש-שטעטלדיקע קאַפּאָטע, ווענדט זיך אַש צום אַלטן אויסגעפּרוּווטן שפּראַכמיטל, צום דײַטשמעריזם. פריער, אַשטייגער אין „מאָשיאַכס צײַטן", איז דער דײַטשמעריזם געווען א מיטל אָפּצולאַכן פון דעם בורזשוא, איצט ווערט ער א ווינקלשטיין פון א נײַעם, קאַפּיטאַליסטיש-בורזשואַזן, גרויסשטאָטישן שפּראַכסטיל. אַש לאַכט אָפּ פון דער דאַמע, וואָס שפּרעכט מיט קאָוואַלסקען דײַטש (66), אָבער פאַקטיש האָט די מאַדאַם גויווער געווען. קאָוואַלסקי איז פאַקטיש אין אַשס שילדערונג שוין אָפּגעגאַנגען פון זײַן קינדהײַטס-ייִדיש (ז. 60-61), זײַן ייִדיש געהערט צו אַשס פּרוּוו אויסצובויען א בורזשואַזן ייִדיש-סטיל. עמעס, פאַראַן אויך שטעטלדיקע רעצידיוון,

„און אכצן יאָר איז מערי דאן אלט געווען, און א געשטאלט האָט זי געהאט מער צו א ייִנגל געגליכן איידער צו א מיידל... און אויגן גרויסע און פֿײַערדיקע... און די האָר האָבן זיך איר געקרײַזלט אין לאָקן און זײַנען ווי פּייעס אראָפּגעפאלן איבער איר לענגלעכן געזיכט. און א שטערן האָט זי געהאט א הויכן, א געוועלקטן און א מאלכעסדיקן, און זי האָט אויסגעזען איצט, צווישן די קוסטן ווילדגראָז, וועלכע האָבן זיך שוין געטונקלט אין אָוונט-דעמערונג, ווי א ווערבעלע א יונגס מיט הענגנדע לאנגע צווײַגן...״ אין דער לירישער פאָרם פון א רעטשיטאטיוו ווערט דאָ געגעבן מערי ווי א מאָלערישער פלעק.

דערגרייכט פיל האָט אש אין פּייזאזש, און די פּייזאזשן פארנעמען אסאך פּלאץ אין „מערי״. דער פּייזאזש, ווי קאָוואלסקעס גאנצע עסטעטיק, דארף אָפּציען פון דער רעוואָליוציע, פינלאנד און די אימאטרע דארפן אָפּווענדן די אופמערקזאמקײַט פון דעם ברויזנדיקן רעוואָליוציאָנערן פּעטערבורג. דער פּייזאזש איז טאקע ס׳ראָוו אויסגעהאלטן אין קאָוואלסקי-טאָן, ווערט געמאָלט לויטן אימפּרעסיאָניסטישן קאנאָן: „דאָס ליכט איז די הויפּט-פיגור אין בילד״. אש מאכט דאָ גרויסע (און ס׳ראָוו געלונגענע) אָנשטרענגונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זײַן „כסידיש-נעגידישן״ פּייזאזש פון „שטעטל״, און עס שײַנט, אז אש לאכט אָפּ פון זיך אליין, ציטירנדיק אין „מערי״ דעם פּראָפעסאָרס ווערטל: „וואָס טויגן מיר דײַנע וואָלקנס, אז זיי זײַנען ייִדישע קאפּאָטעס?״ (98). מיר דערמאָנען זיך טאקע, אז אין „שטעטל״ האָט אש גערעדט „פון רויִקע, פרומע ערנסטע וואָלקנס״, פון „העל-זילבערנע, נעגידיש-כסידישע וואָלקנס״.

אראָפּווארפנדיק די ייִדישע „קאפּאָטע״ פון זײַנע וואָלקנס, זאָגט אש גלײַכצײַטיק אָן דעם איבערגאנג פון דעם האנדל-קאפּיטאליסטישן „שטעטל״-סטיל צום בורזשואזן, קאפּיטאליסטיש-גרויסשטאָטישן. דער פּייזאזש אין „שטעטל״ איז געווען פלאסטיש, ענג צוגעפאסט צו דער פארקאפּיטאליסטישער, באלעבאטישער פאָרשטעלונג-וועלט:

„ווינטער איז עס. גאָטס וועלט איז אינגאנצן אין שניי פארטרונקען. אונדזער הימל, ווי אן אלטער באלעבאָס אין טאכריכים, שטייט זיך באם ברעג, קוקט זיך צו צום פארפרוירענעם טײַך — זײַן שאָכן און עס שווײַגט, ביז דער טײַך וועט צו טכיִעס-האמייסים אופשטיין. דערווײַל איז דער טײַך געשטאָרבן, געפרוירן, און מיט א ווײַסן קיטל אײַנגעהילט... אף די רוקנס בערג קריכן נידעריקע בוימעלעך. איין בוימל, באדעקט פון קאָפּ ביז די פיס אין שניי, האָט זיך אפּן שפּיץ בארג ארופגעכאפּט, עס שטייט איינס אליין אינדערהויך און עס קוקט זיך ווײַט און ברייט אין דער ווײַסער וועלט״... („שטעטל״, א הײַזל בא דער ווײַסל, אונדזער קורסיוו).

א יאָר שפּעטער אָנגעשריבן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראטור — דאָס איז בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען", ווו דער טראָפּ ווערט אָבער געשטעלט אף דער העלדין. אָדער ווידער איז עס מעגלעך געווען בלויז אין דעם קידעש-האשעם-פּלאן — און אף אזא וועג איז טאקע אש שפּעטער אוועק אין „קידעש-האשעם" און אין „קישעפמאכערן פון קאסטיליע". אין דעם לעצטן ראָמאן איז דער קינסטלער שוין אן עפּיזאָדישע געשטאלט, שפּילט א טעכנישע ראָלע און איז שטרענג אונטערגעוואָרפן דער קידעש-האשעם-ליניע.

מערי האָט עס געזאָלט פארבינדן ביידע ליניעס. געהערט אָבער מערי, די בורזשואזע מיידל אָן טיפערע געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, דאָס באָהעמישע „ציגיינער-קינד" אינגאנצן צום קאָוואלסקי-פּלאן. מערים געשפּאָלטנקייט, איר שפּעטערדיקער צוריקומען צו מישען, איז פון אשן אויסגעקינצלט, איז אן אויסגעטראכטע זאך. אזוי ארום איז ניט געבליבן קיין שטאָף, וואָס זאָל צעמענטירן דעם ראָמאן.

דידאָזיקע סטירע, צעשפּאָלטנקייט זעט זיך אָן דייטלעך אויך אין דער קינסטלערישער אויספאָרמירונג פונעם ראָמאן, אין די פארשיידנסטע סטיל-קאָמפּאָנענטן פון „מערי". עס קען קיין שום סאָפעק ניט זיין, אז אש האָט געהאט בעדייע אויסבויען „מערי" ווי אן אימפּרעסיאָניסטישן ראָמאן. דאָס איז אָבער ניט געלונגען. ווי נאָר מיר שטויסן זיך אָן אָן דעם מישע-פּלאן (מישע, „ראָוו", לייזעראָוויטש א. א. וו.), פּלאצט דאָס אימפּרעסיאָניסטישע הייטל. אש ווערט רעאליסטיש. אָבער דער מישא-קאָמפּלעקס פילט דאָך אויס א היפּשן טייל פונעם ראָמאן...

אימפּרעסיאָניסטיש-עפּיזאָדיש בויט אלזאָ אויס אש די קאָמפּאָזיציע פון ראָמאן, וואָס רוקט זיך פון פלעק צו פלעק — איז עס ניט שלעכט אין דעם קאָוואלסקי-פּלאן, און שעדיקט דעם מישע-פּלאן, ווו ס'איז גראָד נייטיק, אז געשעענישן זאָלן געוויזן ווערן אין זייער דינאמיק, ניט ארופאלן פלוצלונג פון הימל. א ריי כאראקטערן ווערן איצט אבסאָליוט ניט פאנאנדערגעארבעט, ניט פארטיפט, ווערן איצט אָנגעוואָרפן ווי פלעקן — איז עס גאנץ גוט אין דער שילדערונג פון דער פּעטערבורגער באָהעמע, און פירט צו א ניטדערזאָגטקייט, בלייבט אף דער אויבערפלאך באם שילדערן פון מישע-קרייז. ווען קאָוואלסקי איז ניטדערזאָגט, איז „געהיימניספאָל", ווי אש דריקט זיך אויס, שטערט עס אונדז ניט. און אגעוו וואָלט באם דערזאָגטן, פאנאנאנדערגעוויקלטן קאָוואלסקי גלייך קלאָר געוואָרן זיין גייסטיקע פּוסטקייט. עס רעגט אָבער אוף און שטערט דעם קינסטלערישן ווערט פון ווערק די ניטדערזאָגטקייט פונעם רעוואָליוציאָנער דאָוויד און פון ענלעכע געשטאלטן.

אין דער דעקאָראטיווער כאראקטער-מאָלעריי באווייזט זיך דער עפּיגאָניש-אימפּרעסיאָניסטישער „און", וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר ניסטערס סטיל:

קאָן העכסטנס אויסמאָלן א גוטן פּייזאזש, און ניט מער. הערט אוף קאָוואלסקי צו מאָלן, ווערט ער אומגעהויער ניט אינטערעסאנט. ניטאָ מיט אים (און וועגן אים) וועגן וואָס צו ריידן. ווי ארציבאשעווס סאנין פּריידיקט ער אוילעם-האזע, לאכט אָפּ פון דער דיסקוטירנדיקער אינטעליגענטישער יוגנט: „ייִדישע טעכ-לאכט אָפּ פון דער דיסקוטירנדיקער אינטעליגענטישער יוגנט: „ייִדישע טעכ-לאכט" (75). מער — זאָגט קאָוואלסקי — קומען זיך צוזאמען, דיסקוטירן זיי: בא גויִם, אז מיידלעך קומען זיך צוזאמען, טאנצט מען, פרייט מען זיך און מע לאכט" (75). קאָוואלסקי האָט אָבער א טאָעס: סאנין האָט דיזעלבע טייַנעס בענויגייע די רוסישע סטודענטקעס... ווי סאנין און אלע אנדערע מאָדערניסטישע „אויבער-מענטשן" פּריידיקט קאָוואלסקי ניצשעאניש די אָרגאנישע מינדערווערטיקייַט פון דער פרוי, איר אונטערגעוואָרפנקייַט דעם מאנצביל — ער איז אָבער אָן א פּאר-גלייַך ריינער, פּאָזיטיווער פון סאנינען, אף וויפל ער איז דאָך א ש ע פ ע ר, בייס סאנין איז בלויז א פּאראזיטישער געניסער, א טייַוועדיקער פּוסטעפּאס-ניק. קאָוואלסקי איז אשס טרוים פון א גרויסבורזשואזער קינסטלער-קאריערע: ריינע עסטעטיק, קייַן שום געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, קאָסמאָפּאָליטיזם—אשס פאָרשטעלונג פון א קינסטלערישן אויבער-מענטש.

מע מוז אָבער אָנערקענען, אז אש האָט זיך דאָך אָפּגעריסן פון דעמדאָזיקן עסטעטישן כאָלעם; אז געזיגט האָט זייַן בורזשואזער קלאסן-אינסטינקט, געזיגט האָט אשס געזעלשאפטלעכער טעמפּעראמענט. די קאָוואלסקי-עסטעטיק איז גוט פאר דער אינטעליגענץ, וואָס וויל פארגעסן אירע יוגנט-כאטאָיִם, וואָס דארף דעמאָנסטרירן פארן זיגערישן צאריזם איר פולשטענדיקע אפּאָליטישקייַט, זי קען אָבער ניט פירן נאָך זיך די ברייטע קלייַנבירגערלעכע און בורזשואזע מאכן. דידאָזיקע מיסיע פירט אויס די מישע-ליניע: די רעוואָליוציע און די פּאָגראָמען; דער „ראָוו", ד"ר לייזעראָוויטש און זייַן מישפּאָכע — דער רעוואָ-ליוציאָנער דאָוויד, די טאָכטער ראָכעל און זייער קרייַז — דאָס אלץ געהערט צום מישע-פּלאן, צום געזעלשאפטלעכן פּלאן פון דעם ראָמאן.

דאָס האָט אָבער געבראכט דערצו, אז דער ראָמאן איז געשפּאָלטן געוואָרן.ביידע ליניעס פירן צו דעמזעלביקן רעזולטאט, אָבער מיט גרונטאויס-פארשיידענע דראָכים. קאָוואלסקי האָט קיין שום שייַכעס ניט צום מישע-פּלאן, און מישע האָט קיין שום שייַכעס ניט צו קאָוואלסקעס באָהעמע-וועלט. עס האָט זיך באקומען א „וואייסרויצעצו": צוויי ראָמאנען אין איין ראָמאן; א באָהעמע-ראָמאן אונטער דער פּאָן פון קאָוואלסקעס ניצשעאנישן עסטעטיזם און א פּאָ-גראָמען-ראָמאן אונטער דעם לאָזונג פון קידעש-האשעם. אן איינהייַטלעכער, גאנצער ראָמאן האָט זיך געקאָנט באקומען אָדער אויסשליסלעך אין דעם קאָ-וואלסקי-פּלאן — און דאן האָט אש געדארפט אויסשליסן דעם גאנצן אויבנאויס-גערעכנטן מישע-קאָמפּלעקס און איבערלאָזן בלויז קאָוואלסקען, מערין, איר יאָרדישע מישפּאָכע, און די באָהעמישע שילדערונגען. אן ענלעכער ראָמאן, ווו די געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען ווערן שטילשווייַגנדיק אויסגעשלאָסן, איז

שטומקײַט-אפּאָסטאָל א. װײַסער. אײנהאָרן באװײנט דעם לעצטן באַל-מפּילע. הילעל צײטלין באקומט א ברײטע אודיטאָריע פאר זײַנע קלעריקאל-רעאקציאָנערע „בריװ צו דער ייִדישער יוגנט". יעהויאָש באזינגט דאן די אנגעלוס-גלאָקן, יענע גלאָקן, קעגן װעלכע ס'איז ארויס אין קאמף מיט א יאָר צען פריער אונטערן דרוק פון דער ארבעטער-באװעגונג אװראָם רײזין. נאָמבערג פּרײדיקט אין דער „מישפּאָכע" דעם לאָזונג פון „נצח ישראל לא ישקר". זשיטלאָװסקי פּאָדערט „רעװידירן דעם קריסטוס-פּראָצעס". און בא אשן קריסטאליזירט זיך איצט ענדגילטיק די קידעש-האשעם-אידײע, װאָס אין אן אנדער װערק האָט ער זי אלײן קװאליפיצירט װי „אן אָטעם פון טויט".

4

בײדע ליניעס — קאָװאלסקעס עסטעטיזם און מישעס נאציאָנאליסטישער קלעריקאליזם — פלעכטן זיך אלזאָ צונויף, װײַל בײדע זײַנען פאָרמעס פון קאמף קעגן דער רעװאָליוציע. צוזאמענגעשטויסן קעגן זײַן װילן מיט א געזעלשאפטלעכער פּראָבלעם—פאָרמולירט גלײַך דער עסטעט קאָװאלסקי טיף-רעאקציאָנערע לאָזונגען, אשטײגער בא דער דיסקוסיע װעגן דער פרויען-פראגע: „די מאכט פון דער פרוי ליגט ניט אין איר באפרײַונג, נאָר אין איר פארקנעכטונג; װאָס מער זי װעט זײַן פארשקלאפט באם מאן, אלץ גרעסער װעט זײַן איר הערשאפט איבער אים" (77).

קאָװאלסקי איז בא אשן באהאנדלט געװאָרן מיט אסאך ליבע און סימפּאטיע. מיר האָבן דערמאָנט ליטעראַרישע האשפּאָעס (האמסון, ארציבאשעװ), װאָס פירן צו דערדאָזיקער געשטאלט. עס איז אָבער ניט װיכטיק צוליב צװײ טײַמים: ערשטנס, איז עס די טיפּישע ליבלינג-געשטאלט פון דער מאָדערניסטישער ליטעראטור, און מוסטערן און פאראלעלן צו איר קען מען ברענגען אָן א שיר. צװײטנס, דידאָזיקע טיפּישע געשטאלט האָט אש באװיזן צו קאָנקרעטיזירן, צוגעבן איר אײגענע, אינדיװידועלע שטריכן. װי האמסונס נאגעל, פאלט אראָפּ קאָװאלסקי פלוצלונג צװישן דער שטעטלדיקער אינטעליגענץ, איבערראשט זי מיט זײַן אָריגינעלקײַט, פארביקײַט. נאגעל איז אָבער אַן אינטעלעקטואליסטישער, ברײט-דענקענדיקער טיפּ, בעשאס קאָװאלסקי האָט בלויז עמאָציאָנעלע אינטערעסן און זײַן געדאנקען-װעלט איז מאָגער און בלוט-אָרעם ביז גאָר.

װעגן די קאָװאלסקיס האָט פלעכאנאָװ געשריבן: „די אימפּרעסיאָניסטן האָבן ארויסגעװיזן א פולשטענדיקע גלײַכגילטיקײַט צום אינהאלט פון זײערע װערק... די ליכט-עמפּינדונג איז אָבער טאקע בלויז עמפּינדונג, — ד. ה. נאָך ניט געפיל, נאָך ניט געדאנק. א קינסטלער, װאָס באשרענקט זײַן אופמערקזאמקײַט מיטן געביט פון עמפּינדונגען, בלײַבט גלײַכגילטיק צום געפיל און געדאנק. ער קען אויסמאָלן א גוטן פּײזאזש..." (באנד 14, 168). און בעעמעס, מיר שליסן אָפּ די באקאנטשאפט מיט קאָװאלסקען מיט דער איבערצײַגונג, אז ער

געזעלשאפטלעכן קאמף. מישע וועט אָבער גיין נאָך ווייַטער אף רעכטס, און מיט רעכט מורמלט דער אלטער נאראָדניק פון די 70-קער יאָרן: „א דאָר הייַנט! מיר האָבן כאסענע געהאט אָן כופּע-וועקוידישן, אָן א ראָוו, און זיי דארפן א שטרייַמל, כופּע-קדושן, — שיינע ראדיקאלן!".

פון די ביידע העלדן — מישע און קאָוואלסקי — איז מישע אשן נעענטער, ווייַל ער איז דער דירעקטער טרעגער פון אשס אידעאָלאָגיע. אש דארף זיי אָבער ביידן האָבן: קאָוואלסקעס „עסטעטיק" איז באשטימט פאר דער אינטעליגענץ, מישעס „סאָד פון דער נאציאָן" — פאר דער אסאך ברייטערער מאסע פון קליין — און מיטעלער בורזשואזיע. ביידע לאָזונגען האָבן זיך טאקע איבערגעפלאָכטן אין דער רעאקציאָנערער יידישער ליטעראטור פון די יאָרן 1907-1914. עס באווייַזן זיך די „ליטעראַרישע מאָנאטשריפטן" (1908), וואָס פריידיקן עסטעטישן „קולטור-רענעסאנס", — די ליטעראטור דארף בליען, ווען ס'האָט נאָך ניט אָפּגעטריקנט אין די גאסן דאָס אָקאָרשט פארגאָסענע ארבעטער-בלוט. די נעכטיקע „קאמפן" פון די פארטייעלעך פון יידישן קליינבירגערטום זייַנען מיטאמאָל פארגעסן געוואָרן: דעם זשורנאל רעדאגירן ברידערלעך דער נעכטיקער בונדיסט א. ווייַטער, דער נעכטיקער ס. ס. ש. ניגער און דער ציאָניסט גאָרעליק. דאָס אליין באווייַזט, אז מע האָט לאכלוטן ניט געהאט בעדייע דורך דער ליטעראַרישער טריבונע ווייַטער פירן דעם געזעלשאפטלעכן קאמף פון נעכטן. פארקערט, מע איז אוועק צו דער ליטעראטור ביכדיי צו דעמאָנסטרירן, אז מע רייַסט מיט דער פּאָליטיק, מיטן נעכטיקן אופברויז. אין דער קריטיק זיגט ניגערס פרינציפּלאָזער אימפּרעסיאָניזם און פארטרייַבט באלמאכשאָוועסעס „סאָציאָלאָגיע", — וואָס בא איר גאנצער פּרימיטיווקייַט און ציעניסטישער אייַנשטעלונג איז זי דאָך געווען זאכלעכער פון ניגערס „ליריק". א. ליטוואק גיט איבער אזא כאראקטעריסטישן פאקט: ווען ער האָט הארבסט 1908 געהאלטן א רעפעראט וועגן שאָלעם-אלייכעמען און געוואָלט זיך אָפּשטעלן אף דער כאראקטעריסטיק פון דער געזעלשאפטלעכער אָטמאָספער אין די 80-קער יאָרן, ווען ש. א. האָט געשטעלט זייַנע ערשטע שריט, האָט די יידישיסטישע אודיטאָריע אים ניט געוואָלט הערן, הויך געשריען: גענוג, ווער דארף עס, — און מע האָט זיך בארויִקט בלויז, ווען דער רעפערענט איז אריבער צו די געשטאלטן פון סטעמפּעניו און ראָכעלע... („וואָס געווען" 1925, 258). דער אימפּרעסיאָניזם ווערט איצט דער הערשנדיקער סטיל פון דער קליינבירגערלעכער יידישער ליטעראטור. ער פארכאפּט אפילו פּערעצן („בייַנאכט אפן אלטן מארק"). צעקראָכן-אימפּרעסיאָניסטיש טראנספאָרמירט איצט אנויכי פּערעצעס „כסידיש" („רעב אבע"). עס שלאָגט די שאָ פון בערגעלסאָנס יעשדיקע, גריבלערישע אָפּגאנג-ראָמאנען, פון איינהאָרנס ליריק, ווייַטערס דראמעס. דער „עסטעטיזם" גייט אָבער האנט בא האנט מיט א שטייַגנדיקער קלעריקאלער כוואליע: פּערעץ רופט איצט שוין אָפן אין שול אריין, און ס'כאזוערט איבער דעם לאָזונג דער

און זײַנס גלײַכן אין יאָר 1905; אָבער פארוואָס האָט אים ניט מיטגעריסן די רעוואָליוציע אין פּעטערבורג, וואָס איז דאָך אוואדע געווען שענער, אימפּאָנירנדיקער, ווי אין „ראָוו"? פארוואָס האָט ער זיך אינמיטן פון דעם קעמפנדיקן פּראָלעטארישן פּעטערבורג ארומגעדרייט ווי אף א פרעמדער כאסענע? אש אליין ענטפערט דערויף גאנץ קלאָר: ווײַל מישע, וואָס דריקט אויס צומנאָענסטן אין ראָמאן אשס אידעאָלאָגיע, שטייט רעכטער אפילע פון די נאציאָנאליסטיש־סאָציאליסטישע פארטייען.

אש האָט אין די רעאקציע־יאָרן דורכגעמאכט א היפּשן רוק אף רעכטס אפילע לעגאבע יענער אידעאָלאָגיע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין „מאָשיאכס צײַטן". ער האָט שוין געפונען דעם „סאָד פון דער נאציאָן" בא די יידן, וואָס דאווענען אין בעסמעדרעשל פון „ראָוו", און כאפּט זיך צו מיט זיי מיטצודאווענען. מישע פאָדערט שוין דאפקע צו שטעלן כופּע־קדושן בא א ראָוו. אש רעדט שוין איצט וועגן דער אייביקער מיסיע פון פאָלק יסראָעל און ווערט א נאָענטער מעכותן מיטן ריבוינע־שעלוילעם.

מישעס אומפּארטעיִשקײַט — דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון דעם עקסט־רעכטן, בורזשואזן פליגל פון יידישיזם. זי איז קעגן קריגערישן העברעייִזם, — אָבער ניט קעגן העברעייִזם אין א קולטורעלער, מעסיקער פאָרם. זי איז קעגן אָפיציעלן ציִעניזם — אָבער פאר „ערעץ־יסראָעל ווי אן אידעאל". זי איז דאקעגן שוין אָפן קלעריקאל — פריידיקט דעם „צוריק אין שול ארײַן", דעם ראָוו און ביידער. ניגערס פארווונדערטע קלאָצקאשעס — דאָס איז די פּרײַנטשאפטלעכע קריטיק פון דער בורזשואזער ריכטונג אינעם יידישיזם דורך דער קלײנבירגערלעכער. דערפאר איז טאקע ניגער יענע יאָרן עטוואָס ראדיקאלער אין דער אָפּשאצונג פון דער ארבעטער־פראגע אין פּאלעסטינע אָדער פון דער שול־פראגע. ביידע פליגלען פאראייניקט אָבער די נעגאטיווע באציִונג צו דער רעוואָליוציע. די ניגערס ווילן, אז די וואסערן פון דער רעוואָליוציע זאָלן דרייען די נאציאָנאליסטישע רעדער, בעיס דער בורזשואזער שרײַבער אש איז פרײַ פון דידאָזיקע אילוזיעס, האָט א בעסערן קלאסנכוש פון די ניגערס, דערשמעקט גיכער די געפאר און זאָגט זיך אָפּ קאטעגאָריש פון וועלכע ס'איז טויוועס, וואָס די רעוואָליוציע קאָן ברענגען זײַן קלאס.

בלויז אן אויבערפלעכלעכע באָבאכטונג וועט פירן צו דער קוואליפיקאציע פון מישען, ווי א קלײנבירגערלעכן אידעאָלאָג, ווי א יוירעש פון ד״ר לייזעראָוויטש, דעם פאָלקיסטישן פילאנטראָפּ אין „ראָוו". מישע וועט טאקע יארשענען פון ד״ר לייזעראָוויטשן אלע רעאקציאָנערע שטריכן פון זײַן פאָלקיזם: די אידייע פון דער קלאסנלאָזיקײַט פונעם „פאָלק", ד. ה. דאָס אויסמישן אין איין מאסע ארבעטער, באלמעלאָכעס, פויערים און אָרעמשאפט; זײַן אינטעליגענטישע פילאנטראָפּיע און אינדיווידואליסטיש „גיין אין פאָלק", וואָס דערפירט בא לייזעראָוויטשן קאָנסעקווענט צום אָפּלייקענען פונעם קאָלעקטיוון, אָרגאניזירטן

זײַן אָפּיציִעלער געשטאַלט, ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם ציִעניסטישן
העברייִזם, און אין זײַן אַרטיקל „פּילעגעש-בעגיווע אין רעכויוועס“ („די
יִדישע וועלט“, 1913, 8) זאָגט ער אַסאַך ביטערע ווערטער וועגן דעם ציִעניזם
און זײַן קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין פּאַלעסטינע. ס'איז אָבער געווען נאָר פּראָגנדע.
אויך אַש אַנערקענט, אַז צו פּאַלעסטינע „זײַנען געווענדעט אונדזערע בליקן,
אונדזערע דאָרשטיקע נעשאָמעס“, די אַראַבער זײַנען בא אים „ווילדע“ און
ראָצכים (דאָרט). און אויך אין „וועג צו זיך“ דערקלערט אַש, אַז „ערעץ-יִס-
ראָעל איז דער אידעאַל פון אַלע יִדן“. די פּראָגנדע רײַסט דאָך אַרויס אַ פּאָר
שאַרפע שורעס קעגן ציִעניזם.

„הע, איר יונגער מאַן! ניט אַזוי ברייט דאָס מויל, — שרײַט אויס מישע,
וועלכער האָט שוין ניט געקענט אויסהאַלטן — מיינט ניט, אַז מיט אײַערע
ריקודימלעך וועט איר בויען דעם יִשעוו. אײַער סימכע איז די סימכע פון
אָרעמעלײַט, וועלכע כאַפּן אַ ביין אַף אַ פרעמדער כאַסענע. הינטער אײַער
סימכעדיק פּאָנעם איז אַ בעסוילעם אין אײַער האַרץ. — „גלויבט איר ניט אין
דעם יִשעוו? — פרעגן אים שטימען, און די אויגן ברענען אין צאָרן. — אין
יִשעוו — ווייס איך ניט. איך גלויב אין דער אייביקײַט פון יִסראָעל“ („דער
וועג צו זיך“, טעקסט פון דער „יִדישער וועלט“, 1914, אַפּרעל).

אין דער שפּעטערדיקער בוך-אויסגאַבע האָט שוין אַש
געפונען פאַר נייטיק דידאָזיקע פּראָנדערישע שורעס אַרויס-
צוּוואַרפן. וואָרעם אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט שוין אַש אַ „באַלפור-ציִע-
ניסט“: ער גייט אַריבער אין די רייען פון אָפּיציִעלן ציִעניזם זײַט דער באַל-
פור-דעקלאַראַציע (פאַרגל. זײַן אַרטיקל „דער ניצאָכן“, צוקונפט, 1917, ז. 673-674).

ניגער, רעצענזירנדיק אַשס „מערי“ („יִדישע וועלט“ 1913, 12), פאַרצייכנט,
אַז אַש “האָט פון דער יִדישער פרײַהײַט-באַוועגונג און די יִדישע רעוואָליו-
ציאָנערע פּאַרטייען געמאַכט — לאָמיר אָפן זאָגן — אַ קאַריקאַטור, אַ פּאַראָדיע“.
ניגער נעמט זיך דאָ אָן די קריוודע פון די קליינבירגערלעכע יִדישע סאָציאַ-
ליסטישע פּאַרטייען. וואָס זײַנען אָבער די סיבעס פון אַשס אַזאַ מין באַציִונג
צו דער פרײַהײַט-באַוועגונג? ניגער ענטפערט, עמעס מיט אַ באַוואָרענישל:
„נאָר... איין טערעץ איז פאַראַן, עמעס זייער אַ שוואַכער טערעץ, פאַרוואָס
די רעוואָליוציע און „ראָוו“ האָט אַזאַ אָרעם, מיעס אויסזען. זי וואָלט פאַר-
כאַפּט אויך מישען, ווען זי וואָלט געווען שענער, אימפּאָנירנדיקער, און אַשן
איז נייטיק, אַז מישע זאָל בלײַבן אויסער דער רעוואָליוציע, זיין האַרץ זאָל
פרײַ זײַן פאַר מערין“ (58).

דאָס הייסט געטראָפן אין פּינטל! ס'איז טאַקע אַ ביז גאָר שוואַכער טערעץ,
וואָס דאַרף פאַרטיידיקן אַשן פון פאַרטייִשקײַט, פון אַ באַשולדיקונג אין קאָנטר-
רעוואָליוציאָנערע קאַוואָנעס. און מע קאָן גלײַך ענטפערן מיט אַ צווייטער
קלאָץ-קאַשע: גוט, מישען האָט ניט פאַרכאַפּט דער „סאָציאַליזם“ פון די ניגערס

ניסטיש-קלעריקאלע לאָזונגען. אפן צווייטן פלאן שטייט קאָוואלסקי, און סיבאַ-דײַט: רעוואָליוציע איז א זאך פון ארבעטער און פויערים, צו דער קונסט האָט עס ניט קיין שײַכעס. עס איז אָפּקער פון דער רעוואָליוציע אין נאָמען פון „עסטעטיק", אין נאָמען פון „קונסט צוליב קונסט". מערי, די דריטע וויכטיקסטע געשטאַלט פונעם ראָמאן, וואקלט זין צווישןביידע ליניעס. צום סאָף פון דעם „וועג צו זיך" שלאָגט צו אויך איר שיפל צו די ברעגעס פונעם „יידישן ביטאָכן"...

באַ דער גלײַכער סאָציאלער פונקציע האָבן מיר אָבער דאָ צו טאָן מיט צוויי סטירעסדיקע ליניעס. מישע האָט געזעלשאפטלעכע אינטערעסן — קאָוואַלסקען אינטערעסירן אבסאָליוט ניט סאָציאַלע פראגעס. ס'איז א מאָדערניסטיש „ניצשעאנישע קרעאטור", וואָס פארמאָגט עפּעס פון האמסונס נאגעל („מיסטעריען") און נאָך מער פון ארציבאשעווס „סאנין". מישע זוכט דעם זין פון זײַן לעבן, זוכט א גרונט-פרינציפּ פון זײַן עקזיסטענץ — און געפינט ענדלעך דעם „סאָד פון דער נאציאָן" אין א בעסמעדרעשל פון „ראָוו". קאָוואַלסקי איז אקעגן זשע פרינציפּלאָז: „הײַנט האָב איך אײַך איינס געזאָגט, מאָרגן קאָן איך אײַך גאָר עפּעס אנדערש זאָגן. און גלויבט מיר, דער יעניקער, וואָס האַלט זיך אָן א שטענדיקער מיינונג, איז נאָר א לאנגווײַליקער מענטש". בלויז איין פרינציפּ האָט קאָוואלסקי — דאָס איז שיינקײַט. אָבער אויך אין דער עסטעטיק פריידיקט קאָוואלסקי דעם סוביעקטיוויסטישן רעלאטיוויזם פון דער אימפּרעסיאָניסטישער שול. מישע איז נאציאָנאַל געשטימט, קאָוואלסקי — קאָסמאָפּאָליטיש. מיט פארווּנדערונג דערוויסן מיר זיך צוזאמען מיט די העלדן פונעם ראָמאן, אז קאָוואלסקי איז א ייד.

באנומען אָבער פון דער זײַט פון זייער סאָציאַלער פונקציע, האָבן ביידע ליניעס גאָר אסאך באַרירונג-פּונקטן. דער געזעלשאפטלעך-אָריענטירטער מישע איז דאפקע אן „אומפּארטייִשער", ווי אַף א פרעמדער כאסענע פילט ער זיך סײַ בא די רעוואָליוציאָנערע פּארטייען, סײַ בא די ציִעניסטן. אין פּאלעסטינע אנטוישט ער זיך ענדגילטיק אין דעם אָפיציעלן ציִעניזם. „דאָס ערעץ-ייִסראָעל פון הײַנט, וואָס ער האָט דערקענט, וואָס ער זעט זײַט די צײַט, וואָס ער געפינט זיך אין לאנד — האָט גאָרניט צו טאָן מיט זײַן אידעאל, און מיט דעם אידעאל, דעם כאָלעם און דער עמונע פון זײַן פאָלק... עפּשער איז אמאָל געווען צווישן זיי דער אידעאל, אָ, געוויס איז ער געווען, דער אידעאליזם — אָבער די אידעאליסטן זײַנען אויסגעשטאָרבן, און די, וואָס זײַנען איבערגעבליבן, זײַנען וואָכעדיקע יידן, וואָס זײַנען גרייט צו פארקויפן זייערע נאכלעס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען מיט אזויפיל מי און אזויפיל האָפענונגען, פאר יעדערעס בעסערעס געשעפט".

יענע יאָרן איז אש נאָך ניט געווען קיין מיטגליד פון דער ציִעניסטישער „אגענץ", פארקערט, ער האָט פראָנדירט קעגן דעם ציִעניזם, לעכאָלעפּאָכעס אין

גיי איך ארויס צו דער „ארבעט״, און אז איך בין אין געזעלשאפט — בין איך ניט קיין פארטיי-מענטש״ (37). ניט בעסער זײַנען קימאט אלע אנדערע „רע-וואָליוציאָנערן״ אין אשס „מערי״. אָבער אשס קריטיק קומט ניט פון לינקס: זי קומט פון רעכטס, ס׳איז די באלעבאטישע טעאָריע, אז די רעוואָליוציע האָבן געמאכט „ייִנגלעך מיט מיידלעך״.

בלויז אין איין געביט מאכט מיט „ראָוו״ די רעוואָליוציע — דאָס זײַנען די פּאָגראָמען. און אזוי קומען מיר צו אשס גרונט-אידייע אין ביידע ראָמאנען: „דאָס ייִדישע פאָלק״ האָט קיין שום שײַכעס ניט צו דער רוסישער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע — איז בלויז אן עפּיזאָד, א קליינער עפּיזאָד אין דער ייִדישער געשיכטע. די פּאָגראָמען — דאָס איז ניט דער ענטפער פון דער קאָנטר-רעוואָליוציע — ניין, ס׳איז א ספּעציפיש-ייִדישע זאך, ס׳איז א שטענדיקע באַגלייט-דערשײַנונג פון דער ייִדישער געשיכטע: „מישע האָט געהאט דאָס געפיל, ווי ער פאָרט אף א גרויסן שיף, דאָס גאנצע ייִדישע פאָלק פאָרט אף דעם שיף, און דאָס שיף איז ארויסגעפאָרן אין דעם ערשטן טאָג, וואָס די וועלט איז באשאפן געוואָרן, און פאָרט ביז צום הײַנטיקן טאָג... און הײַנט איז איין טאָג פון דער ייִדישער געשיכטע: נעכטן איז די זאך געשען אין אלעקסאנדריע, אין קעסאריע, אין רוים, אין מאדריד, אין פראנקפורט, אין קראָקע, — הײַנט געשעט עס אין קישעניעוו, אין קיעוו... עס וועט אדורכגיין, אדורכגיין — אלץ וועט אדורכגיין, און דאָס שיף וועט ווײַטער שווימען, בא אנדערע פאָרטן זיך אָפּשטעלן, ביז צום לעצטן טאָג פון דער וועלט״ (197).

אזוי ארום האָט אש שוין אין „מערי״ פאָרמולירט די קלעריקאל-מעטאפיזישע טעאָריע פון „קידעש-האשעם״, די יאהודישע טעאָריע פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס באשטייט פון „לײַדן און טוירע״. ער וועט טאקע פארענדיקן דעם „וועג צו זיך״ מיטן בילד פון מישען, וואָס גרינדעט א כיידער (ניט א שול, דאפקע א כיידער!) אין „ראָוו״ און ווערט דאָרט מיט מאזל א מעלאמעד. שוין אין „מערי״ שטעלט זיך אש אוועק בא פוסטע פאָליצעס און פארקויפט ביטאָכן („עס וועט אדורכגיין, אדורכגיין״), — ווי אין זײַן שפּעטערדיקן ראָמאן „קידעש האשעם״.

3

אין דעם שפּעטערדיקן ראָמאן „קידעש-האשעם״ שפּילט אָבער אש גראָב אף איין סטרונע, לייגט אויס דעם אלטן שיימעס-באגאזש און קלײַמפּערט צו מיטן ביטאָכן-מאָטיוו. אין „מערי״ ארבעט ער אסאך קאָמפּליצירטער, דינער. דעם ראָמאן בויט ער אין צוויי פּלאנען; ביידע ליניעס לויפן זיך צונויף אין איין ציל-אײַנשטעלונג: קאמף קעגן דער רעוואָליוציע, וואָס איז ניט „אונדזער זאך״. אף איין פּלאן שטייט מישע, און ס׳באטײַט: רעוואָליוציע איז א גאָיִשע זאך, צו אונדז ייִדן האָט עס ניט, „דער הײַנט איז בלויז איין טאָג פון דער ייִדישער געשיכטע״. עס איז אָפּקער פון דער רעוואָליוציע מיט שאָוי-

טאריאט ניט. מעמײלע איז ניט מעגלעך קײן שום קלאסנקאמף אין דער ייִדישער סוויווע. „אָבער קעגן וועמען קעמפן? איך בין דאָך דאָרט, אין די הײַזלעך יעדן טאָג, די „באַלעבאטים״ זײַנען דאָך נאָך פיל אָרעמער פון די ארבעטער, און די באלמעלאָכעס גײט עס דאָ נאָך פיל מאָל ערגער, ווי זײערע „מענטשן״. קעגן וועמען פירט איר א קאמף?... ווער איז דאָ דער אונטערדריקער און ווער דער אונטערדריקטער? עס איז דאָך אײן גרויסער „ראָוו״ מיט אָרעמלײַט״ (58). אזוי שרײַבט אויס אין אשס נאָמען דער פילאנטראָפישער ד״ר לײזעראָוויטש. ניט קײן ווונדער, אז ווען מען רופט צונויף א פארזאמלונג פון „ראָוו״, זײַנען „אנשטאָט די ארבעטער געקומען די „באלעבאטים״ אלײן: וואָרעם קײן „מעשאָרסים״ זײַנען ניט געווען אין „ראָוו״ (108).

מײלע — זאָל זײַן, אז „ראָוו״ איז ייִדישע אָרעמשאפט.

איז ער אָבער, לאָזט זיך אויס, אסאך מער פון א פאָרשטאָט פון אָרעמע קוסטארן: „דאָס גאנצע ייִדישע פאָלק — דערקלערט אש — לעבט אזוי אין רוסלאנד, אויסער אײני:ע גליקלעכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעקליבן פון דעם „ראָוו״... (51).

פון דעם גרדיסן רוסלענדישן פראָלעטאריאט ווערט אלזאָ בא אשן אויסגעטײלט דער ייִדישער פראָלעטאריאט; ער ווידער ווערט פארביטן מיטן „ראָוו״, דער „ראָוו״ ווידער איז אָבער דאָס גאנצע ייִדישע פאָלק... ניטאָ אלזאָ קײן קלאסנקאמף „באם ייִדישן פאָלק״, וואָרעם ס׳איז ניטאָ, אכוץ אײנצלנע פאלן קײן אונטערדריקער און אונטערדריקטע. און וויבאלד אזוי, איז אויך ניטאָ קײן רעוואָליוציע אין „ראָוו״. ווען דער „ראָוו״ גײט ארויס אין א דעמאָנסטראציע, באקומט זיך א כויזעק-בילד, א קאריקאטור. אין דער שפיץ גײען „די מײסטע אינטערעסאנטע עקזעמפליארן״, שווינדזיכטיקע קינדער מיט געשוואָלענע קעפ, קרומע, לאָמע, אף קוליעס, בלינדע, קראנקע ייִדן, ווײַבער מיט סוכאָטישע טאָרבעס, — ניט קײן ווונדער, אז די דעמאָנסטראציע גיט א קנאפן עפעקט. די סטראזשניקעס, וואָס באגעגענען זײ, „האָבן געמײנט, אז עס גײט א באנדע אָרעמלײַט, אָדער עס איז א ייִדישע לעווײַע... און די זשאנדארמען האָבן געלאכט: „זשידאָווסקאיא סוואדבא״ — האָבן זײ צווישן זיך גערעדט און זײַנען ווײַטער געריטן״ (116). די „רעוואָליוציאָנערן״ זײַנען ווידער באלעבאטישע באָכערימלעך און מײדלעך, סטודענטן און גימנאזיסטקעס, און אפילע זײ זײנען צו לינק פאר אשן, און ער קריטיקירט זײ פארביסן-סארקאסטיש. און ס׳איז דאָ וואָס צו קריטי,ירן — דאָס זײַנען די פאָרשטײער פון די קלײנבירגערלעך-סאָציאליסטישע ייִדישע פארטײען, יענע אינטעליגענץ, וואָס איז מיטגעלאָפן בעשאס דער רעוואָליוציע, ביכדיי טײקעף, בא דער ערשטער מאפאָלע פון איר זיך אָפשאָקלען. סאָניע, מישעס שוועסטער, כאראקטעריזירט אזוי איר „סאָציאליזם״: „נאָר איך רײד ניט דערפון אין געזעלשאפט: ארבעט איז אן אנדער זאך און געזעלשאפט איז אויך אן אנדער זאך. אז איך וויל אגיטירן

און מיר האלטן שוין באם אָקטיאבער-מאניפעסט. די שילדערונג פון דידאַזיקע גרויסע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן ווידמעט אש איין קאפיטל — סאכאקל 4 זײַטלעך...

דאקעגן אײַלט ער זיך פּארדרייען דעם קאָפּ מישען מיט מערי, און צוערשט זעט מישע ביכלאַל גאָרניט פון דעם, וואָס טוט זיך ארום אים אין דעם ברוויזנדיקן פּעטערבורג, אין דעם באריקאדן-פּעטערבורג. דערנאָך פארשיקט אש מערין און מישען אין פינלאנד, און ברענגט שפּעטער אראָפּ קאוואלסקען. קאָוואלסקי און מערי האָבן ביכלאל קיין שום אינטערעס ניט צו דער רעוואָ-ליוציע, און זיי זעען בלויז די פּעטערבורגער באַהעמע, לעבן מיכוץ צײַט און רוים. אין די אָקטיאבער-טעג ווערט מישע אינגאנצן אופגערודערט, ווערט מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם, אָבער... „אַן איינזאמער האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער די פּעטערבורגער גאסן אין דעם ראעש פון אופגערעגטע מאסן. ער איז געוואָרן מיטגעשלעפּט מיט דעם שטראָם און טיילמאָל זיך געפילט, ווי אף א פרעמדער כאסענע... און האָט זיך געפילט ווי א ניכטערער צווישן שיקו-רים״ (181). ס׳דערמאָנט יענע האלטונג אשס, וואָס איז באשריבן אין די „מאָ-מענטן״. מישען קומט אויס, „ווי ער וואָלט אין א שווערן שלאָף ארײַנגעפאלן און געכאָלעמט, געכאָלעמט״. ערשט די ערשטע יעדיעס פון די פּאָגראָמען רײַסן אים ארויס פון היגערפלעט, און ער אנטלויפט אהיים, אין זײַן אוקרא-יִנישער שטאָט.

אש מײַדט אלזאָ אויס צו באגעגענען זיך מיט דער רעוואָליוציע אף אירע וויכטיקסטע שלאכטפעלדער, אין איר דעמלטיקן הארץ — דעם רעוואָליוציאָנערן פּעטערבורג. האסטיק שיקט ער פאנאנדער זײַנע העלדן און אנטלויפט מיט זיי אין דער קליינער שטאָט פון דעם יידישן טכום.

טכום — זאָל זײַן טכום!

די רעוואָליוציע פון 1905 איז געווען א רעוואָליוציע פון ארבעטער און פויערים. ניטאָ אָבער אין אשס ראָמאן ניט קיין ארבעטער און ניט קיין פויע-רים! פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאריאט אינטערעסירט אשן די האלטונג בלויז פון איין שיכט — פון דעם יידישן פּראָלעטאריאט.

זאָל זײַן יידישער פּראָלעטאריאט.

דער יידישער פּראָלעטאריאט — זאָגט אָבער אש — איז דער „ראָוו״ — יענע שמוציקע פּאָרשטאָט, ווו ס׳לעבן אייניקע טויזנט נעפּאשעס אָן ליכט, אָן זון, מיט שטענדיקע בלאָטעס, מיט אלע עפּידעמישע קראנקײַטן, מיט קריפּלדיקע קינדער „שוואכע, קראנקע, האלבע קאליקעס״.

„ראָוו״ — זאָל זײַן „ראָוו״.

לעבט אָבער אש אוף די בארימטע ס. ס.-טעאָריע: די יידישע מאסן פּראָ-לעטאריזירן זיך ניט, ניטאָ בא יידן קיין ארבעטער... „ראָוו״ איז טאקע דער יידישער פּראָלעטאריאט, דער יידישער פּראָלעטאריאט איז אָבער קיין פּראָלע-

א לעפל פון איין זײַט. און עס פאלט א טעלער פון דער אנדער זײַט... און דאָס הייסט אף אכדעס-לאָשן: דיסקוסיע"...

די גרויסע רעוואָליוציע פון ארבעטער און פויערים לאָזט זיך אָבער ניט אריינקוועטשן אין די דאלעדאמעס פון קוטנע, שעמעניק, קראָשניעוויק. און אפילע דאָרט האָט עס אויסגעזען גאָר אנדערש, ווי אש וויל אונדז אײַנשמועסן, גאָר ווײַט פון א הומאָרעסקע. אין די „מאָמענטן", מיט דער דאטע פון 24 מארט 1905, באשרײַבט אש אליין די לעווייע פון גרויזאם צעשאָסענע רעוואָליוציאָנערע פויערים אין קוטנע. און ווײַסנבערג, וואָס שילדערט קימאט גלײַכצײַטיק די רעוואָליוציע אין פוילישן שטעטל, וויים גראָד צו דערציילן פון שווערע קאמפן און שלאכטן, פון באלעבאטישער קאָנטער-רעוואָליוציע, פון שטעטלדיקע פראָוואָקאטאָרן, פון ארעסטן און שכיטעס.

פארפאלן! אש האט לאנג ניט געקענט שפילן דידאָזיקע שטרויס-פּאָליטיק, אף שטענדיק ניט געקענט באהאלטן דעם קאָפּ אין שעמעניצער בעסמעדרעשל. און מיט אסאך בראוווּר שטעלט ער זיך אין זײַנע ראָמאנען „מערי" און „דער וועג צו זיך" אויג אף אויג מיט דער רעוואָליוציע פון 1905.

2

עס רעדט זיך נאָר אזוי — אויג אף אויג מיט דער רעוואָליוציע. וואָרעם פאקטיש שטרעבט אש אויך אין „מערי" גיין אויסן וועג דער רעוואָליוציע, אָדער — אין בעסטן פאל — ארײַנקוועטשן איר גאנצע פּראָבלעמאטיק אין דעם סדוים-בעטל פון שטעלדיקער שילדערונג.

די דרײַ הויפּט-העלדן פון "מערי" — מישא, קאוואלסקי, מערי — געפינען זיך אין פעטערבורג גראָד באם אויסברוך פון דער רעוואָליוציע. „אף די פּעטערבורגער גאסן האָט זיך שוין שטארקער דערפילט די לופט פון דער רעוואָליוציע. געהיימע שטימען האָבן זיך געלאָזט הערן: מע גרייט זיך אף זונטיק צו א גרויסער דעמאָנסטראציע פארן ווינטער-פּאלאץ, און א פּאָפּ מיט א הייליקער בילד אין דער האנט וועט די דעמאָנסטראציע אָנפירן". אָבער... „מישא האָט קיין צײַט ניט געהאט זיך צו פארנעמען דערמיט, וואָס איז אין גאס און אין אוניווערסיטעט פאָרגעקומען. ער איז אינגאנצן געווען באשעפטיקט מיט מערין" (129). האלטן מיר, הייסט עס, באם 9 יאנוואר 1905, בא יענער גרויסער שכיטע, וואָס האָט אויסגעברענט אלע ספייקעס און וואקלענישן פון די רוסישע ארבעטער- און פויערים-מאסן און געוויזן זיי בלויז איין וועג — דעם וועג פון אומבעראכמאָנעסדיקן קאמף מיטן צאריזם. אָבער מישא, ד. ה. אש, האָט ניט קיין צײַט צו פארנעמען זיך דערמיט. דערווײַל באשרײַבט אש וויכטיקערע זאכן: פינלענדישן לאנדשאפט, דעם עסטעטישן קריטיקער מאקסימאָוויטש, די פּעטערבורגער סאלאָנען, שרײַבער, רעזשיסאָרן, שוישפּילער. ערשט 50 זײַטן שפּעטער דערוויסן מיר זיך וועגן דעם אויסברוך פון דער רעוואָליוציע

פלאטער, אָרעמקייט, פלאטער איבער דעם יאם קעפ און שארף, און שטארק זאָג דיין ווארט, ווארף דיין ווארט אין מענטשנס געזיכטער. שארף און שטארק ווי דיין האמער, ווי דיין האנט איז".

אָט דעם לויבגעזאנג דער שטארקער האנט פון פראָלעטאריאט האָט ארויס-געריסן די גרויסע, הייסע רעוואָלוציאָנערע שאָ אפילע בא אשן. אין די שפע-טערדיקע יאָרן, ווען אש האָט זיך ארומגעזען, אז רעוואָלוציע איז גאָר אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן גאָט, האָט ער זיך ווייזט אויס פון דעם ביכעלע אָפגעזאָגט. ווארעם אין זיינע געזאמלטע ווערק, וואס די ווארשעווער „קולטור-ליגע" גיט ארויס, זיינען די „מאָמענטן" שוין ניט איבערגעדריקט. בלויז א האלב-הומאָריסטישער עפיזאָד („האקאָפעס") איז אדורך אשס איצט שוין ניכטערער קלאסן-צענזור.

אָבער אפילע אין די „מאָמענטן" אונטערשטרייכט אש זיין אָפגעפרעמדקייט צו דער רעוואָלוציע, זיין אייגענע אינדיווידואליסטישע ליניע. ער דרייט זיך ארום אינמיטן פון שלאכטן ווי א זייטיקער צישויער. ווען א באווער, א בונדיסט, פירט אים אוועק אַף א באראטונג פון אן אונטערערדישן קאָמיטעט, פראָטעסטירט דאָרט אש קעגן דעם אָרגאניזירן א מאניפעסטאציע, בעת דער ווארשעווער גענעראל-גובערנאטאָר האָט באפוילן די סאָלדאטן צו שיסן בא דער קלענסטער מאסן-אָנזאמלונג: „באווייזט — זאָג איך — יעדנס מענטשנס לעבן איז א הייליקטום פאר זיך באזונדער, א וועלט באזונדער. מע טאָר ניט שפילן זיך מיט יענעמס לעבן אַף צווישן, מעג דער צוועק זיין ווי הייליק ער איז. איך האָב נאָר רעכט אַף מיין אייגענעם לעבן, אין קיינמאָל ניט אַף יענעמס...

„מען איז מיר באפאלן ווי מיט האָגל: מיר דארפן ניט קיין ראכמאָנעס.

און עפשער האָבן זיי רעכט. ווי זיינען געוואלדיקע, בירגער פון א נייער וועלט, און יעדער איז נאָר א ציגל צו בויען די נייע וועלט. איך בין א צעבראָ-כענער, אָרעמער זינגער, איך זע אין יעדן מענטשן, אין יעדן אינדיווידוום א באזונדער וועלט פאר זיך אליין... איך וועל שוין גאָרניט רעדן..."

ווען ס'קומט אָבער אין די שפעטערדיקע יאָרן צום [illegible] אָרגא-ניזירן פון דעם רעוואָלוציע-שטאָף, [illegible] בא אשן, אין דער [illegible] און בלוטיקער יאָר 1905 לאָזט [illegible] גאנץ אידיליש. אין אש [illegible] די נאָוועלע „צווישן [illegible]", ווי די רעוואָלוציע ווערט גאנץ [illegible]-קוועטשט אין די ראמען פון שטעטלדיקן שאָלעם-בייִס [illegible] אין שטעטל. לאָזט זיך אויס, באווייזן זיך „אכדעס-[illegible]" אין [illegible] ווי „[illegible]" אָבער די אידיליע ווערט ניט צעשטערט [illegible] א דעמאָנסטראציע אַף אשס לאָשן — „גייט מען מיטן פענדל" — [illegible] פון ראטהויז, קלאפט אין פיק אין [illegible] די רעוואָלוציע אין שטעטל ווערט שטאָף בלויז פאר א [illegible]-ראָמאנטיק. [illegible]

פרייַז, וואָס דער באָלשעוויזם פארלאנגט — די פארניכטונג פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג און דער אויסבוי פון דער קלאסנלאָזער קאָמוניסטישער געזעלשאפט — איז צופיל פאר דער בורזשואזיע, איר גאָט און אירע מאָדערנע געווייַם, די אשס און זייער גלייַכן. און גאָר טשיקאווע איז, ווען אש וואָרנט די באָלשעוויקעס, זיי זאָלן צופיל ניט ארומוואָיעווען מיט גאָט. דאָס איז בעעמעס אן אייצע פון א גוטן פרייַנט...

אשס גאנץ שאפן איז, אלזאָ, צוזאמענגעקוועטשט צווישן צוויי גרויסע רעוואָליוציעס. אין דעמדאָזיקן שטורמישן פעריאָד פון גיגאנטישע סאָציאלע קאמפן לאַווירט די בורזשואזיע און פארשיידענע שיכטן פון קלייבירגערטום, וואָס גייען איר נאָך; כאפט קלעפּ, פאלט, שטעלט זיך ווידער אף די פיס, טריומפירט, פארפלאָנטערט זיך ווידער אין דער מילכאָמע, ווערט נאָכאמאָל אין רוסלאנד, איצט שוין ענדגילטיק, געוואָרפן צום באָדן און באזיגט, כאפט אָפּ דעם אָטעם און טריומפירט ווידער אפסנייַ אין די אנדערע לענדער; סומירט איר דערפארונג, באנייַט אירע מעטאָדן פון קאמף, פארשטארקט איר אָנפירונג מיט גרויסע מאסן פון קלייבירגערטום און גרייט זיך פיבערדיק צו נייַע אנטשיידנדיקע קאמפן — צו דער אינטערווענץ קעגן סאָוועטנפארבאנד. דאָסדאָזיקע לאווירן פון דער בורזשואזיע אין א שווערער צייַט פון מאפאָלעס און ניצחוינעס באשטימט אויך דעם כאראקטער פון אשס גאנץ שאפן.

דאָ באהאנדלען מיר ניט אשס פארשיידענע פאָליטישע דעקלאראציעס, בריוו, רעדעס און אינטערוויוען. מיר שטעלן זיך אָפּ בלויז אף אשס ראָמאנען, וואָס באהאנדלען דירעקט די רעוואָליוציעס 1905 און 1917 — „מערי" (1911), „דער וועג צו זיך" (1913), און אשס לעצטע טרילאָגיע „פארן מאבל" — די דריַי ראָמאנען „פעטערבורג", „ווארשע", „מאָסקווע" — 1928—1930.

אשס „מאָמענטן פון די פרייַהייַט-טעג" (קראָקע, 1908, 38 זייַטן) זייַנען א טאָגבוך, געפירט אין מארט—אָקטיאבער 1905. דאָס זייַנען זייער צארטע עלעגישע בלעטלעך, געווידמעט די קאָרבאָנעס פון דער רעוואָליוציע. א טייל עפּיזאָדן וועט אש אויסנוצן אין זייַן ראָמאן „ווארשע" (די שילדערונג פון דעם סוף פון א רעוואָליוציע). די גרויסע קאמפטעג פון דער רעוואָליוציע רופן ארויס בא אשן א געפיל פון ייִראס-האכאָווועד. דעמלט שרייַבט אש: „ניט פון גאָלד געהעפט, ניט רייַך געפּוצט איז דער ארבעטער-פאָן. אין די שווארצע נעכט, אין פינצטערן קעלער, האָט די מאמע — די נויט — דעם פאָדעם געשפּינט, די שוועסטער די סוכאָטניצע (פון דער טאבאק-פאבריק) האָט די פעדעם אף דער וועבשטול אופגעצויגן. און דער ברודער, דער דאלעס, האָט דעם פאָן געשפּינט.

„אין בלוט זייַנען די פעדים געטונקט געוואָרן; אין בלוט פון די הארוגים, פון אָרעמקייַט, פון נויט און דאכקעס.

# 6. שאָלעם אש און די רעוואָליוציע

i

פאַקטיש רעאַגירט אַש גאַנץ שאַפן אין דער אָדער יענער פאָרם אַף דער רעוואָליוציע — דער „גענעראַלער רעפּעטיציע" פון 1905 און דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. זײַן שאַפן ביז 1905 שפּיגלט אָפּ ״עם מוירעדיקן קריזיס אין רוסלאַנד, וואָס פאַרשאַרפט זיך פון יאָר צו יאָר און ברעכט ענדלעך אויס אין די טיטאַנישע קאַמפן פון 1905. אַש ערשטע זאַמלונג אין יידיש, „אין שלעכטע צײַטן" (1903), שטייט אונטערן אײַנדרוק פון יענער סעריע פּאָגראָמען, מיט וועלכער דער צאַריזם איז אַנטקעגנגעקומען דער שאַריִענדיקער רעוואָליוציע (ביפראַט פון דעם טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם, 1902). אַש ווערק ביז 1907, ווען ס׳ווערט קלאָר די מאַפּאָלע פון דער רעוואָליוציע, דריקן אויס די צעטומלטקײַט און ניטדערצידירטקײַט פון גרויסע שיכטן פון דער יידישער קליין- און מיטל-בורזשואַזיע (ביפראַט ווערט עס קלאָר אין אַש דראַמאַטורגיע: „מאָשיאַכס צײַטן" און אַנד. פּיעסעס). אין די יאָרן פון רעאַקציע גייט אויך אַש אַף צוריק, גיסט וואַסער אַף דער מיל פון דער קאָנטר-רעוואָליוציע, גריבלט זיך אין עראָטישע „פּר׳ ״יעס" און באַזינגט דעם אופגעקומענעם גוויר („לאַנדסמאַן", „שלוימע ״) . א טיפער יידעש און שרעק כאַפּט אים אַרום אין די יאָרן פון דער ״פּעריאַליסטישער מיל-כאָמע און דער שפּעטערדיקער אָקטיאַבער-רעוואָ״ ״ציע („דער טויטער מענטש", א „שנירל פּערל"). די וועלט טרייסלט זיך ווידער! און אַש אַנטלויפט אין אינדיווידואַליסטישע גריבלערײַען, בויט איצט פאַנאַנדער די גוואַלטיקע אידייע פון קידעש-האַשעם, ווערט קלעריקאַל-מיסטיש געשטימט, און שטעלט זיך, ענדלעך, ניט פאַרהילט אין דינסט פון דער גרויס-בורזשואַזיע, פון פאַשיזם. הײַנטצוטאָג פּריידיקט אַש אָפן, אַז „אין באָלשעוויזם זעט ער די שטראָף פון גאָט ״אַר די כאַטאָים פון צאַריזם... יעדע זאַך פאָדערט איר פּרײַז, אָבער דער פּרײַז, וואָס דער באָלשעוויזם פאַרלאַנגט, איז צופיל פאַר איין דאָר. דער קאָמוניזם לייקנט אין גאָט, און דאָס איז א צוגרויסע אכרײַעס", (פון אַש אַן אינטערוויו, „מאָרגן-פרײַהײַט", 1930, 15 דעקאַבער). ניט צו לייקענען, דער

מעליצעדיקער, ליטעראַרישער, „מאָראַליש" — דערפאַר איבערצייַגט זי אַזוי ווייניק און איז גיכער אַ פאַרטיידיקונג-אַקט פון די סטאָונס און לעדערערס, איידער אַ באַשולדיקונג-אַקט פון קאַפּיטאַליזם.

אַזוי צי אַזוי — דער „ווײַ-געשרײ" פון די קאָרבאָנעס פון קאַפּיטאַליזם רײַסט זיך דורך אַפילו דורך אַזאַ אַפּאָלאָגעטישער קונסט; מיט אָפּגעהאַקטע פיס און הענט — שטאַרצט דאָך אַרויס דאָס טאָרסאָ פון דעם לײַדנדיקן „גרינעם" האַלבן פּראָלעטאַריער. זייער לעכצן צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטער, זייער רײַסן זיך פון די געטאָ-שראַנקען, זייער דראַנג אַראָפּצורײַסן דאָס בעסמעדרעש-ייִדישקייט, זייער אופקומענדיקן קלאַסן-באַוווּסטזײַן האָט ניט געקאָנט שטום מאַכן אַפילו אַזאַ נאַציאָנאַליסטישע, בורזשואַזע קונסט.

אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, דריקן אויס א ברייטע אמפּליטודע פון וואַקלעניש. דער אַמאָליקער אידעאָלאָג פון דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער פּאַטריאַרכאַלער בורזשואַזיע פאַרלירט אינגאנצן אפן אמעריקאַנער באָדן די גלײַכגעוויכט. ס'ראָוו זײַנען אשס אמעריקע-ראָמאַנען געטראָגן פון א געפיל פון מוירע פאַרן קאַפּיטאַליזם. קימאַט גלײַכצײַטיק איז אָבער דאָ א טענדענץ זיך אָנצושפּאַרן אף די ארוף-שטרעבנדיקע מער פעסטע שיכטן פון דער מיטעלער בורזשואַזיע, אפן ארוף-שטרעבנדיקן אָלרײַטניק, און דאַן איבערצײַגט זיך אש, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אמעריקע איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, זײַן שילדערונג ווערט אָפּטימיסטישער, זיכערער.

די יידישע „גרינע" מאַסן און די אָלרײַטניקעס, וואָס קלעטערן בעכיפּאָזנדיק-ברוטאַל ארוף אף זייערע פּלייצעס — דאָס זײַנען קימאַט אלע פּערסאָנאַזשן אשס פון אמעריקאַנער לעבן. אָן אויסנאַם איז בלויז „טויט-אורטייל", ווו אש שילדערט אויך דעם גרויס-בורזשואַ, וואָס איז שוין קימאַט אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון „יידישקײַט". „טויט-אורטייל" איז אָבער א שטאַרק „ליטעראַרישע", סכעמאַטישע זאַך. זי איז פול מיט מוסער-זאָגעכץ, און מע דאַרף פאַר איר זוכן מוסטערן סײַ אין דער אמעריקאַנער הײַנטצײַטיקער פּראָזע (אין ענגליש), סײַ אין טאָלסטאָיס שאַפן פון לעצטן פּעריאָד.

מאַסן-סצענעס פעלן קימאַט אינגאַנצן אין אשס אמעריקאַנער זאַכן — ווײַל ס'פעלט אין זיי דער סאָציאַלער אופברויז, ווײַל אש היט זיך פאַר דער נאַקעטער אַנטפּלעקונג פון קלאַסן-קאַמף. די סטירע גופע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל שטרעבט אש קאָנסערווירן אין נאַציאָנאַל-היימישע פאָרמעס („אָנקל מאָזעס"). דערפאַר פעלט בא אים אינגאַנצן דער אָרגאַניזירטער אמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט. זײַן באַליבטעסטער פּערסאָנאַזש — איז דער גאַנץ אָדער האַלב-פּרומער, פּראָלעטאַריזירטער באַלעבאַטישער ייִד.

דערפאַר געלינגט אים אויך ניט די שילדערונג פון „יונג-אמעריקע", פון נײַעם דאָר, וואָס וועבט זיך אײַן אין אמעריקאַנער לעבן, וואַקסט אין אים פעסט אַריין און זוכט אפן אמעריקאַנער באָדן די לייזונג פון זײַנע נויטן און קאַמפן. אש האַלט זיך פאַרזיכטיק באַם ענגן ראַנד פון געטאָ — איבעריקנס, ווי קימאַט אלע אַנדערע בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע יידישע שרײַבער.

בלויז אויבערפלעכלעך באַנומען קלינגט אשס קריטיק פון קאַפּיטאַליזם ווי א קליינבירגערלעכע קריטיק. דעם קאַפּיטאַליזם קריטיקירט אש פון בורזשואַזן שטאַנדפּונקט — נעמלעך פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אַרונטערגייענדיקער מיטעלער האַנדל-בורזשואַזיע. דאָס דערנענטערט אים צו דער טאָלסטאָישער קריטיק, צו דער טאָלסטאָישער רעאַקציאָנערער מאָראַל מיט איר מוירע פאַרן קאַפּיטאַליזם.

אף אשס שאַפן דריקט ניט דירעקט דער פּראָלעטאַרישער קאַמף — יענער, וואָס סטימולירט מער אָדער ווייניקער די בונטאַרישקײַט, די פּראָנדע פון אסאַך קליינבירגערלעכע שרײַבער. דערפאַר איז אש אַבסטראַקטער מיט זײַן קריטיק,

„פון א אומגעזעענער, געהײמער ק[illegible]אפּס, וואָס מאַלאכיי כאבאָלע אין א געהע-
נעם האָבן ערגעץ-ווו דאָרטן ארויסגעלאָזט". א רײַכער מאַן, ציט ער זיך צוריק
צו זעכציק יאָר פון זײַן געשעפט — און אנטדעקט א פוסטקײַט ארום זיך און
אין זיך. די קינדער זײַנען אים אָפּגעפרעמדט געוואָרן, אויך זײַן פרוי; און ער
גופא האָט איצט ניט מיט וואָס אויסצופילן זײַן לעבן. קיין שום אינטערעסן
האָט איצט שוין ניט דער אַלטער לעדערער. ער ווערט נערוועיִש, הייבט זיך
אָן גריבלען אין זין פון לעבן, הייבט אָן בענקען צו אַמאָליקע טעג, פול נויט,
ארבעט, אָבער טאָמיד אויסגעפילט פון אָנהייב ביזן סאָף, און ער פארשווינדט
אין אַן אנדער שטאָט, ביכדיי דאָרט אפסניי אָנצוהייבן ווי אַן ארבעטער.

אויך אין „טויט-אורטייל" הייבט אָן דער באַנקיר סטאָון צו פילאָסאָפירן,
ווען א צופאַל — א ניט געוואָלטער מאָרד פון א מענטשן, וועמעס געליבטע
ער האָט צוגענומען — רײַסט אים ארויס פון דעם ביזיצטיקן לעבן. אין דער
טפיסע פארגייען אַסאַך טעג, און סטאָון זעט איַין די פארדאָרבנקײַט און פוסט-
קײַט פון זײַן ביזיצטיקן לעבן. ער זוכט גאָט — און ווען ס'גיט אים דאָס ניט
דער ראַבינער, ברענגט אים עס אָבער זײַן אייגן האַרץ — און די מאַמע. ער
ווערט „עטיש", און פארן טויט באַגייט ער א פילאַנטראָפּישן אַקט: ער שטעלט
זיך איַין פאר א פארמישפּעטן נעגער. ער איז שוין מויכל זײַנע אַלע סאָניב,
און אפילע זײַן ווײַב, וואָס האָט אים פאַראַטן מיט אַן אנדערן.

אין אַשס ביידע פּסיכאָלאָגישע דערציילונגען האָבן מיר א פאָרזעצונג
פון יענער אָפּנייגונג און מוירע פארן קאַפּיטאַליזם, וואָס דריקט זיך אויס אין
„אַמעריקע" און „אָנקל מאָזעס". „אַמעריקע" און „אָנקל מאָזעס" זײַנען אויס-
זיכטלאָזע, טיף-פּעסימיסטישע זאַכן. די אויסזיכטלאָזיקײַט טרײַבט דעם שרײַבער,
וואָס דריקט דאָ אויס די אידעאָלאָגיע פון אונטערגייענדיקע בורזשואזע שיכטן,
צום עטישן מאָראַליזירן אַלאַ טאָלסטאָי, צו זוכן „מענטשלעכקײַט" און גוטסקײַט,
און איר קאָנקרעטער אויסוועג איז פילאַנטראָפּיע. די וואָרצלען פון דעם שרײַענ-
דיקן אומרעכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וויל אַש ניט אָנרירן.
ער וויל זי בלויז קריטיקירן אויף די וועגן פון טאָלסטאָיאַנישער מאָראַל, פון
אינדיווידועלער אויסלייזונג. און ס'איז ביז גאָר כאראַקטעריסטיש, אַז סײַ
סטאָונס פראָטעסט, סײַ לעדערערס אָפּאָזיציע גיסן זיך אויס סאָפקאָלסאָף אין
די פאָרמעס פון „ניט שטעלן ווידערשטאַנד דעם שלעכטס". לעדערער אַנטלויפט
פון זײַן מישפּאָכע — ווי טאָלסטאָי, און סטאָון גייט צו דער שכיטע, מויכל
זײַענדיק אַלע זײַנע סאָנים און זײַן גאַנצער סוויווע.

5

אַשס ראָמאַנען פון אַמעריקאַנער לעבן, וואָס קומען אויף אין דער לעצטער
סטאַדיע פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, ווען ער איז צעריסן פון אום-
צאָליקע סטירעס, ווען ס'טרייסלט זיך דער באָדן אונטער זײַנע פיס זינט דער

ווי „די מוטער״ אָדער „אָנקל מאָזעס״, ווײַל עס איז פון זיי אויסגעשלאָסן דער סאָציאַלער קאָנפליקט, וואָס רײַסט אוף „אָנקל מאָזעס״. ניטאָ דאָ אויך קיין צוויי ראָמאנען אינײנעם, ווי אין דער „מוטער״. דאָס אַלץ האָט אש אויסגעשלאָסן, געקארגט אפילע מיט שטייגער. ער האָט זיך קאָנצענטרירט אף דער פסיכאָלאָגישער שילדערונג פון איין העלד — סטאָון אין „טויט-אורטייל״ און לעדערער אין דער צווייטער דערציילונג — מיט א מאָראַליזירנדיקער טענדענץ. דאָס זײַנען ווערק פון דעם טשוווע-טוענדיקן בורזשוא, ענלעך ווי די רוסישע ליטעראטור קען א לאנגע בילדער-סעריע פון טשוווע-טוער, יקע פריצים. דערפאר דערמאָנט טאקע דער „טויט-אורטייל״ טאָלסטאָיס „טכיעס האמייסים״, אפילע אין איינצלנע עפיזאָדן (די שילדערונג פון פּראָצעס), אויך טאָלסטאָיס „טויט פון איוואן איליטש״. דער פסיכאָלאָגישער אנאליז גייט אָבער ניט אין דער טיף; ער ווערט לעבעדיק בלויז, ווען ער בינדט זיך מיטן לעבן-שטייגער. דערפאר איז טאקע „כאַים לעדערערס צוריקומען״, וואָס איז אָן א פארגלײַך ענגער צוזאמענגעבונדן מיט דער שטייגער-שילדערונג פון יידישע אופגעקומענע קאפיטאליסטן אין אמעריקע, אסאך מער געלונגען ווי דער אבסטראקט-סכעמאטישער „טויט-אורטייל״. ווען אשס העלד בלײַבט אליין מיט זיך, באקומט זיך א שורע פלאכע גריבלענישן, און ס׳ציען זיך לאנגע, טויטע אין זייער „מאָראַלישקײַט״ זאצן. אזוי צ. ב. געפינען מיר אין „טויט-אורטייל״ אזא מין מעשונעדיקן, אומגעלומפּערטן „מאָראַליש״-מעליצעדיקן זאץ: „דער יונגער ראבינער, וועלכער איז ארויסגעקומען יעדן שאבעס נאָך סינג-סיג, און האָט באגלייט די יידישע צום טויט-פארורטיילטע אף זייער לעצטן וועג, אָנגעטאָן אין א טאלעס מיט א ביכל אין דער האנט, איז ניט אימשטאנד געווען אין די וועגן פון סטאָונס מארך, וווּ די ניכטערקײַט האָט אויסגעשטיינערט, צו פארזייען דעם וווּנדער-גראָז, וואָס הייסט גאָט (!)״.

כאַים לעדערער איז אין דער יוגנט געווען אן ארבעטער און געהאט א שײַכעס צו דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, ער האָט געהאט א נעטיע צו בילדונג און צום פילאָזאָפישן זוכן דעם „זין פון לעבן״. דערנאָך איז ער געוואָרן אן אָנקל מאָזעס. הונדערטער אײַנגעהויקערטע רוקנס האָבן פאר אים פיבערדיק גענייט העמדער. ער האָט באקומען „יענע בליקן, וועלכע האָבן א פראָסט אײַנגעפראָרן אין די ביינער פון זײַנע אָנגעשטעלטע און ארויסגעיאָגט דעם לעצטן אָטעם פון זיי״ (51). ווי אָנקל מאָזעס, האָט ער „געדאוונט מיט זײַנע אלטע יידן מינכע, קעדיי זיי זאָלן דערנאָך דערפאר א שאָ לענגער אָפּארבעטן״... און אויך אים פארטיידיקט אש מיט דערזעלביקער ארגומענטאַציע ווי אָנקל מאָזעסן: „וואָס אמאָל ווײַטער, ווײַטער איז ער געיאָגט געוואָרן פון אן אומגעזעענער קראפט, וואָס טרײַבט אלעס ארום אים״, דאָס הייסט, געוואָרן א שרײַפל אין דער קאפּיטאליסטישער מאשין, וואָס ווערט געיאָגט

שאָטן פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט, האָט זיך געדאַכט, טראָגט אַף זיך מאַסאָעס ניט געזעענע"... (215).

**די** טראַדיציאָנעלע פּאָר אַנשל — סאָרע-ריווקע, דער באַטלאָניש-פּאַראַזיטישער מאַן, וואָס שטופּט אַראָפּ אַלע צאָרעס פון לעבן אַף דער פאַרהאָרעוועטער פרוי, די פרוי, וואָס קוקט אַרויף מיט דרעכערעך צום מאַן דעם לאַמדן, פאַרשטייט זײַן באַטלאָנעס און האָט אים דאָך ליב, און איז שטאָלץ אַף אים — איז געווען אַ אָפּטע טעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. געשילדערט האָט זי לינעצקי אין „פּוילישן יינגל". מענדעלע אין „ווינטש-פינגערל", פּערעץ אין צאָלרײַכע נאָוועלן, שאָלעם אַלייכעם און נאָך אַנדערע. דידאַזיקע אַלע אָנשטרענגונגען פון דוירעס קינסטלער האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין אַשס שילדערונג, וואָס גייט ניט אָפּ פון דעם טראַדיציאָנעלן פּלאַן, הייבט אים ניט אוף אַף׳א נײַער, העכערער מאַדרייגע, דאָך גיט זי אים אין אַ זעלטענער פולקײַט און זוויסדריקלעכקײַט. די צוויי קאַפּיטלעך, וואָס שילדערן דעם טויט פון סאָרע-ריווקען, געהערן צו די שטאַרקסטע זײַטלעך פון אַשס שאַפן. און ווי טאָמיד בא אַשן אין זײַן לעצטן, אָפּן-רעאַקציאָנערן פּעריאָד, פירט ער גלײַך אונטער אַ וווּלגער-מיסטישע אידייקע אונטער דערדאָזיקער דורכויס רעאַליסטישער געשטאַלט. פּאַטערט די גרויסע, אין איר מענטשלעכער באאוולטקײַט, פיגור דורך אַ טעאַטראַל-מיסטישן בּיליקן עפעקט: סאָרע-ריווקע וואַכט איבער איר מישפּאָכע אויך נאָכן טויט, זי באַווײַזט זיך צו איר זון מאָזעסן. בעיס ער בלאָנדזשעט אין אַ שניי-שטורעם און פירט אים צו ביזן הויז פון אַ פּאַרמער. מוטערשאַפט — פּריידיקט איצט אַש — איז אַן אייביקע „גאָלדענע קייט". ווען ס׳גויסעסט סאָרע-ריווקע, באַווײַזט זיך צו איר איר מאַמע „אין ברייטן טערקישן קלייד, מיט דעם שטערן-טיכל אַפן שטערן". און איר טאָכטער דוווירעלע, ווען זי לעבט איבער די קאַטאַסטראָפּע פון איר ליבע צו בוכהאָלצן, „איז ערגעץ אַנדערשוווּ אַוועק צו ערפילן די פאַרבאָרגענע פליכט, וואָס זי טראָגט אַף זיך, אַ יערושע פון אירע מוטערס". (שלום-אַקאָרד פון ראָמאַן).

4

די מיסטישע פיגור פון דער מאַמען באַווײַזט זיך ווידער צום סאָף פון אַשס גרעסערער דערציילונג „טויט-אורטייל", ווען דער באַנקיר סטאָון גייט אַוועק צוליב אַ פאַרברעכן אַפן עלעקטרישן שטול: „אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט זיך צו אים ווידער געוויזן די אַלטע אײַנגעשרומפּטע פרוי. זי איז געקומען אַרויסצוקריכן פון דעם פאַרהוילטן ווינקל, ווי נעכטן, אַ נאַקעטע, און ער איז צוריק ווידער אַ קליין קינד געוואָרן און האָט אַרײַנגעשלומערט אין אירע ברוסטן אַ גאַנצע נאַכט, ביז מען איז געקומען אים וועקן צום טויט".

„טויט-אורטייל" און „כאַיִם לעדערעס צוריקקומען" זײַנען ענג-פאַרבונדענע גרויסע דערציילונגען. זיי זײַנען מער אָפּגעשלאָסן אין זייער קאָמפּאָזיציע,

אין בעשאס „אמעריקע" און „אָנקל מאָזעס" זײַנען בארג-אַראָפּ-ראָמאנען, ראָמאנען פון פיזישן און גײַסטיקן אונטערגאנג. איז די „מוטער" א בארג-ארויף-ראָמאן, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס רײַסן זיך פון גרויסע יידישע האלב-פּראָלעטארישע מאסן אין יאָרן פון פּראָספּערימי זיך ארופּצוארבעטן, פארוואנדלט צו ווערן אין באַלעבעסלעך און ארויסרײַסן זיך פון שאפּ. מאָזעס כאָלעמט וועגן אן אייגענער פירמע „בראָדערס מאָזעס און סאָלאָמאָן זלאָטניק": „זעט ער שוין פאר זײַנע אויגן פינקלען א לאנגע שילד מיט גאָלדענע בוכשטאבן, אין דער לענג דרײַ-פיר פענצטער. ער און כאָלאָמאָן זײַנען די באָסעס, סאָלאָמאָן איז דער „אינסײַד-מען", ער גיט אכטונג אף דער פאבריק, אף די ארבעטער, אף די אָנגעשטעלטע, און ער, מאָזעס, איז דער אויטסײַדער. ער שאפט דעם קרעדיט, קויפט אײַן די סכוירעס, זעט זיך מיט מענטשן. דער טאטע ארבעט ניט מער, זיי האלטן אים אויס מיט אלעס, וואָס ער דארף... די צוויי גרעסערע יונגען זײַנען מיט זיי אויך אין די ביזנעס". סאָף ראָמאן גיט איבער אש מיט צופרידנקײַט, אז דערדאָזיקער כאָלעם פון דעם אָלרײַטניק איז טאקע מעקויעם געוואָרן.

און ווײַל „די מוטער" איז אן אָפּטימיסטישער ראָמאן, ווײַל דאָס איז א ווערק, וואָס באגיסיקט דעם קאפּיטאליזם און שטעלט ארויס זײַנע שאָטן-זײַטן, ווי צײַטווײַליקע, ווי ניטוועזנטלעכע, פעלט שוין דאָ די עלעגיע פון „אמעריקע". פעלט אויך די ביטערע סאטירע פון „אָנקל מאָזעס", און ס'עפּענען זיך מעגלעכקײַטן פאר א הומאָריסטישער שילדערונג. זי איז פארבונדן הויפּטזעכלעך מיט דער פיגור פון אנשלען, דעם טאטן, יענעם, וואָס קערעוועט זיך אויס פאמעלעך מיטן פּאָנים צו אמעריקע. עס פעלן דאָ אויך סצענעס פון דעם קאפּיטאליסטישן פאבריק-לעבן, ווי מיר האָבן עס באגעגנט אין „אָנקל מאָזעס". אמעריקע ווערט געוויזן ס'ראָוו פון דער זײַט פון שטייגער.

אָבער דאָ, אין דער שטייגער-שילדערונג, וואקסט אויס געוואלטיק די פיגור פון דער מוטער, אנשלס פרוי, סאָרע-ריווקע. „די מוטער" שילדערט דעם שווערן וועג פון די גרינע אין אמעריקע, ביז זיי שטעלן זיך אף די פיס און ווערן פּאָטער פון דער קלאָלע פון שאפּ. אלע וועגן פון דעמדאָזיקן שווערן לײַדן-וועג לאָזן זיך אויס קוידעמקאָל צום קאָפּ פון דער פארהאָרעוועטער, פארפײַניקטער מוטער, — סאָרע-ריווקע. צעטומלט טראָגט זי זיך אף די כוואליעס פון נײַעם לעבן. זי פארשטייט גאָר ווייניק פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ארום, אירע קינדער און אפילע איר מאן גייען דורך א מאָדנע ניט פארשטענדלעכע עוואָליוציע, און די שווערע לאסט פון איר לעבן ווערט ניט קלענער. „דער אויסגעמוטשעטער שאָטן אף דער וואנט, מיט דעם לאנגן אויסגעצויגענעם האלדז, די דארע סאָרבעדיקע ברוסטן, וואָס האָבן זיך איצט ארויסגעזען, און דער אײַנגעבויגענער רוקן, דער אײַנגעהויקערטער גרויסער רוקן, וואָס האָט אין

וועט עס טראָגן, הייסט עס דאָך, אז איך ברענג א נוץ דער וועלט מיט מײַן ארבעט, הייסט עס דאָך, אז איך בין א נוצלעכע זאך אף דער וועלט". ער באקומט שוין א מין „פראָלעטארישן באוווסטזײַן": „מיר, ארבעטער — האָט אנשל געוויזן מיט זײַן פינגער אף זײַן ברוסט... מיר ווילן ניט פון אײַך, באָסעס, קיין געלט. מיר באדארפן ניט"... ער הייבט שוין אָן האלטן פון א יוניע, און פארטיידיקט די סאָציאליסטיש-געשטימטע טאָכטער, וואָס וויל ניט גיין ארבעטן אין א ניט-אָרגאניזירטער פאבריק: „איך מיין, אז זי טוט זייער גוט, וואָס זי וויל ניט ארבעטן אין קיין העפקער שאפ". עס איז, נאטיר-לעך, זייער פרימיטיוו. ווען אנשל דערוויסט זיך, אז זײַן טאָכטער איז א סאָציא-ליסטקע, באַרויִקט ער זי: „אזוי גאָר! פון די, וואָס ווילן דעם קייסער פון בענקל אראָפּוואַרפן? עס שטייט דערפון אין פייפער — ווײַזט אנשל אָן אפן צײַטונג, וואָס ער לעזט — איך האָב גאָרניט געוווּסט, אז איך האָב א טאָכטער א סאָציאליסטקע. אוואדע, אמעריקע איז א פרײַע וועלט. דאָ מעגסטו, מײַן טאָכטער. דאָ מעג מען זײַן א סאָציאליסט. — ווײַזט אנשל אפן פייפער, ווי אף אן אווטאָריטעט"... ניט קוקנדיק דערוף וועט אנשל אָפּזאָגן זיך פון זײַן טאָכטער, ווײַל זי האָט כאסענע אָן כופּע קדושין. — דאָך איז אין דער אנשל-געשטאלט פאראן שוין א פאָרשריט: עס ווערט געוויזן, ווי דער א/טער דאָר קערט זיך אויס פאמע-לעך צום אמעריקאנער לעבן, מאָדערניזירט זיך צוביסלעך, באקומט די ערשטע סימאָנים פון א פראָלעטארישער פסיכאָלאָגיע, — ס'איז גאָר עפּעס אנדערש, ווי אין אשס פריערדיקע ראָמאנען. אנשל שלאָגט אפילע די קינדער, ווען זיי כאפּן זיך צום דאווגען, אבי ניט צו וואשן דאָס געפעס. „גיב נאָר א קוק מײַנע צאדיקים, מיטאמאָל זײַנען זיי פרום געוואָרן. אז די מאמע איז קראנק, ווערן זיי פרום".

קאפּיטאליזם — האָט אש געלערנט אין „אָנקל מאָזעס" — איז א ווילדע כײַע, וואָס האלט אין אירע לאפּעס דערשראָקענע, דערשטיקטע מענטשן. אין דער „מוטער" שליסט ער שוין אָבער שאָלעם מיט דער ווילדער כײַע. פאראן, לאָזט זיך אויס, א מיטל, ווי אנטרונען צו ווערן פון אירע גרויזאמע לאפּעס. דעם וועג האָט געוויזן זשאק, דער אָלרײַטניק, אין „לאנדסמאן": „פעדלע, ברודער, און פעדלע, און זע דיך ארויפצוארבעטן, ווי איך האָב געטון. נאָר ניט אין דער שאפּ ארײַן, נאָר ניט קיין אָפּרייטער ווערן, ביזטו א פארפאלע-נער אף ס'לעבן לאנג". און אשס ליבלינג-העלד אין דער „מוטער", מאָזעס, וואָס שלעפּט ארויס די גאנצע מישפּאָכע פון נויט, האלט זיך גענוי בא זשאקס אייצע: „מאָזעס לעבן, וואָס איז נאָך געווען א סויכער פון דערהיים, האָט פון טאָג אָן, וואָס ער האָט געשטעלט זײַן פוס אפן אמעריקאנער באָדן, אָנגעהויבן קלערן וועגן א טאכלעס. א קאָפּ האָט ער דאָך געהאט א גוטן און פארשטא-נען און אייסעק — האָט ער זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן און צוצווזען, אז א טאכלעס אין אמעריקע — איז נאָר בא פעדלען, בא דעם קען מען קומען צו עפּעס".

נערלעכן מיז, אָן א דײַטלעכער סיבע — וואָרעם אש האָט ניט מיט וואָס צו קומען צו אָט דער וועלט אכרץ ווי מיט פוסטן באלעבאטישן עקזאָטיק-נײַגיר — זײַנען אָבער אויך דידאָזיקע פיגורן גאָרניט אזוי עקזאָטיש פארביק. אזוי גלאנצט און בליצט אין רײַכקײַט פון עמעסן לעבן דער ערשטער ראָמאן, — און א לאנגווײַליקער געגעץ סראָגט זיך פון צווייטן ראָמאן.

און ווי אלעמאָל, ווען אש האָט ניט וואָס צו זאָגן, ווערט ער פרעטענציעז און דעקאָראטיוו. אין „קישעפמאכערן פון קאסטיליען" פארוואנדלט ער די דעקאָראציע אפילע אין א קאָמפּאָזיציע-מאָטיוו, וואָס אף אים האלט זיך דער גאנצער ראָמאן: ס'איז דאָס מאדאָנע-בילד, וואָס עס מאָלט פון דער יידישער מיידל דער קריסטלעכער מאָלער. אזוי אויך אין דער „מוטער", אין צווייטן טייל: ס'איז יענע מוטער-סקולפטור, וואָס עס קלעפט אויס דער סקולפּטאָר בוכהאָלץ. ביידע ראָמאנען פארבינדט די רעאקציאָנערע אידייע פון דער מינדערווערטיקײַט פון דער פרוי: די פרוי דארף זײַן א פוס-בענקל פארן מאנצביל, דארף אָפּערן מיט זיך פאר זײַן וווילגליק און קאריערע.

מיטן טויט פון דער מוטער, פון סאָרע-ריוועןן, ענדיקט זיך פאקטיש דער גאנצער ראָמאן. דאָס איבעריקע זײַנען צוגעשטוקעוועטע עפּיזאָדן, ביכדיי צו בארעכטיקן די הויפּט-אידייע פון ראָמאן — מוטער-ליבע, אָפּפערוויליקײַט פון דער פרוי, ווי די בריק צווישן דעם אלטן דאָר עמיגראנטן און דעם נײַעם. דער ערשטער ראָמאן ענדיקט זיך מיטן טויט פון דער מוטער, ענלעך ווי „אמעריקע" ענדיקט זיך מיטן טויט פון דעם קינד, פון יאָסעלען. און דאָך איז עס בלויז אן אויסערלעכע ענלעכקײַט. „אמעריקע" איז ייִעשדיק, פעסימיסטיש־ענלעך ווי „אָנקל מאָזעס". ביידע ראָמאנען דריקן אויס דיזעלביקע אויסזיכט־לאָזיקײַט; די „מוטער" איז אָבער אן אָפּטימיסטישער ראָמאן. אש נעמט דאָ אָן אמעריקע און גלײַך לייקנט ער אָפּ מיט א לײַכטן הארץ אלץ, וואָס ער האָט געוויזן אין די פריערדיקע ווערק.

דער אלטער דאָר — האָט אש געלערנט אין „אמעריקע", אין „אָנקל מאָזעס" — ניט ער לעבט אין אמעריקע, נאָר ער גויסעסט. ער לעבט נאָר מיטן כאָלעם וועגן דער אלטער היים, ער בענקט צום טויט. אין דער „מוטער" שילדערט אש גראָד, ווי דער אלטער אנשל, דער באל-קורע, דער קאָנסערוואטיווער פאראזיט פון דער אלטער היים, ווערט מאמעש איבערגעבוירן אין אמעריקע צוליבן פראָלעטאריזירט ווערן, צוליבן נייען העמדלעך. אויך ער הייבט אָן לעכאטכילע מיט א פראָטעסט: „ווי קום איך, א ייִד, וואָס איז געווען אינדערהיים א באל-קורע, א שטיקל טאלמיד-כאָכעם, ווי קום איך צו זיצן מיט שיקסעס לעהאוודל און טאָן אזא ווײַבערישע זאך, ווי נייען העמדער?" פאמעלעך זעט ער זיך אָבער ארום, אז אינדערהיים איז ער געווען „א ליידיקגייער, א פוסט און פאסטניק, וואָס האָט גאָרנישט געטאָן, נאָר ער האָט זיך ארומגעדרייט אין גאס, און דאָ, אז איך ניי דאָס העמד, ווייס איך, אז א מענטש

דער ראָמאן „אָנקל מאָזעס" שטייט נאָך נאָענט צו דער צײַט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, מיט איר שווער פארוואָלקנטן הימל, וואָס זאָגט צו ווייניק גוטס דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. „די מוטער" שטייט שוין אין מיטן פון דער אמעריקאַנער נאָך־מילכאָמעדיקער „פּראָספּעריטי" [1]. טומלדיק־פעסט זעט אויס דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, ס'איז ווידער סימכעס־טוירע־יאַריד, און אַש האָט איז שוין ווידער אויסגעשטרעקט פּשאָרע צו מאַכן. אַש פאַרקאַשערט ווידער די אַרבל און בויט געשווינד א בריק צווישן דער אַלטער באַלעבאַטישער וועלט און דעם אמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. די לאַנדסמאַנשאַפט־אידייע פון „אָנקל מאָזעס" האָט געפּלאַצט — און אַש ראַטעוועט פון איר גיך ארויס א מער שמאָלע אידייע — די אידייע פון מישפּאָכעדיקייט, פון מוטערשאַפט. די מוטער — פריידיקט איצט אַש, איז דער בונד צווישן דוירעס. אַלץ פאַרגייט, די מוטער־ליבע פאַרבלייבט. עס גלאַנצט זיך אָפּ מיט דער מאָדערנער בורזשואַזער טעאָריע פון פרויד און זײַן טאַלמידים.

„די מוטער" איז א ראָמאַן, וואָס באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי ראָמאַנען, גאַנץ זעלבשטענדיקע. איין ראָמאַן שילדערט דאָס אריבערקומען פון אן אָרעמער מישפּאָכע פון דער אַלטער היים און אירע שיקזאַלן אין אמעריקע. דער צווייטער ראָמאַן איז א שילדערונג פון אמעריקאַנער באָהעמע־לעבן, פון דעם סקולפּטער בוכהאָלץ, זײַנע כאַווײרים — די שרײַבער, מאָלער, סטאַם קאַפּעליידיקגייער, און פון דער געשיכטע פון זײַן ליבע צו דווירען, דער אָרעמער אַרבעט־מיידל. דער ערשטער ראָמאַן איז שטאַרק און קינסטלעריש, און ווען ניט די טראַדיציאָנעלקייט פון דעם שטאָף אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָלט דאָס געווען באַשטימט א נײַ וואָרט. דער צווייטער ראָמאַן איז אומבאַהאָלפן, צעצויגן, פּלאַטשיק. ווי געוויינלעך וואַרפט דער סקולפּטער דאָס מיידל, ווי נאָר עס גיט א שמייכל צו אים דער דערפאָלג, די גונסט פון דער בורזשואַזיע. א שטאַרק באַנאַלע, גוט באַקאַנטע טעמע, און אַש האָט דאָ גאָרניט מעכאַדעש געווען. דער סקולפּטאָר ווערט געשילדערט מיט יענער פאַרליבטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַשס באַציִונג צו זײַנע קינסטלער־העלדן. קאַוואַלסקען („מערי") האָט אַש אַמאָליקע יאָרן געשילדערט אין פּלאַן פון אימפּרעסיאָניסטישן דעקאַדענטיזם, און בלויז עפּעס דערפון אײַנגעהיט אויך אין בוכהאָלצן. בוכהאָלץ איז גיכער געשילדערט אין עקספּרעסיאָניסטישן פּלאַן: „א יונג. וועלכער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון א קאָלאָס, א ריז, הויך, אומגעלומפּערט, ווי א פּירקאַנטיקער אָפּגעהאַקטער קלאָץ". בא דעם אַלעמען האָט קאַוואַלסקי געלעבט, און בוכהאָלץ איז בלויז א סכעמע, ניט אינטערעסאַנט, ניט קלאָר אפילע. איבעריקנס איז די גאַנצע באָהעמע־וועלט בלויז מיט קויל שקיצירט און איז לאַנגווייליק־סטאַטיש אין איר שטייענדיקער בלאָטע. סצענעס און באַגעגענישן פלעכטן זיך דאָ צונויף. אין דעם צווייטן ראָמאַן, אָן אן אי-

[1] „פּראָספּעריטי": — אויפבליִונג, וווילשטאַנד.

ס'פּלאַצט דער ראָמאַן אין פײַער פון דער סטירע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, פאַרשיט עס גיך דעם טהאָם מיט בערג עראָטיק, מיט דער דערציילונג וועגן דעם אַלטגעוואָרענעם אָנקל מאָזעס און זײַן יונגער ווײַב.

—

3

„אַמעריקע", „אָנקל מאָזעס" זײַנען אַ נעגאַציע פון דער הייך-קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, ס'איז אַמעריקע געזען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלטער, פאַרקאַפּיטאַליסטישער באַלעבאַטישער וועלט. אין „אַמעריקע" איז די נעגאַציע אויסגעדריקט אין דער פאָרמע פון אַן אַלעגאָריע; אין „אָנקל מאָזעס" — ווי אַ שווערער קאָשמאַר. ביידע ווערק זײַנען צוליב דעם אין סאָך ראָמאַנטיש-יאָרדיש. דערפאַר הייבט זיך סאַקע אָן דער ראָמאַן „אָנקל מאָזעס" מיט אַ ראָמאַנטישער פּייזאַזש-אוווערטורע. די נעגאַציע פון הויך-קאַפּיטאַליזם דיקטירט אַ מין שפּויך כאַמאַסכאָ-פּייזאַזש פון „ניו-יאָרק, באַגאָסן מיט דער אונטערגייענדיקער זון, וואָס האָט זיך אויסגעדוכט אויסצוזען ווי אַ צעשטערטער באָוועל, ווי אַ צעפאַלענע שטאָט, וואָס איז צוטרינען (?) געוואָרן פון אַלטקײַט". דער לאַנדשאַפט באַקומט צוליבדעם אַ מיסטישע באַפאַרבונג: „פון דאַנען, פון דעם וויליאַמסבורגער בריק האָט מען אָנגעזען ווי קליין און ווי נידעריק זיי (די וואָלקן-קראַצערס) זעען דאָס אויס קעגן די הויכקייטן פון הימל... אַ שטאַרקע מעכטיקע האַנט האָט פון דער זײַט פון יאַם מאַטע שלייערס באַצויגן און איבערגעוועבט איבער די טײַכן רויט-בלוט". דער קאַפּיטאַליזם ווערט געשילדערט ווי אַ ווילדע כײַע, וואָס האַלט אין אירע לאַפּעס דערשראָקענע, געררייצטע פאַרמאַטערטע מענטשן: איבער דעם רוקן פון דער בריק „זײַנען געפלויגן ווי ווילדע אײַזערנע כאַיעס מיט אָנגעצונדענע קעפּ איין באַן נאָך דעם אַנדערן. און די כאַיעס האָבן געהאַט אין זייערע בײַכער אײַנגעשלונגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן. זיי זײַנען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ און מיט דערשראָקענע געררייצטע אויגן אַרויסגעקוקט פון די פענצטערלעך, די אײַזערנע כאַיעס פענצטער-אויגן. דאָס האָבן די אײַזערנע קאַסטנס, וואָס שפּיגלען זיך איצט אין דער רויטער זון, צוריקגעשיקט זייערע אײַנוווינער אויף איבער נאַכט צו זייערע ווײַבער און קינדער איבער דער טײַך". און אַש ווענדעט זיך צו די הימלען אין דער האָפענונג, — אַז אַ שטאַרקע, מעכטיקע האַנט וועט פון דאָרטן צעשטערן ביזן גרונט, ביז טויט פאַרפלייצן מיט בלוט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

שפּעטער שליסט אָבער אַש שאָלעם מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, און דער שאָלעם גייט אויף דער ליניע פון דעם אַמאָליקן „לאַנדסמאַן" — אויף דער ליניע פון אויפשטײַגנדיקן אָלרײַטניק. פון אַ ראָמאַנטיש-יאָרדישער פאַרוואַנדלט זיך דאַן זײַן קונסט אין אַ רעאַליסטישער. אַזוי אַנטשטייט זײַן ראָמאַן „די מוטער" (1923).

אָנקל מאָזעס קאַפּיטאַליסטישקייט — באַלערנט אונדז אַש — איז פֿרעמד זײַן נאַטור, איז אַ דרויסנדיקע, געצוווּנגענע, אָנגעוווּקסענע זאַך. אין טאָך איז „אָנקל מאָזעס געווען אַ קוזמינער לאַנדסמאַן. און כאָטש ער איז געווען זייער באָס, זייער הערשער, זייער געוועלטיקער, איז ער געבליבן דערזעלביקער לאַנדסמאַן וואָס זיי. זײַן לעבן איז ניט אַנדערש געווען פֿון זייערס“...!)

קעגן אָנקל מאָזעסן, זאָגט אַש, האָבן די קוזמינער קיינמאָל ניט געשטרײַקט. ווען זיי זײַנען שוין יאָ אַרויס אין שטרײַק, איז עס געווען קעגן סעמען, ניט קעגן דעם לאַנדסמאַן אָנקל מאָזעס. דערפֿאַר ענדיקט זיך אויך זײַן לעבן טראַגיש. אויך ער איז, ווי די קוזמינער, אַ פֿאַרמישפּעטער. אויך ער ווערט אָפּגעדרוקט פֿון דעם יינגערן, מער ענערגישן סעם, וואָס האָט שוין קיין שום פֿאַרפֿליכטונגען ניט און קיין שום סענטימענטן צו דער אַלטער היים. ער ענדיקט אין שענדל און פֿאַלט אַרײַן אין שטילן אידיאָטיזם...

און דאָך געלינגט ניט אַשן אײַנצוהאַלטן דעם דאָזיקן פּלאַן פֿון שילדערונג. צו בולעט זעען זיך אָן די פּשאָרע-שטעך, און צו אָפּט רײַסט זיך דער אַפּאָלאָגעטישער שלייער. האָט טאַקע אָנקל מאָזעס אַן אינערלעכע, אָפּריכטיקע באַציִונג צו די לאַנדסלײַט, אָדער עס איז אַ מאַנעווער פֿון ראַפֿינירטער עקספּלואַטאַציע? אין אַשס שילדערונג איז עס אין איין קאַפּיטל אַזוי, אין צווייטן אַנדערש. וואָס איז מאַשע פֿאַר אים — די טשוווע פֿון אַ גוילער-יונג אָדער די ראַפֿינירטע זינד פֿון אַן אַלטן באַלטשיוועניק? גיכער דאָס צווייטע, איידער דאָס ערשטע. די פּשאָרע פּלאַצט אין שײַן פֿון נאַקעטן, אָנראַכמאָנעסדיקן קלאַסן-קאַמף פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און מיט איר פּלאַצט דער ראָמאַן.

ווערטפֿול איז בלויז דער ערשטער טייל — די שילדערונג פֿון דער שוידערלעכער עקספּלואַטאַציע פֿון די קוזמין-לײַט. פֿון צווייטן טייל אָן הייבט זיך אָן אַ שונד-מעשׂה וועגן אַן אַלטן אימפּאָטענט, וואָס גייט כאַסענע האָבן מיט אַ יונגער מיידל. דעם ראָמאַן ראַטעווען ניט אַפֿילע די פֿיגורן פֿון יונגן דאָר — מאַשע, טשאַרלי. אַש קען ניט דעם אַמעריקאַנער יונגן דאָר, און מער ווי אַ סכעמע באַקומט זיך ניט. און דאָס ווײַכטיקסטע — אַש וואָלט דאַן געמוזט אויפֿהויבן די פּראָבלעם קוזמין אויף אַ העכערער באַזע, ווײַזן, ווי די לײַדנדיקע ווערן פֿאַרוואַנדלט אין קעמפֿער, די עקספּלואַטירטע — אין מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער: עס וואָלט דאַן געפּלאַצט די אָפּגעזונדערטקייט פֿון קוזמין, זיי וואָלטן אַרײַנגעפֿלאָכטן געוואָרן אין דעם גרייסן קאַמף פֿון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, וואָלטן באַקומען אַן אינטערעס אין לעבן, אַחוץ דעם בענקען צו דער אַלטער היים אין דעם טרויעריקן זינגען פֿון דעם אַלטן כאַזנס קרושעלע. דאַן וואָלט אָבער געפּלאַצט אויך די „לאַנדסמאַנשאַפֿט“ פֿון אָנקל מאָזעס, דער גאַנצער נײַ-איבערגעפּרישטער שפּיל פֿון קיילער-געסל און שול-געסל, אַשס גאַנצע טעאָריע וועגן דער ניט „קאַפּיטאַליסטישקייט“ פֿון אָנקל מאָזעס. דאָס לוינט אָבער ניט אַשן, דעם בורזשואַזן שרײַבער; און ווען

א „היימישער מיידל“. אפילו דער יונגער טשאַרלי, דער סאָציאַליסט, אנטוויקלט אין אַשס נאָמען א טעאָריע, אז די נעשאָמע פון ניו-יאָרק — דאָס איז די בענקשאפט צו דער אַלטער היים: „אז מע זעט א ניו-יאָרקער מאסע, זעט מען די גאנצע וועלט פאר זיך. אין אלעמענס אויגן ליגט א בענקשאפט פון א יוגנט, פון א קינדהייט, וואָס זיי האָבן ערגעץ אנדערשוו, אין אנדער לאנד איבערגעלעבט“. עס בענקען צו דער אַלטער היים די עקספּלואַטירטע „אויס-געוויקטע ייִדן“, די אמאָליקע כעוורע דרײַ פּייען, אָבער אויך דער אָלרײַטניק זשאק און דער אָנקל מאָזעס. דאָ, אף דער בריק פון בענקשאפט, וויל אש שאָלעם מאכן צווישן קוזמין, וואָס גיסט זיך אָפּ מיט שווייס, און דעם אָנקל מיט זײַן דיקן בויך, גאָלדענער קייט און דער שער אין האנט.

דאָס אַלטע שפּיל פון קוילער-געסל און באַלעבאַטים כאַזערט זיך איבער אף א נײַער באַזע. אָנקל מאָזעס האָט טאקע אויסגעגליכן, ניוועלירט דאָס גאנצע שטעטל — אָבער אין לעצטן געצאַנק רופט עס ווידער צום לעבן די אויסגעלאָשענע באַלעבאַטישע וועלט. דאָס קוילער-געסל איז איצט אָנקל מאָזעס. לויט זײַן פאַרגאַנגענהייט איז עס א קאַצעוו-יונג, א שמײַסער-יונג פון שטעטל. אין גוטע מינוטן איז זײַן אידעאַל „אליין אהיים צופאָרן אין דער קליינער שטעטל און ווערן דער גרעסטער נאָגיד, מיט שאַבעס, מיט יאָנטעוו, — מיט צוויי גרויסע בולאַנעס, ווי רעב ייִצכאָק דער אָקסן-סויכער, זײַן באַלעבאָס, האָט געהאַט, און לעבן דאָס אַלטע ייִדישע לעבן, וואָס ער האָט געקענט פון זײַן קינדהייט“. ווי אן עכט קינד פון קוילער-געסל, כאָלעמט ער וועגן „ארויס-נעמען א קינד פון א באַלעבאַטיש הויז און כאַסענע האָבן“, און צו דעם צוועק, עמעס שוין צו שפּעט, האָדעוועט ער זיך א יונג מיידל פון א לאַנדסמאַן.

איצט הייבט אש אָן פאַרזיכטיק צו רעאַביליטירן אָנקל מאָזעסן. ער טוט עס פאַרזיכטיק — ווײַל צו הויך שרײַט ארויס די קריוודע פון די אויסגעזויגטע. ביזן לעצטן טראָפּן מאַרך אויסגעוועטשטע קוזמינער. אָבער נאָך יעדן קאַפּיטל, ווו אָנקל מאָזעס דערשײַנט אין זײַן גאַנצער בלוט-זויגערישער פּראַכט, קומט באַלד א רעאַביליטאַציע-קאַפּיטל. נאָך דעם גלענצנדיקן 6-טן קאַפּיטל, וואָס ווײַזט דעם מאָדערנעם „פּאַרעה“ אין זײַן מעלוכע, אין פאַבריק, קומט גלײַך א קאַפּיטל „אָנקל מאָזעסעס לעבן“, וואָס שוואַכט אָפּ די פריערדיקע שילדערונג. באַשרײַבט אָנקל מאָזעסעס שווערע יוגנט, נאָך שווערערן געיעג נאָך געלט אין זײַנע רײַפע יאָרן. און אזוי מישן זיך אויס ביידע מאָטיוון, און ס'אַנט-פּלעקט זיך אַשס גרונט-אידייע: אָנקל מאָזעס איז פונט אזא קאָרבן פון קאַ-פּיטאַליזם, ווי די קוזמין-לײַט; אזוי ווי זיי. האָט אים אויך פאַרכאַפּט די ראָד פון קאַפּיטאַליזם מיט אירע ציינער, „עס איז געווען ווי ער וואָלט פאַרשקלאַפט געוואָרן צו זײַן אומערשעפּטער ענערגיע, און די ענערגיע יאָגט אים ווי א ניט-גוטע קראַפט און ער מוז בלינד אויספירן די באַפעלן, וואָס זי באַפעלט אים“. אָנקל מאָזעסעס „לעבן אין אמעריקע איז בא אים ניט געווען פאַרעכנט“.

בענקשאפט דערמאָנט פון די געטרײַע קינדער פון אלטן קוזמין, וועלכע זיצן און בענקען נאָך איר, און ווי ניט ווי פאלט א טרער, לאָזט זיך הערן א קרעכץ פון אן אלטן אײַנוווינער פון קוזמין...".

קוזמין וויל ניט שטארבן — און ס׳לעבט מיט טויטע, אלטע זיכרוינעס; קוזמין איז מעקאנע צוויי "טויטע", דאָס הייסט, צוויי אלטע לײַט, וואָס קערן זיך אום צוריק אין שטעטל ביכדיי דאָרט צו שטארבן. קוזמין זינגט די קדושעס פון דעם אלטן כאזן. איינער פון די "טויטע" פאָרמולירט אזא קוק אף אמע-ריקע: "אמעריקע איז א פארקערטע וועלט. דאָ לעבט מען באנאכט, און מע איז טויט באטאָג", און ס׳איז גראָד אשס אידעאלע, פּאָזיטיווע געשטאלט.

קוזמין איז אלט. פינף מאָל כאזערט זיך איבער אין איינער פון די לעצטע ציטאטעס דער עפּיטעט "אלט". מע זעט ניט קיין יונגע מענטשן אין דעם קוזמינער ארבעטער-לאגער. און ס׳איז ביכלאל כאראקטעריסטיש פאר אשס אמעריקע-ראָמאנען, אז קיינמאָל שילדערט ער ניט דעם קאמף פון יונגע, פרישע, געזונטע ארבעטער. קיינמאָל אינטערנאציאָנאליזירט ער ניט דעם פּראָ-לעטארישן קאמף. ניט נאָר אָנקל מאָזעס, — אויך אש שליסט אָפּ די עקספּלוא-טירטע קוזמין-לײַט פון דער וועלט, פון דער גרויסער מיליאָניקער מאסע אמע-ריקאנער פּראָלעטאריער. אש פארוואנדלט זיי אין "פּויאַלים", אין "אנשיי קוזמין", וואָרום אויב ניט וואָלט צערונען געוואָרן אויך דער צווייטער פּלאן פון דעם ראָמאן — די אָנקל מאָזעס-אפּאָלאָגיע. אקעגן זשע אָבער פארמאָגט אש א נאָוועלע "אַ יוניאָן פאר שאבעס", וואָס שילדערט מיט ליבע דעם קאמף פון אָרטאָדאָקסישע ארבעטער פארי שאבעס-רו. — און ווען דער יונגער טשארלי אָרגאניזירט ענדלעך א שטרייק פון די "אנשי קוזמין" קעגן דעם אָנקל מאָזעס, וואָלט דער שטרײַק פארלאָרן געגאנגען, געבראָכן געוואָרן — ווען ניט א דראָשע פון דעם אלטן זשאָכלינער מיט א מאָשל פון כומעש. בלויז דער כומעש קען לויט אשן נאָך באגײַסטערן די קוזמינער. פון כומעש נעמען זיי אויך זייער קלאסן-טערמינאָלאָגיע: אָנקל מאָזעס ווערט פארוואנדלט אין א פארע מעלעך מיצראַים, אין אן אכאשווייראש, מאשא — זײַן געליבטע, אין אן עסטער האמאלקע, איר פאָטער — אין א מאָרדכע האיעהודי...

קוזמין איז טויט; זײַן גאנץ לעבן איז אין נעכטן, זײַנע בליקן זײַנען אף צוריק געווענדעט, און ס׳אָטעמט פון קוזמין מיט אן אומהיימלעכער בענקשאפט צום אמאָליקן לעבן. דאָ, אף דער בריק פון בענקשאפט צום נעכטן, צום פּאָר-קאפּיטאליסטישן שטעטל, שליסט אײַן אש דעם צווייטן פּלאן פון ראָמאן — די אָנקל-מאָזעס-אפּאָלאָגיע. די בענקשאפט צו דער אלטער היים איז יענע אידייע, וואָס פארבינדט אזעלכע קעגנזעצלעכע ווערק, ווי "לאנדסמאן", "אמע-ריקע", "אָנקל מאָזעס", "לייבל אינדערהיים — לייבל אין אמעריקע". אויך זשאק — דער פּראָטאָטיפּ פון אָנקל מאָזעס אין "לאנדסמאן" — איז פול מיט בענקשאפט צו דער אלטער היים. דערפאר טאקע האָט ער כאסענע מיט

באַ מיר רעדט מען ניט קיין נאַרעשקייטן; באַ מיר רעדט מען גאָרניט. באַ מיר שווייגט מען. געהערט? מע שווייגט! — האָט דער אָנקל אויפגעהויבן די ברעמען. — ווי האָט מען אים גערופן אינדערהיים, סעם? — אַרן גאָרגל. — גאָרגל האָט מען אים גערופן — האָט דער אָנקל זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט — גאָרגל? גאָרגל איז גוט. נאָר דאָ אין אַמעריקע גאָרגלט מען ניט. אין קוזמין גאָרגלט מען, ניט דאָ אין אַמעריקע".

אַזוי פורעמט זיך אויס איין פּלאַן פון דעם ראָמאַן — דער שטאַרקסטער, דער רעאַלסטער, דער קינסטלערישסטער, — די שילדערונג פון דער מוירעדיקער עקספּלואַטאַציע פון די „גרינע", וואָס קומען אַראָפּ אין אַמעריקע רעזיגנירט, צעטומלט, אָן קיין שום האָפענונגען און אָן קיין שום ענערגיע. דער אָנקל עקספּלואַטירט זייער איינזאַמקייט און פאַרלאָרנקייט אין אַמעריקאַנער באָדן, און אָרגאַניזירט דערויף אַ סיסטעמע פון פּאַטריאַרכאַלער, היימיש-מישפּאָכעדיקער עקספּלואַטאַציע. ער עקספּלואַטירט זייערע רעליגיעזע געפילן, ביכדיי זיי אַף אַ פאַרשלייערטן אויפן נאָך שטאַרקער אויסצונוצן. מע אַרבעט ניט לעפּאָנים באַם אָנקל אום שאַבעס, דערפאַר מוזן אָבער אַראָפּקומען די ייִנגערע צוהעלפן אָן געצאָלט אין געשעפט. דערווייל איז עס אַ סגולע קעגן דער יוניע, אַלזאָ פאַר נידעריקערן אַרבעט-לוין. אָנקל מאָזעס שליסט אָפּ „קוזמינ" פון דער גאַנצער וועלט און ער טוט זיי טויוועס — בויט פאַר זיי שולן, שפּיטעלער. עס באַקומט זיך אַ סיסטעם פון ראַפינירטער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט קיין שום שייכעס ניט צו דער אַלטער סימוואָליק: קוילער-געסל—שול-געסל.

קעגן אַשט ווילן. וואָרעם דידאַזיקע ליניע פון ראָמאַן איז באַ אַשן פאַר-טראַכט ניט אין פּלאַן פון אַרבעטער-עקספּלואַטאַציע, פון קלאַסן-קאַמף, נאָר ווי די שילדערונג פון דער לעצטער יערידע, דעם לעצטן עטאַפּ פון דער באַלעבאַטישער וועלט. עמעס, פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן פון שטעטל זיצן אויסגעמישט באַ דעם אָנקל מאָזעסעס מאַשינען. דאָ זײַנען פאַראַן סײַ פּערסאָ-נאַזשן פון קוילער-געסל — פישער, סעדער, כעוורע דרײַ פּייען — סײַ פון די „אויסגעוויקסטע ייִדן". „אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלײַכט גאַנץ קוזמין. ניטאָ מער קיין שיינע באַלעבאַטים, דאָזאָרצעס מיט אָרעמע באַלמעלאָכעס, ניטאָ קיין טאַלמידיי-כאַכאָמים מיט גראָבע יונגען — אַלע דינען צו איין גאָט, אַלע טוען איין זאַך — נייען הויזן...". קוזמין איז אַלזאָ שוין געשטאָרבן. דער קאַפּי-טאַליזם האָט אויסגעגליכן אַלע אַלטע כעזשבוינעס, אַף אַ גלײַכן אויפן צוגע-קוועטשט סײַ די באַלמעלאָכעס, סײַ די באַלעבאַטים. אָבער אין לעצטן מאָמענט פון גסיסע טריומפירט ווידער אַמאָל דאָס שול-געסל, די אַלטע באַלעבאַטישע וועלט: „קוזמין וויל נאָך גיט שטאַרבן. באַם אָנקל מאָזעס אַפן בוידעם, באַ דער נאָדל, לעבט ווידער דאָס אַ ל ט ע קוזמין און מיט אַלע אירע מערקווירדיקייטן. יעדער אַ ל ט ע ר שטיין, יעדעס אַ ל ט ע הויז אין ווינקל ווערט מיט ליבע און

איבערלאָזן יאָסעלעס קייווער דאָ? און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי מוז שוין דאָ פאַרבלײַבן אַף דער ערד — זי האָט שוין דאָ אַ קייווער...״

„אַמעריקע״ ווײַזט דאָס אָפּשטאַרבן. גייסעסן פון די אַמאָליקע פאַרשטייער פון בעסמעדרעש-געסל, געזעגן פון זייער שטאַנדפּונקט, דערפאַר עלעגיש באַווײַנט. צי איז טאַקע גאָרניט פאַראַן, וואָס פאַרבינדט די גײַסטיקע מײַערס מיט די אויפקומענדיקע זשאַקס? געוויס איז גאָרנישט פאַראַן. און דאָך פאַרפאַסט איש דעם ראָמאַן „אַנקל מאָזעס״, ווו ער נעמט צענויף די ליניעס פון ביידע ווערק אין איין עקלעקטישן געוועב. מיט גרויס מוט, מיט אַסאַך בראַוווּר פאַרטרײַבט ער די מײַערס אין גאָלעס צו די זשאַקס, און הייבט אָן אויסצוזוכן ניט וואָס טיילט אָפּ די עקספּלואַטאַטאָרן פון די עקספּלואַטירטע, נאָר וואָס פאַרבינדט זיי. אַזוי אַנטשטייט די אַפּאָלאָגיע פון „אַנקל מאָזעס״.

2

דעם פאַרביטערטן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל שפּאַרט קיידעמקאָל איש אַרײַן אין די אַלטע פאָרמולעס: קוילער-געסל און שול-געסל. דאָס אַלטע שפּיל הייבט זיך ווידער אָן אַף אַ נײַער באַזע.

די צײַטן האָבן זיך געביטן. סײַ קוילער-געסל, סײַ שול-געסל זײַנען שוין איצט צוזאַמען אין אַמעריקע. אַש זאַמלט זיי אַפילע צענויף אין איין בנין — אין אַנקל מאָזעסעס פאַרשטויבטער פאַבריק אַף דער בויערי. אַזוי אַנטשטייט אַ גראָטעסק-בילד פון גרויסן פאַרנעם: אַנקל מאָזעס, וואָס שלעפּט אַראָפּ צו זיך אין פאַבריק דאָס גאַנצע „שטעטל״, פון קליין ביז גרויס. אַלע זײַנען דאָ פאַראַן: די פּישערס און די סעדערס, די דאַיאָנים און די שאָכטים, די זשאַכלינערס און די דאָרף-גייערס.

דאָס פאַרהעלטעניש צווישן דעם אויפגעקומענעם פונעם קוילער-געסל און דער באַלעבאַטישער וועלט האָט זיך שוין שטאַרק געביטן. אויך אין דער אַלטער היים פלעגן די מאַטיסעס זיך ענערגיש רוקן פאָרויס, און די באַלעבאַטישע וועלט איז וואָס פון טאָג שווינדזיכטיקער, יאָרדישער געוואָרן. דאָך איז דאָרט, אין שטעטל, דער אָפּגאַנג געווען אַ לאַנגזאַמער. מע האָט זיך געווערט מיט אַלע קויכעס, אײַנגעהיט אַ ביסל סטאַטוס, און ווײַל די מאַטיסעס האָבן ניט געלאַכט הינטער די פּלייצעס פון די ייכעסדיקע יידן, וואָס כאַפּן בא ווי אַ גמילעס כעסעד, איז עס דאָך געווען הינטער די פּלייצעס, שפּאָט געמישט מיט דערעכערעץ. דאָ, אין אַמעריקע, איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען גיך, קאַפּיטאַליסטיש. די „אויסגעווייקטע״ יידן זײַנען מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּראָלעטאַריער, און די מאַטיסעס — אין פאַבריקאַנטן און סאָכרים. די נעכטיקע יונגען פון קוילער-געסל האָבן מיטאַמאָל באַקומען פעסטקײַט, זיכערקײַט, כוצפּע, זײַנען געוואָרן דײַטלעך בלוט-זויגעריש, מיט איין וואָרט — זיי האָבן באַקומען אַלע מאַנירן פון אַ מאָדערנעם קאַפּיטאַליסט. „נאַרעשקײַטן —

„אָנקל מאָזעס”, „לייבל אינדערהיים — לייבל אין אמעריקע”, „די מוטער” בילדן אלזאָ איין ענגערן קאָמפּלעקס.

עס איז קימאט אומגלויבלעך, אז דערזעלביקער שרייבער האָט קימאט גלייכצייטיק געשריבן אזעלכע ווערק, ווי „דער לאַנדסמאַן” און „אמעריקע”. אין „לאַנדסמאַן” באַגיטיקט אש דעם קאַפּיטאַליזם און דעם קאַפּיטאַליסט, פרייט זיך מיט זיין גדולה, מיט „זיין” אמעריקע. אין „אמעריקע” פאַרשילט ער דעם קאַפּיטאַליזם. ס׳איז א ווערק, וואָס אָטעמט מיט שווערער מעלאַנכאָליע, א ווערק אין צאַרטע, עלעגישע טענער. ס׳איז אמעריקע, געזען פון שטאַנדפּונקט פון די פיינע ייכעסדיקע יידן, וואָס האָבן מיטאמאָל אין דעם קאַפּיטאַליסטישן געהענעם פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס. „ער, מייער רעב יאָסעלע סאָכאַטשעווערס, וואָס די שטאָט האָט געקלונגען מיט זיין לערנען, א גערעכער כאָסיד און איז עפּעס פון־דער היים־אויס א סויכער געווען — זאָל ווערן א העמדל-נייער, ווי סענדערל דער דאַמסקער שניידער בא זיי אין שטעטל! דאָ איז אלעס מעגלעך און פאַר דעם איז עס דאָך אמעריקע” (19). די מייערס גייען אַרום ווי אין נעפּל: „ווי אזוי ער איז דאָרט אהין (אין פאַבריק) געקומען ווייס ער, נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט, באָטש ער פאָרט יעדן טאָג צו דער אַרבעט, און יעדן טאָג פון דער אַרבעט” (18). אין אמעריקאַנער קעסל באַמיען זיי זיך מיט אלע קויכעס איינצוהאַלטן זייער אייגענע, אמאָליקע וועלטל. זיי אַרבעטן טאַקע אין פאַבריק, אָבער „בלויז צוליב פּאַרנאָסע”: "דער קאָרעוו פון דער דריטער סטריט האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אויך אַריינטרעטן אין עפּעס א כעווורע „אכדעס”, ווו אלע אַרבעטער האַלטן זיך צוזאַמען. נאָר אים האָט בעשאַס מייסע פאַרדראָסן, וואָס דער קאָרעוו האָט אים גענומען ביוזכינעס אַרבעטער. וואָס פאַר אן אַרבעטער איז ער? ער איז א ייד, א יודייע-סייפער”.

די עקספּלואַטאַציע פון די מייערס ווערט טאַקע ניט געוויזן — זיי אליין באַמיען זיך עס ניט צו זען, זיי טיילן איין זייער לעבן אין צוויי וועלטן — די קאַפּיטאַליסטישע ראָד נעמט צו דעם גרעסטן כיילעק פון לעבן, אָבער דאָס איז ניט מאַמאָשעסדיק; וועזנטלעך איז יענץ אויסגעטיילט ביסל לעבן, וואָס בלייבט איבעריק, דאָס ביסל מיצווייעס, דאָס דאַווענען — און דער אומענטש-לעכער בענקען צו דער אַלטער היים. די פאַמיליע ווערט אָפּגעפרעמדט, די קינדער ווערן אמעריקאַניזירט, פאַרלירן דאָס ביסל „יידישקייט”. דאָס איינציקע קינד, וואָס ציט די אלטע טראַדיציע, גויסעסט און שטאַרבט אפן אמעריקאַנער באָדן. אזויאַרום ווערט אמעריקע געוויזן מער דורך דעם פענצטערל פון שטיי-גער, ווי א שווערער כאָלעם, ווי אן אומגלויבלעכער קאָשמאַר. אָפּטיילנדיק זיך פון לעבן, שטאַרבן אָפּ די מייערס נאָך פאַרן פיזישן טויט. זיי לעבן בלויז [illegible] כאָלעם פון אלטן שטעטלדיקן מאַרק. אסאַך א גרעטערע לעבן-פייקייט [illegible] די פרוי; ווען כאַנע-לייע קומט צוריק פון יאָסעלעס לעווייע, „האָט זי [illegible] געטראַכט, ווי אזוי וועט זי שוין קענען אוועקציען פון דאַנען און

ניט בא אָנקעל מאָזעסן, זשאק העלפט זיי מיט געלט און גיט זיי אן אייצע אויסצומײַדן מיט אַלע קויכעס דעם שאפּ. אַלע דארפן מאשמאָעס ווערן פּעדלער — און די סאָציאַלע פראגע איז לעכאָלאפּאָכעס אין דעם קאָמפּלעקס זשאקלאנדסלײַט געלייזט. און ענלעך ווי אָנקל מאָזעס, האָט זשאק כאסענע׳ מיט א לאַנדסמאנס א טאָכטער, א „היימישער מיידל״, וואָס איז צוויי מאָל ייִנגער פון אים. קיין קאָנפליקט זעט זיך נאָך דערווײַל דערפון ניט ארויס. אין „לאנדסמאן״ שטראַלט העל די זון פון אשס סימפּאטיִע צום אָלרייטניק, דערלאָזט ניט קיין שום קאָנפליקטן, און זשאקן פארלאָזן מיר מיט א געפיל, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א פּאָשעטן גראָבן יונג, אָבער א מעזעג-טויוו, א דימענט — מיר האָבן שוין פארגעסן וועגן דער שנײַדער-פּעקטאָרי אויבן אין זײַן קראָם, ווו עס באגיסן זיך מיט שווייס צענדליקער שנײַדער, ביכדיי זשאק זאָל האָבן „יעדן טאָג אין אמעריקע סימכעס-טוירע״.

מיט א יאָר שפּעטער שרײַבט אָבער אש זײַן ראָמאן „אמעריקע״, און ווידער דערשײַנט דאָ אף א ווײַל אָנקל מאָזעס, וואָס איז גלײַך זשאקן, וואָס איז גלײַך מאטיסן פון דער „יאטישער טאָכטער״. ווען מייער קומט ארוף צו די לאנדסלײַט, וואָס זיצן און שמועסן פון זייער שטעטל און האָרכן נײַעס פון אן אָקאָרשט אראָפּגעקומענעם, באווײַזט זיך דאָ אויך „איינער אן עלטערער מענטש, מיט א דיק בײַכל און אסאך גאָלד אף זיך... דער אוילעם האָט אים גערופן דער אָלרײַטניק, — האָט עפּעס גערעדט וועגן יאָרצײַט און וועגן אהיים פאָרן נאָך יאָרצײַט. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן זײַנע געוועזענע קאלעס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים... דערנאָך האָט ער דערציילט, דער אָלרײַטניק, אז אַלע זײַנע געוועזענע קאַלעס שיקן צו אים די דערוואקסענע זין און פאר יעדן קוש, וואָס ער האָט געגעבן די מוטער און די יונגען, באצאָלט ער יעצט די זין צו צען דאָלאר... דער אוילעם איז ארײַנגעקומען אין א ליכטיקער שטימונג פון דעם אָלרײַטניקעס מײַסעס מיט די קאלעס, און דער אָלרײַטניק האָט אראָפּגעשיקט נאָך ביר פאר דעם גאנצן אוילעם״ („אמעריקע״, 28). און אין „אָנקל מאָזעס״ לייענען מיר: „אָנקל מאָזעס איז געווען א קוזמינער לאנדסמאן... און פלעגט נאָר אים דערמאָנען אָן קוזמין, אָן א מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט אין זײַן יוגנט... האָט עס אים אזוי געדוכט אז עס האָבן זיך באלד געוויזן טרערן אין זײַנע אויגן. ער פלעגט אָפּטמאָל ארײַנפאלן צו די קוזמינער, ווען זיי האָבן פארבראכט שאבעס אינאָווענט בא א לאנדסמאן און זיך צוהערן צו די קוזמינער מײַסעס״. („אָנקל מאָזעס״, 68).

צום דריטן מאָל כאזערט זיך איבער דער מאָטיוו אין דער שפּעטערדיקער נאָוועלע „לייבל אינדערהיים און לייבל אין אמעריקע״, ווו עס ווערט נאָכאמאָל באריִרט די אָנקל-מאָזעס טעמע. אגעוו, איז דער קארגער פעטער וואָלף, מייערס ייִנגערער ברודער („אמעריקע״) — דערזעלביקער לייבל פון דער נאָר-וואָס דערמאָנטער נאָוועלע (225—226). די ווערק „לאנדסמאן״, „אמעריקע״,

אן אמאלגאמירטן סטיל, א סטיל, אין וועלכן עס זײַנען צענויפגעשמאָלצן באַלעגופישע און יאָרדיש-באַלעבאַטישע מאָטיוון. די צײַט איז אָבער געגאַנגען, א היפּשע צאָל פון זײַנע העלדן האָט אויסגעוואַנדערט אין אמעריקע, אין א לאַנד פון הויך-קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אין א טקופע פון שאַרפסטן קלאַסן-קאַמף. און שוין אין רעזולטאַט פון אַ שס ערשטער, אויבערפלעכלעכער באַקאַנטשאַפט מיט אמעריקע אַנטשטייען צוויי ווערק — „דער לאַנדסמאַן“ און „אמעריקע“, ווו ס'פּלאַצן מיט אַמאָל און מיט ראַאַש אַשס שטעטלדיק-קוסטאַ-רישע לאַטעס. דאַן שפּאַלט זיך אויך אַשס סטיל. „לאַנדסמאַן“ איז באַלעגופיש, „אמעריקע“ — יאָרדיש-עלעגיש. אַשס קינסטלערישע אָנשטרענגונג אין די שפּע-טערדיקע יאָרן וועט ווידער אַוועקגיין אַף לייגן נײַע לאַטעס. איצט וועט עס אים שוין אָבער אָנקומען מיט ריזיקער אָנשטרענגונג. און ענדיקן וועט זיך דידאַזיקע אַקציע אַשס פון איצט אָן טאָמיד מיט א דורכפאַל. אַזוי וועלן אַנטשטיין אַש ראָמאַנען פון אמעריקאַנער לעבן: „אָנקל מאָזעס“, „די מוטער“, „כאַים לעדערערס צוריקומען“, „טויט-אורטייל“, — ווערק פון א שווערער עקלעקטישער אָנשטרענגונג.

שוין אַן אויבנויפיקער אופצייִלן פון פּאַבוליאַטאַרישע מאָטיוון דערווײַזט, אַז אין „לאַנגדסמאַן“ און „אמעריקע“ האָבן מיר צו טאָן מיט פאָר-ארבעטן, פאָר-עסקיזן צו „אָנקל מאָזעס“ און „די מוטער“. אָט איז א ריי קאַפּיטלען פון „אמעריקע“, וואָס דערציילן, ווי מע גרייט זיך פאָרן פון דער אַלטער היים אין אמעריקע — א פאָרארבעט צום ערשטן טייל פון דער „מוטער“. אָט איז די מיידעלע, ראָכעלע, וואָס גייט אויספּויעלן באַם רײַכן פעטער א האַלוואָע (אמעריקע“, 9—14), — א סצענע, וואָס וועט זיך איבערכאַזערן אין „אָנקל מאָזעס“. אָט איז דער עפּיזאָד פון כייע פעשעס טויט, בוכשטעבלעך איבער-געכאַזערט אין „לאַנדסמאַן“ (20) און אין „אמעריקע“ (27). דאָס שענסטע איז אָבער, וואָס איןביידע ווערק פיגורירט שוין אָנקל מאָזעס גופע — אין ביידע אָבער געזען פון א דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכן קוק-ווינקל. אין „לאַנדסמאַן“ איז אָנקל מאָזעס — דער אופגעקומענער זשאַק, דער נעכטיקער מאַטיס פון קוילער-געסל, דער קאָלעגע פון שלוימע מאַלעך. ער איז שוין אין אמעריקע, האָט, ווי אָנקעל מאָזעס, א פאַבריק און א קראָם פון פאַרטיקע קליידער, אַסאַך הײַזער, און קוקט מיט זאַטע, אָלרײַטניק-אויגן אַף אמעריקע: „יעדן טאָג איז אין אמעריקע סימכעס-טוירע“. דאָס גאַנצע לעבן איז פאַר אים א קעסיידער-דיקער וואַסער יאָנטעוו. שלוימע מאַלעכן גיט ער אַזאַ גוט-ברודערשע אייצע: „דו מוזט טון ווי איך האָב געטון. איך וועל דיר געבן עפּעס געלט, און קויף דיר אײַן אביסל סכוירע, און פּעדלע, ברודער, און פּעדלע, און זע דיך אַרופ-צואַרבעטן, ווי איך האָב געטון. נור ניט אין דער שאָפּ אַרײַן, נור ניט קיין אָפּרייטער ווערן, ביססוי א פאַרפאַלענער אויסס לעבן-לאַנג“. דער קאָנפליקט לייזט זיך אַלזאָ אוף גאַנץ לײַכט, גאַנץ איינפאַך: די לאַנדסלײַט אַרבעטן נאָך

# 5. אשס ראָמאנען פון אמעריקאנער לעבן

„יעדן טאָג איז אין אמעריקע סימכעס־טוירע“
ש. אש. „דער לאנדסמאן“.

„אמעריקע איז א פארקערטע וועלט. דאָ לעבט
מען באנאכט, און מע איז טויט באטאָג“.
ש. אש. „אָנקל מאָזעס“.

1

צוויי ווערק זײַנען פאָרויסגעגאנגען אשס גרויסע לײַוונטן פון יידיש-אמע-ריקאנער לעבן: די קאָמעדיע „דער לאנדסמאן“ (1909) און די גרויסע דערצײ-לונג „אמעריקע“ (1910—1911). ביידע ווערק שטייען אָבער אין א שארפער סטירע איינער צום צווייטן. עס איז יענע סטירע, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר אשס גאנצן שאפן זינט דעם „שטעטל“, און וואָס אש באמיט זיך טאָמיד זי צו פארגלעטן, פארשמירן. אמאָליקע יאָרן האָט אש זי אויסגעדריקט אין דער סימבאָליק: קוילער-געסל — בעסמעדרעש-געסל, די מאטיסעס און די יאָרדיש-באלעבאטישע גאָלדמאנס. די סטירע צווישן איין קלײנער שיכט פון דער יידישער בורזשואזיע, וואָס שטײַגט ארויף, וואקסט עקאָנאָמיש, איז זאט-האָפערדיק, און דער צווייטער שיכט — דער „באלעבאטישער“, דער ווײַט-גרעסטער, וואָס גייט אונטער מיטן פאנאנדערוויקלען זיך און אופבלי פון קאפיטאליזם. ווענדנדיק זיך מיט איין פּאָנים צו די מאטיסעס, איז אש רעאליס-טיש, מונטער, באהאנדלט סארקאסטיש די באלעבאטישע וועלט; ווענדנדיק זיך מיטן צווייטן פּאָנים צו דער יאָרדישער האנדלקאפיטאליסטישער בורזשואזיע, איז אש ראָמאנטיש און עלעגיש-סענטימענטאל.

אין די גוטע „שטעטל“-צײַטן, אין דער ערשטער טקופע פון זײַן שאפן, איז אשן אָן קיין שום גרעסערע שוועריקײַטן געלונגען צו פארלאטען דעם-דאָזיקן גוואלד-ריס. ער פלעגט די אקציע פון זײַנע ווערק פארלייגן אין אָפּגע-שטאנענע פארוואָרפענע שטעטלעך; ער פלעגט די צײַט פון די געשעענישן פארוקן אין דער פארגאנגענהײַט, אין דער וויניק-דיפערענצירטער האנדל קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. אזויארום האָט זיך באקומען א ריי ווערק מיט

ער פארשטאנען, ווי זיי צו שטעלן א ווידערשטאנד און וויַיטער צו גיין אפן וועג, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן מיט זיַינע „וועבער" און „ביבערפעלץ", וואָלט זיַין גורל גליקלעכער געווען. דערצו אָבער דארף מען זיַין א גרויסער דיכטער, וואָס איז אף זיַין שטייגער טאָמיד אויך א גרויסער כאראקטער" (פראנץ מערינג. צור ליטעראטור-געשיכטע. באנד 2, 194, בערלין, 1929).

בא דער גאנצער פארשיידנקיַיט פון אשן און הויפטמאנען, קוואליפיצירט מערינגס לעצט-ציטירטער גרויזאמער אורטייל אויך אשס ליטערארישן גורל.

זינקענדיקער בורזשואזיע אין איר לעצטן עטאפּ, ערעוו דער גרויסער רעוואָ-ליוציאָנערער אופטרייסלונג פון די יאָרן 1905—1917, פון דער אנדער זייט, — די פארקנעכטונג פון א ריי צווישנשיכט-שרייבער דורך דער בורזשואזיע, וואָס ברענגט צו דער פולשטענדיקער יערידע פון זייער קונסט. שטודירט מען אשס עקלעקטישע דראמאטורגיע, דערמאָנט זיך ביפראט דער גוירל פון גערהארדט הויפּטמאן, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט ווערק, וואָס האָבן געוועקט גרויסע האָפענונגען („די וועבער" האָט הויפּטמאן פארפאסט אונטער דער האשפּאָע פון דער וואקסנדיקער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, נעמענדיק פארן אויס-גאנג-פונקט די אָפּהאנדלונג פון ווילהעלם וואָלף, דעמיעניקן, ויעמען מארקס האָט געווידמעט דעם ערשטן באנד „קאפּיטאל"), איז גיך אוועק אין דינסט פון דער בורזשואזיע, און גיך געענדיקט מיט מיסטישע און שאָוויניסטישע פּיעסעס. די רעאקציע אין הויפּטמאנס שאפן צייכנט זיך אויך גלייך אָן מיטן אָפּגאנג אין דער געשיכטע פון מיטלאלטער („דער אָרעמער היינריך"), מיט סימבאָלישע און מיסטישע פּיעסעס. ער איז געווען א דיכטער פון א צווישן-שיכט, ניט נאָר לויט זיין אידעאָלאָגיע, נאָר אויך לויט דער אָפּשטאמונג. „הויפּטמאן — זאָגט מערינג (269) — שטאמט פון יענע פּראָלעטארישע שיכטן, וואָס שטרעבן זיך ארופצוארבעטן דורך האכנאָעדיקער צופּאסונג צו די אונטערדריקער פון זייער קלאס 1).

אויך הויפּטמאן האָט זיך קעסיידער געוואקלט צווישן נאטוראליזם און סימוואָליזם, און מערינג קוואליפיצירט אָפּט זיין קונסט ווי אן עקלעקטישע. מערינג אונטערשטרייכט ווייטער הויפּטמאנס קנאפּן אינטעלעקט: „בא גרויסע היסטאָרישע און פילאָזאָפישע שטאָפן פאלט דורך הויפּטמאן פולשטענדיק". הויפּטמאנס וואקלדיקייט ברענגט צו א קעסיידערדיקער אָפּהענגיקייט פון פרעמדע מוסטערן און האשפּאָעס. אפן כאראקטערלאָזן טאלאנטפולן דיכטער איז גלייך אופמערקזאם געוואָרן די בורזשואזיע: „מיטלמעסיקע טאלאנטן, ווי הויפּטמאן, נייטיקן זיך קוידעמקאָל אין זעלבסטקריטיק, און אין זיין פּריצישטיקן סאָף ווי א דיכטער טראָגט א גרויסן טייל פון שולד די קליקע, וואָס האָט מיט אלע מיטלען פון דער רעקלאמע פאבריצירט אים א טומלדיקן רום. וואָלט

1) וואס איז ווידער נעגייע אשט סאציאלער אפשטאמונג, איז זיין פאטער מיישע גאמבינער צוערשט געווען א פארמעגלעכער סוחר (געהאנדלט מיט שעפסן, וואלד א. א. וו.), שפעטער פארארעמט געווארן, און אש האט אפילע אין דער יוגנט געמוזט ווערן א מעלאמעד אפן דארף. „שאלעם אש האט, דוכט זיך, געלעבט צווישן צוויי וועלטן — פון איין זייט, ברידער, הייכע געזונטע יונגען, וואס פלעגן האנדלען מיט גוים, קאצאווים און פלעגן ליב האבן א לעב סאן (עטלעכע פון זיי האבן אריסגעוואנדערט קיין אמעריקע און געווארן „לייט"), פון דער אנדער זייט, עלטערע שטיף-ברידער חסידים, וואס פלעגן דאווענען אין שטיבל און גיין אנגעטאן אין זיידענע קאפאטעס". פארגל. דר. גליקמאנס זיכרוינעס אין די ליט. בלעטער, 1930, 51—52, ווו ס'איז צעשפרייט אסאך מאטעריאל צו אש' קינדער- און יוגנט-יארן און צו דער כאראקטעריסטיק פון קוטנע אין די יארן 1880—1900.

אויס א בעהאָלעדיקע נאציאָנאליסטיש-„סאָציאליסטישע" אידעאָלאָגיע. אין די קריזיס-יאָרן 1904—1900 און אין די שפּעטערדיקע רעוואָליוציע-יאָרן איז צו איר געוועזן אשס אופמערקזאמקײַט און זײַן שאפן דריקט אויס איר פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע. אין די רעאקציע-יאָרן, וואָס נאָך דער רעוואָליוציע, דריקט אויס אש דערהויפּט איר צווייטן טייל, דעם באלעגופּיש-אופשטײַגנדיקן, און שפּיגלט אָפּ זײַן פעסטן פילן זיך אין זאָטל, זײַן זאטע האָפערדיקע טאכלעסדיקײַט. אָן דערפאָלג פּרוווט אויך אש אין דעמדאָזיקן פּעריאָד שאפן מאָדערניסטיש-דעקאדענטישע דראמעס. זינט דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע גייען אָבער אריבער גרעסערע מאסן פון דער יידישער קליינער און מיטעלער בורזשואזיע אונטער דער דיקטאטור פון דער גרויס-בורזשואזיע, זיי ווערן פאשיזירט, און אש שאפט זײַנע יאהודישע, שאָוויניסטיש-קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע ווערק. (פגל. דעם זייער באלערנדיקן ארטיקל פון פ. נאָוויק „דער יאהודי איז צוריקגעקומען", אין מינסקער „שטערן", 9, 1930, וואָס שילדערט די וואקלענישן פון גרויסע שיכטן פון דער יידישער בורזשואזיע אין אמעריקע זינט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און זייער איצטיקע בוילעטע פאשיזירונג).

אשס דראמאטישע ווערק זײַנען טאָמיד שוואכער פון זײַנע פּראָזאישע זאכן, ווײַל אָף יעדן עטאפּ איז אשס פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע — די פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פון א בורזשואזן צווישנשיכט, — ניט דראמאטיש, מײַדט אויס קאמף, איז גענויגט צו פּשאָרע. אין אשס דראמאטישע ווערק קומען אָבער אויך בוילעטער צום אויסדרוק די גוואלטיקע פעלערן פון זײַן קונסט. די אפּאָלאָגיע פון דעם אופגעקומענעם ווירקט דאָ נאָך נאקעטער, נאָך עקלדיק-זאטער, נאָך פיליסטערישער, וואָרעם אין דעם דראמאטישן זשאנער ווערט זי ארויסגערוסן פון דעם שטייגער, וואָס מילדערט אָפּט, אין דער רײַכער דאָקומענטירונג פון דער פּראָזע, דעם באלעגופּישן גרונט-טאָן (אשטייגער די פּרעכטיקע אָרעמשאַפט-בילדער אין דעם ראָמאן „מאָטקע גאנעוו").

די אלע סיבעס ברענגען דערצו, אז גראָד אין דעם דראמאטישן זשאנער איז אש גיכער פּארכאפּט געוואָרן פון אויסערלעכע, מאָדערניסטישע האשפּאָעס ווי אין זײַן פּראָזע, — די אָרגאנישע אומבאהאָלפנקײַט אין דעם דראמאטישן זשאנער רופט ארויס די שטרעבונג זיך אָנצושפּארן אף פרעמדע מוסטערן.

---

די טעמע „אש און דער מאָדערניזם". אש און די דעקאדענטישע, דעגראַדירנדיקע קונסט פון דער בורזשואזיע אפן גרענעץ פון 19-טן און 20-טן י"ה פארדינט אופמערקזאמקײַט. ניט ביכדיי אויסצוציילן און גענויער פעסטשטעלן די אָדער יענע האשפּאָעס פון דער מאָדערניסטישער שול אף אשס שאפן, נאָר ביכדיי פעסט אײַנצוגלידערן געוויסע טיילן פון אשס שאפונג אין יענער דעגראַדירנדיקער קונסט, וואָס צייכנט אָפּ, פון איין זײַט, דעם סטיל פון דער

אויס צו אײַך אף יענער זײַט, — און איר ווייסט ניט מער, נאָר ברויט, — שקלאפן וואָס איר זײַט, ווי דער מויל-אייזל אין פינצטערן קוילן-קאָרידאָר, ניט קיין פרײַע מענטשן". צום סאָף קאָנסטאטירט ער ביטער: „גייט איר ניט מיט — גיי איך אליין. איינזאם שטייט דער מענטש — און האקט די וואנט יעדער איינער פאר זיך אליין" (אונדזער קורסיוו. מ. ע. דער לעצטער זאץ קלינגט שוין אָפּ איבסעניש).

אשס לעצטע דראמע איז בעכיין א פאמפלעט אף דער ארבעטער-באוועגונג. אש, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט א דעקלאראציע וועגן „ערד", רופט יעצט צו די הימלען, צום אידעאליזם און אינדיווידואליזם, קעגן דעם פראָלעטארישן מאטעריאליזם און קאָלעקטיוויזם. „קוילן" איז דער לעצטער עטאפ, דער פאשיסטישער גילגל פון דעם אויסגעליידיקטן אמאָליקן „נאָווי צום גאָט פון דער ערד" [1].

6

אין אשס דראמאטורגיע שפיגלען זיך, אלזאָ, אָפּ אלע עטאפן פון זײַן אידעאָלאָגישן וועג. זי איז צוערשט קליינבירגלעך-אינטעליגענטיש („מיטן שטראָם"). אפן צווייטן עטאפ פון אשס דראמאטורגיע שפיגלט זי אָפּ זײַן אידייִשע פארלוירנקײַט, ניטרעצידירטקײַט, זײַן קלאמערן זיך אָן דער פאר-גאנגענער, פארקאפּיטאליסטישער פּאָרמאציע און זײַן עלעגיש באוויינען פון פאקט, אז ס'איז שוין פארגאנגענהײַט, וואָס מע קאָן ניט צוריק דרייען, אום-קערן צוריק („מאָשיאכס צײַטן"). אפן דריטן עטאפ, דעם פרוכטבארסטן, איז זי באלעגופיש, אפּאָלאָגיזירט מער אָדער ווייניקער אָפן דעם אופגעקומענעם („גאָט פון נעקאָמע", „יִכעס", „לאנדכמאן"). אפן פערטן עטאפ ווערט זי א ווערקצײַג פון דער יאהודישער גרויס-בורזשואזיע און ווערט ענדגילטיק פאשיזירט („דער טויטער מענטש", „א שנירל פערל", „קוילן").

אין דערדאָזיקער קינסטלערישער עוואָליוציע שפיגלט זיך אָבער אָפּ געטרײַ די סאָציאלע געשיכטע פון גרויסע צווישנשיכטן פון דער יידישער בורזשואזיע אין די יאָרן 1900—1930. א טייל אירער הערט צעמאָלט און צעקוועטשט דורכן אופבליִענדיקן קאפּיטאליזם, ווערט אין אים אנטוישט, פארורטיילט אים און בענקט צום פארקאפּיטאליסטישן נעכטן, מאָלט זיך אים אויס אידיליש. אין די רעוואָליוציע-יאָרן 1905—1907 שטייט זי צעטומלט, בעהאָלעדיק צעשראָקן אפן שייד-וועג, ניט ווייסנדיק וווהין צו קערן זיך, צי רעכטס צי לינקס, און פורעמט

[1]) אין דעם ערשטן וואריאנט פון „קוילן" („די קינדער פון ערד") איז נאָך די מעטערלינקישע פאנטאסטיק שוואך פארטראָטן. מיט דער וואקסנדיקער פאשיזירונג פון אשס שאפן איז נייטיק געוואָרן פארשטארקן דעם פאנטאסטישן טייל, ווי א מאסקירונג-מעטאָד פון א בורזשואז-צוויִעסדיקן שרײַבער, ווען ער באהאנדלט א טעמע, וואָס איז ענג פארבונדן מיטן פראָלעטארישן קלאסנקאמף.

ניקסע טעכטער מיט א צנועדיק-קלאָר ליכט און זאָגן איידעס אף זייער ריינקייט".

ריינסטע גראפאָמאניִע - איז די דראמע „יוסף", (1924), דאָ פעלט שוין אפילע די דעקאדענטישע עראָטישע אידייע פון די פריִערדיקע ביבלישע פיע-סעס, עס בלייבט בלויז שטיקנדיקע שונד.

אין „ראבי (רעווערענד) ד"ר זילבער", פון אשס לעצטע פיעסעס (1930), ווערט דערציילט פון אן אמעריקאנער ראָוו, וואָס זיין לייכטזיניקע פרוי פאר-לאָזט אים, גייט אוועק מיט אן אנדערן, קומט דערנאָך אנטוישט, צעבראָכן צוריק. דער רעווערענד נעמט זי אוף אף אן עמעס „קריסטלעכן אויפן", דעמלט קערן זיך אָבער אָפּ פון אים זיין קעהילע און זיין מוטער. ניט קיין שלעכטער מאָטיוו, א שאָד בלויז, וואָס מיט יאָרן צוריק האָבן אים שוין דורכגעקייט אף קאָלערליי אויפאנים די סקאנדינאווישע דראמאטורגען, איבערהויפט איבסען און ביערנסאָן. דער רעווערענד דערמאָנט טאקע גיכער אן איבסענישן פאסטאָר, איידער א מאָדערנעם אמעריקאנער ראָוו.

די סימבאָלישע „קוילן" (1922—1928), איז א סאָציאלע דראמע (פון דער פאשיסטישער קער-זייט געזען) מיט מעטערלינקיש-הויפטמאנישע פאנטאסטישע פיגורן, וואָס צו דער אקציע דארף מען זיי האָבן אף קאפּאָרעס. דאָס דארף זיין א דראמע פון דעם לעבן פון שאכטיאָרן. איר וויכטיקסטער טייל שילדערט די טרוימען פון ארבעטער, וואָס זיינען פארשאָטן געוואָרן אין די קוילן-גרובן און ווערן לאנגזאם פארסאמט. דער „רעוואָליוציאָנער" זייצעוו רופט זיי צו א ניי-לאנד, „א צויבער-לאנד, ניט פון אונדזערע מעקוימעס".

„נאָר מיט א היימישער קשאקעלע, אן אייגענער, א מישפּאָכעדיקער, — אז עס האָט דיר נאָר געפעלט די קו די שטאלענדיקע, וואָס זאָל איר פארגאווערט פיסקל ארויסשטעקן דערפון און זאָל דיר געבן א היימישן מריטשע, — אז עס האָט נאָר געפעלט דאָס קעלבל, דאָס שקאָצל, וואָס זאָל דיר געבן א צאפּל ארויס פון צווישן די גרעזער, אז עס האָט דיר נאָר געפעלט דאָס זשרעבקעלע דאָס יונגע... אזוי איז אלץ דאָ געווען. אלעס היימישע — דאָס פעלד, דאָס גרעזעלע, דאָס בוימל — דאָס יואסער דאָס קלאָרע און דער הימל דער שיינער, דער ליכטיקער". אזוי ווייט גרייכט אשס האשאָגע פון דעם סאָציאַליסטישן צייבערלאנד! די כאָלעמדיקע שאכטיאָרן קומען צום צויבערלאנד. זיי האָבן אלץ צו זאט, אלע זייערע מאטעריעלע באדערפענישן זיינען געשטילט, פאר-זאָרגט — אָבער איין צאָרע: ניטאָ קיין הימל אין דעם פּראָלעטארישן וואונדער-לאנד! דער אנטוישטער זייצעוו רופט גיין ווייטער — אן ארבעטער ענטפערט אים אָבער: „וואָס טויג אונדז דער הימל, אז די ערד איז צו אונדז גוט? האָבן מיר פון דעם הימל אסאך געהאט, ווען מיר זיינען געווען אינדרויסן אף דער פריי? דער הימל איז פאר די רייכע גוט". זייצעוו הייבט דאן אָן צו שילטן: „איך בין איך געקומען רופן צו זיך אליין, צום מענטש, וואָס שטרעקט זיך

דיכטער" פון „קידעש האשעם", ער פריידיקט וועגן קידעש האשעם און גרויסן ייִדישן גאָט — און אויב אזוי — אויב אזוי, ווו איז דראמע? ווו איז די אנטוי־שונג פון די מאראנען? עס בלײַבט בלויז פלאך פאר קלעריקאלער, פאטריאָ־טישער דעקלאמאציע אָן איבערצײַגונג, אלזאָ אויך אָן קיין שום לעבעדיקן אָטעם.

שוידערלעך אומגעלומפערט איז די קידעש־האשעם־דראמע „א שנירל פערל" (1916), געשריבן אין רעכטן ברען פון דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע. די דראמע עפנט זיך מיט א מעליצעדיק טראפארעטן פראָלאָג:

„מאָשיאַך: האָסט אופגעעפנט מײַן הארץ צו פארנעמען דעם ווײ פון דער וועלט, און מיר ניט געגעבן די מאכט צו העלפן איר. אזוי נאָגט אן אייביקער צאאר מײַן הארץ... אזוי שלאָפן זיי און ווארטן דוירעס, דוירעס אין דער אייביקער נאכט אף יענער זײַט, און איך זע דעם כאָלעם־שמייכל איבער דער נאכט ליגן..." א. א. וו., א. א. וו.

אין פראָלאָג נעמען אָנטייל: טיטוס, מאָשיאַך און די מוטער. טיטוס — דאָס איז די מילכאָמע; מאָשיאַך — איז מאָשיאַך, „ייִדישקײַט"; די מוטער — די לײַדן פון דער וועלט, וואָס באפרײַען מאָשיאַכן פון זײַנע קייטן, גיבן אים אָבער נאָך ניט די מאכט (דאָס קען געבן, ווײַזט אויס, בלויז גאָט אליין). מילכאָמע — איז א „גאָיִשע" זאך און שטייט אין א שארפער סטירע צו „ייִדישקײַט".

אין ווײַטערדיקן פארלויף פון דער פיעסע ווערט טאקע טיטוס פארוואנדלט אין א ראָצכישן פאָגראָמירנדיקן צארישן פאָלקאָווניק, און מאָשיאַך — אין א שלוימע נאָגיד, אין דעם נעגידישן פירער פון א שטעטל, רעב מיילעך. אפן שטעטל און ביפראט אף מיילעכן גיסן זיך אויס אלע צאָרעס און אומגליקן פון דער מילכאָמע: דער ראָשע, דער פאָלקאָווניק, קאָנפיסקירט דעם גאנצן פאר־מעגן פון די ייִדן ביזן לעצטן לעבל ברויט. וויל אפילע צונעמען די יונגע טאָכטער פון רעב מיילעך — און ס'ראטעוועט זי דער באָבעס שנירל פערל, וואָס פארוואנדלט זי אין אן אלטער פרוי, אין דער באָבען גופע. פון די צאָרעס הייבט אָן מיילעך אפילע צו צווייפלען אין דער עצעם עקזיסטענץ פון גאָט — דאָך ווערט אים גלײַך קלאָר גאָטס גערעכטיקײַט, וויבאלד ער דערוויסט זיך, אז זײַנע קינדער קעמפן אין פארשיידענע ארמייען און פארטיליקן איינער דעם צווייטן אין נאָמען פון נײַעם אָפגאָט, דעם פאָטערלאנד. און דאן, ווען „ברודער האָט ברודער דערקענט", בלאָזט רעב מיילעך די גרויסע באפרײַונגס־טקיִע.

די אומגעהייער רעטארישע דראמע איז אלזאָ אן אייגנארטיקער געמיש פון פאציפיזם, שאָוויניזם און מיסטיק. אלץ איז דאָ אומגעווײנטלעך, ווולגער־סימבאָליש, הימלדיק. שלוימע נאָגיד איז שוין מאָשיאַך. א רוסישער פאָל־קאָווניק — טיטוס האראָשע. א יונג מיידל ווערט פארוואנדלט אין א באָבע. די קאָמפאָזיציִע פון דער דראמע ווערט אָנגעהאנגען אפן דעקאָראטיוון מאָטיוו פון שנירל פערל: „עס לײַכטן די פערל אף די העלדזער פון אונדזערע געפײַ־

דער רעאקציִע-צײַט, געטראָגן פון דעם דראנג צו אנטלויפן פון דער ווירק־לעכקייט, פארמאָגן די פּיעסעס דעקאדענטיש-מאָדערניסטישע אידייקעס. ס'ראָוו איז עס די דעקאדענטיש-קרענקלעכע עראָטיק, וואָס קלינגט שוין אָפּ אין „גאָט פון נעקאָמע" (מאנקע—ריווקעלע) און וואָס באַזירט, ווי מיר האָבן שוין אָנגע־וויזן, אַף דער טעאָריע פון דער מינדערווערטיקייט פון דער פרוי און אַפן געדאנק, אז די פרוי איז דער מאָקער פון אַלעם שלעכטן. דער שטאָף פון „אמנוין און טאָמאָר" ווערט „מאָדערניזירט" אַף אזא מין אויפן, אז טאָמאָר רייסט זיך טאקע טייוועדיק-נײַגעריק צו אמנוינען, און עס שטיצט זי אונטער דערבײַ אווּשאָלוים, וואָס וויל „פארווייבלעכן" אמנוינען און אָפּשטויסן אים אזוי ארים פון די מעלוכע-איניאָנים, פון די מילכאָמעס און שלאכטן פון דער צײַט. אמנוין ווארפט אָפּ טאָמאָרן, ווי נאָר ס'רופט די שלאכט. און אין „ייִפ־טאָכס טאָכטער" ווארפט די טאָכטער די געזונטע, פּראָסטע ליבע פון איר כאָסן און רײַסט זיך צום טהאָם, צום עקלדיקן, בעהיימישן גאָט מוילעך. אויך „שאבסע צווי" איז געבויט אַפן עראָטישן מאָטיוו שאבסע—סאָרע, די עראָטיש-מעשו־גענע סאָרע און דער דעקאדענטיש-כאראקטערלאָזער שאבסע. דאָס זײַנען אַלץ אידייקעס, צוגעצויגן פון דער פרעמד, און ענלעך ווי אין די ביבלישע פּראָזע־ווערק, פארלירט גלײַך בא זיי אש לאָשן, לאָזט זיך ארײַן אין „געזאנגען", רעדט הויכע, מעליצעדיקע ווערטער, דעקלאמירט אָן א שיר, פארבײַט דאָס קינסטלערישע בילד אַף דער פאפירענער דעקאָראציע. עס איז סימפּטאָמאטיש, וואָס דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענטישער פּוילישער שרײַבער זשולאווסקי גיט קימאט גלײַכצײַטיק און אַפן זעלביקן מאָטיוו אסאך א שטארקערע שאבסע־צווי-דראמע. דער ייִדישער טעאטער אין אויסלאנד האָט אפילע געפּרווט אין די לעצטע יאָרן מיט דערפאָלג צענויפשמעלצןביידע פּיעסעס, אשס און זשולאווסקיס.

דאָס איז דער סאכאקל פון די יאָרן 1906—1914, ווען ס'איז אנטשטאנע מער ווי א העלפט פון אשס דראמעס. אשס דראמאטישע פּראָדוקציִע זינט דער וועלט-מילכאָמע האָט שוין גאָר קיין ווערט ניט (אכוץ „מאָטקע גאנעוו", וואָס איז אָבער באארבעט פון א ראָמאן). עטלעכע דראמעס פון דעמדאָזיקן פּעריִאָד פון אשס דראמאטורגיע שטייען שוין באַם ראנד פון גראפאָמאניע. אזוי צ. ב. די „מאראנען" (1919). דער שטאָף איז גראָד דראמאטיש: די מאראנען, וואָס לײַדן די גרעסטע יעסורים צוליב דער ייִדישער רעליגיִע, וואָס איז זיי אין טאָך ניט באקאָנט, קומען ענדלעך אָן נאָך א ריי פּלאָגענישן אין פרײַען האָלאנד, דערקענען דעם עמעסן מעהוס פון דער ייִדישער רעליגיִע און לעבן איבער די גרעסטע אנטוישונג. אז דער שטאָף איז טיף דראמאטיש, האָט געוויזן די טראגישע לעבן-געשיכטע פון אוריִעל אקאָסטא, און גוצקאָוו האָט טאקע אַף דעמדאָזיקן מאָטיוו אויסגעבויט א שטארקע פּיעסע. אש איז אָבער אין יאָר 1920 שוין א יאהודישער שרײַבער, דער „גרויסער נאציִאָנאלער

טיקע קליידער — ווערט מיט איין וואָרט אן „אָנקעל מאָזעס". דער קוילער-יונג ווערט זאַט, אָנגעפרעסן: „אינדערהיים עסט מען נור סימכעס-טוירע גענדזנס מיט קרויט, דאָ וועט איר עסן יעדן טאָג געגדזנס, יעדער טאָג איז אין אמעריקע סימכעס-טוירע". אויך זשאק וויל זיך אײַנקויפן אין ייִכעס — די אמעריקאנער גאָלדמאנס זײַנען די דײַטשן, די יאהודישע קעניגשטיינס, וואָס זשאק וויל זיך מיט זיי מעשאדעך זײַן; דער אמעריקאנער ר׳ יויכענען — דער דײַטשמעריש-שפּרעכנדער מיסטער בענדעס. „דער לאנדסמאן" אָטעמט אָבער מיט אָפּטימיזם: זשאק הערט אויס אשס מוסער און איבערצײַגט זיך, אז זײַן אייגענער שטייגער, זײַן אייגענע מאָראל שטייט העכער פון דער מאָראל פון די בענדעס און קעניגשטיינס:

„זשאק (צו בענדעסן): איך האָב געמיינט, אז איר זײַט איידעלע, פײַנע מענטשן — דײַטשן. איך האָב פאר אײַך דערעכערעך געהאט, איך האָב זיך געוואָלט פון אײַך אָפּלערנען, ווי א פײַנער מענטש צו ווערן. (צום אוילעם) האָבן זיי מיך דאָס אביסל געלערנט — איז דאָס איידלקײַט, איז דאָס פײַנקײַט?".

ניט צו לייקענען, איידלקײַט און פײַנקײַט דארף מען זוכן נאָר באם אָלרײַטניק. זשאק האָט טאקע כאסענע מיט דער טאָכטער פון זײַן געוועזענער קאלע, מיט א יונג מיידל פון דער אלטער הײם, בעייס ער איז דאָפּלט אזוי אלט ווי זי. דערפאר איז זי אָבער „א היימיש קינד", וואָס האָרכט דער מאמען און האָט גאָרנישט דאקעגן ארײַנצוקומען אין א שמאלץ-גרוב. און אש פארענדיקט די קאָמעדיע מיט אזא מין אידיליע:

„זשאק (נעמט די מיידל באַ דער האנט און גלעט איר דעם קאָפּ): און יאָ, וועסטו זײַן א גוט ווײַבל, וועט דיר וויל זײַן ווי די וועלט. נור ניט קיין גרויסארטיקע מאדאם, כאָטש דו וועסט האָבן געלט. און ייִדישלעך זאָלסטו מיר דאָ אין הויז אײַנפירן, ווי אינדערהיים. דו הערסט! ווי זי אָלעהאשאָלעם, ווי די מומע בליומעלע — ייִדישלעך, ייִדישע מײַכאָלים, היימיש. דו הערסט! (אונדזער קורסיוו — מ. ע.).

„שיינדעלע: וועסט אים קאָכן ייַכעלעך און געבראָטענע הינדעלעך, ער האָט עס גערן"...

5

אשס ביבלישע פּיעסעס פון דעמדאָזיקן פּעריאָד (1914—1908) „ייִפטאָכס טאָכטער", „אמנוין און טאָמאָר" (1909) און די היסטאָרישע דראמע „שאבסע צווי" זײַנען ווייניק אינטערעסאנט. ווי אין די פּראָזאישע ביבלישע זאכן, האָט אש ניט מיט וואָס צו קומען צו דער פארגאנגענהײַט. ער פארמאָגט ניט קיין שום וויכטעקערע אידייע, וואָס זאָל מעגלעך מאכן א קינסטלערישע איבערפּורעמונג און דעפאָרמירונג פון דעם ביבלישן שטאָף, וואָס זאָל אף אן עמעס מאָדערנעם אויפן איבערקליידן די ביבלישע געשטאלטן. געבוירן אין א שווע-

אוועק... אָ, ניין! איר. שענקט דאָס ניט אזוי ביליק אוועק! טײַער קאָסט דער נאָמען! איר פארשטייט זיך ניט דערויף... (צו זאָסיען): און זי, פרײַלן, גרויס-גליקס טאָכטער, נעמט דעם ערשטן בעסטן יונג פון גאס"... (דער „ערשטער בעסטער יונג פון גאס" איז ראָזעס קוזין. — מ. ע.).

טראכט זיך ארײַן — און עס באקומט זיך די זידעריקע סיטואציע, וואָס אין „גאָט פון נעקאָמע". יענקל שאבשאָוויטש שרײַבט א סייפער-טוירע, שאפט זיך א כאַלעם, טרוימט וועגן א מיראזש — זײַן טאָכטערס ריינקײַט, בעיס זײַן טאָכטער איז אן אויסגעלאסענע; ראָזעס מיראזש — איז די גרויסקײַט, ריינקײַט און שטאָלצער ייִכעס פון די גרויסגליקס, בעיס די גרויסגליקס — די מענער פראָסטיטוירן מיט זייער ייִכעס און די גרויסגליק-מיידלעך גייען גאָר צום ערשטן בעסטן יונג פון גאס. שאבשאָוויטש פירט דורך א שארפן שטריך צווישן זיך און זײַן ווײַב — און זײַן טאָכטער; ראָזע צווישן זיך און אירע קרויווים — די גאסן-יונגען. דאָך האָט אש געוואגט צו די שאבשאָוויטשעס און מאָטקע גאנעוו ארויסווײַזן בלויז סימפאטיע, מיטגעפיל — בעיס אין „ייִכעס" איז ער שוין ארויס מיט אָפענער אפאָלאָגיע פון דער באַלעגופישער מאָראל, ווײַל צופעליק זײַנען אין „ייִכעס" אלע אויסערלעכע פאָרמעס אָפגעהיט: ראָזע האלט ניט קיין „הײַזל", בלויז א רעסטאָראציע, עמעס מיט „נומערן".

נאָך בוילעטער קומט צום אויסדרוק די אפאָלאָגיע פון אן אופגעקומענעם בורזשוא און פון זײַן מאָראל אין אשס „לאנדסמאן". געשריבן בעיס אשס ערשטן באזוך אין אמעריקע, איז עס דער ערשטער פרווו אריבערצופלאנצן דאָס קוילער-געסל אפן אמעריקאנער באָדן. די אידעאָלאָגיע פון דעם „אָלרײַט-ניק" אין איר גאנצער באגרענעצטקײַט, פיליסטערישקײַט, זאטקײַט שוימט דאָ איבער די ברעגן, פארפלייצט די פיעסע, ווי נאָך ערגעץ ניט אין אשס ווערק. דער הויפט-העלד — זשאק — דאָס איז מאטיס פון דער „יאטישער טאָכטער". עס איז אראָפגעקומען קיין אמעריקע אויך זײַן קאָלעגע, וואָס בלײַבט בא זײַן אלטן נאָמען, אונדזער גוטער באקאַנטער שלוימע מאלעך.

„זשאק (צו מאלעכן): געדענקסט, ווען מען האָט געפאשעט פערד אף די לאָנקעס, שאבעס נאָך מיטיק, דעם ווײַסן בולאן, ווען ער האָט זיך צעברי-קעוועט איבערן געסל, די ווײַבער זײַנען אנטלאָפן. איז דאָס געווען א פערד! וואָס איז געוואָרן מיט אים?".

„מאלעך: געפאָרן אפן קראָנשענוויצער מארק, האָט א פוס צעבראָכן, גאָר ניט געהאָלפן, מע האָט אים געמוזט פירן צום היטצעל".

אין דער אלטער היים האָט זשאק — מאטיס געלאָזן א קאלע, וואָס האָט אים „ליב געהאט, איר סוף אָפגעגעבן צוצודעקן זיך אין די ווינטערדיקע נעכט. האָט געבראָטענע הינדעלעך געגאנוועט בא איר באַלעבאָס און אים אין שטאל געבראכט", ווי יענטע נאָסען אין „שטעטל". דער קוילער-יונג קומט אראָפ אין אמעריקע, מאכט א לעבן, האָט שוין א גרויסע פאבריק און א קראָם פון פאר-

קויפן ..ין ייִכעס. ראָזע באָרנשטיין, די אייגנטימערן פון א רעסטאָראַן, טשאַטשעוועט טאקע אפן באנקראָט פון די ייִכעסדיקע גרויסגליקס, ביכדיי אריַינצוכאפּן דעם יונגן לעאָן גרויסגליק, אים כאסענע מאכן אף זיך. א דראמע קען דאָ געמאָלט זיַין בלויז יוען מען שטעלט זיך אף דער זיַיט פון די גרויסגליקס. דאָס אָפּגיין פון ייִכעסדיקע פּאטריַארכאלע שיכטן, וואָס ווערן ארויסגעשטופּט פון ניַיע ענערגישע קאפּיטאליסטישע שיכטן, איז טאקע די טעמע פון אסאך עלעגישע ראָמאנען און דראמעס (אשטייגער בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען", טשעכאָווס „קארשן-גאָרטן" א. א. וו.). אין אשס שילדערן קען אָבער דער שטאָף ניט זיַין דראמאטיש, וואָרעם אש דריקט דאָ אויס גראָד די פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פון די אופגעקומענע. בייז און פריידיק שילדערט ער די דעגענעראציע פון דער מישפּאָכע גרויסגליק: דעם פּאַראזיטיזם פון אלטן גרויסגליק, וואָס האָט זיַין גאנצן לעבן ניט איַינגעטונקט קיין האנט אין קאלטן וואסער, און וואָס איז גרייט אף קאָלערליי פּשאָרעס און דערנידערונגען, אבי ער זאָל קענען רויִק וויַיטער פוילן און ארומדרייען זיך אָן זאָרגן; די כאראקטערלאָזיקיַיט פון יונגן גרויסגליק; די אויסגעלאסנקיַיט און העפקיירעסדיקיַיט פון צוויי טעכטער גרויסגליקס, וואָס שטייען אפן ראנד פון טהאָם און קוקן אין אים אריַין ניַיגעריק און זשעדנע (ענלעך, ווי ריוועקע אין „גאָט פון נעקאָמע"); די גייַציקיַיט פון דער טאנטע, וואָס פארקויפט איר אייגענע מישפּאָכע. דערדאָזיקן אונטערגייענדיקן שיכט שטעלט אש אנטקעגן די פּאָשעטע, פּארהאָרעוועטע עלטערן פון ראָזע באָרנשטיין, געוועזענע מעשאָרסים בא די גרויסגליקס; די ענערגיע פון זייער טאָכטער ראָזע. ניט ריכטיק איז כ' נוסינאָווס אָפּשאצונג פון דערדאָזיקער דראמע, ווי אשס א געוויין איבערן „אָנקומענדיקן כאם", איבערן אונטערגאנג פון ייִכעסדיקע מישפּאָכעס [1]. גראָד פארקערט: אש שטייט דאָ אף דער זיַיט פון די באָרנשטיינס קעגן די גרויסגליקס. די דראמע גופע באשטייט אין דעם, וואָס אש טיַיטשט אויס, אז קוילער-געסל יאָגט זיך נאָך א מיראזש — דער ייִכעס פון די צעפוילטע גרויסגליקס איז גאָר קיין ייִכעס ניט. ער איז ווערטפול נאָר א דאנק דעם ווערט, וואָס דאָס קוילער-געסל לייגט אין אים אריַין, אנדערש געזאָגט, נאָר א דאנק דער „העכערער מאָראל" פון דעם אופגעקומענעם. די דראמע באשטייט אין דעם, וואָס ראָזע באָרנשטיין, די ענערגישע גאָרקיכערן, איז די אייגנטלעכע היטערן פון דעם גרויסגליק-ייִכעס.

„ר אָ ז ע: ... איך האָב כאסענע געהאט פאר די גרויסגליקס... פאר די גרויסגליקס האָב איך מיַין גאנץ פארמעגן צוזאמענגענומען, ניט געשלאָפן, ניט דערעסן... יעדערן מיַין ביסן אוועקגעגעבן, געזאמלט גראָשן צו גראָשן, אז איך זאָל מיט די גרויסגליקס כאסענע האָבן... איר גייט און שענקט דאָס אלץ

[1] „Вспомним его драму „Белая кость", где он мезальянсу разоренного представителя еврейской местечковой знати с разбогатевшим кабатчиком пытался придать характер символа „грядущего хама". В. Ин. Лит., 1928, 6, 126.

װעגן דער פּרינציפּיִעלער טיפֿער ריינקייט און ניטבאַפֿלעקטקייט פֿון דער באַלעבאַטישער מאָראַל. אינדערעמעסן איז אַפֿילע דער געהיימניספֿולער סויפֿער, נאָך אַביסל װאַקלעניש און יִישעװ-האַדאַאַס, גרייט דורכצופֿירן דעם כינוך האַטוירע.

„מאָטקע גאַנעװ" איז אַ צװייטע אויפֿלאַגע פֿון „גאָט פֿון נעקאָמע" — אַן ערגערע. די שונד-מאָמענטן, װאָס אין ראָמאַן װערן זיי טיילװייַז פֿאַרגלעט דורך דער ברייטער שטייגער-שילדערונג (ביפֿראַט אין דער שילדערונג פֿון מאָטקעס גרויזאַמער קינדהייט) פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער ראַם פֿון דער אונטערװעלט,—אַ שילדערונג, װאָס גיט אַמאָל אויך הויך-קינסטלערישע זייַטלעך,—טרעטן אויף אין דער דראַמע נאַקעט, אַרויסגעריסן פֿון שטייגער, אין זייער גאַנצער װולגאַרקייט, און ס'באַקומט זיך אַן אומהיימלעך סענסאַציאָנעלע, שונדיסטישע זאַך.

## 4

„גאָט פֿון נעקאָמע" און „מאָטקע גאַנעװ" זייַנען, אַלזאָ, טראַגעדיעס פֿון קוילער-געסל, װען מ'שטויסט זיך אָן, לויט אַשן, אויף ניט בויגזאַמע, אומבעראַכמאָנעסדיקע צוימען פֿון דער באַלעבאַטישער װעלט. דער געהיימניספֿולער נעקאָמע-גאָט אַנטפּלעקט זיך, װי געװיסע צוימען פֿון דער באַלעבאַטישער מאָראַל. אין ביידע דראַמעס, און גאָר בולט אין „מאָטקע גאַנעװ", פֿילט זיך דאָס ראַכמאָנעס-געפֿיל פֿונעם מעכאַבער צו זייַנע העלדן, דאָס אונטערשטרייַכן פֿון געװיסע פּאָזיטיװע זייַטן פֿון דער אונטערװעלט-מאָראַל (אַ שטייגער דעם גאַנעװס באַציִונג צו זייַן מוטער). דער ראָמאַן „מאָטקע גאַנעװ" שליסט זיך מיטן פֿאָלגנדיקן סימפּאַטאָמאַטישן אַקאָרד: „ער האָט אַרויסגענומען זייַן פּאָנעם פֿון דעם קליידל און זיך אַרומגעקוקט פֿאַרװונדערט, נייַגעריק, אַמאָל אויף דער פּאָליציי, אַמאָל אויף כאַנעלען... און זייַנע קלאָרע, גרויסע, קינדישע אויגן האָבן אויסגעזען, װי דעגסטמאָל, װען ער איז געלעגן אין פּייגעלעס קאָרב אין קעלער, װען מע האָט אים צום ערשטן מאָל די שמאַטקע אין מויל געשטופּט, — און געװוּנדערט זיך, פֿאַרװאָס מע האָט אים די מוטערס ברוסט אַװעקגענומען".

װען עס פֿעלט אָבער די זינד, ד. ה., װען אַש שילדערט אַ שיכט פֿון קוילער-געסל, װאָס האָט זיך שוין אויפֿגעהויבן פֿון דעק, שטייט סאָציאַל עטװאָס העכער פֿון דער אונטערװעלט, איז שוין ניטאָ קיין שום שטער, אַז דער מעכאַבער זאָל אַריבערגיין פֿון אַ מיטגעפֿיל-באַציִונג, פֿון ראַכמאָנעס צו אָפֿענער אַפּאָלאָגיע פֿון דער קוילער-געסל-מאָראַל, צו אַן אָפֿענעם לויב-געזאַנג דעם טריִומפֿירנדיקן אויפֿגעקומענעם גװיר. אַזוי אַנטשטייען צװיי פּיעסעס אַשס, ביידע פֿון יאָר 1909—„יִכעס" און „דער לאַנדסמאַן".

בלויז יִכעס טיילט אָפּ דעם אויפֿגעקומענעם פֿון דער אַלט-אייַנגעזעסענער באַלעבאַטישער װעלט — און דאָס קוילער-געסל רייַסט זיך טאַקע זיך אייַנצו-

דידאָזיקע מאָדערניסטישע אידייקעס צעברויזן זיך ווידער מיט אן אומהיימלעכער קראפט אין דער רוסישער ליטעראטור נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע פון 1905. דענסטמאָל דערלאנגט עס זײַן גרעסטע פּאָפּוליאריטעט לעאָניד אנדרייעוו. עס שלאָגט די שאָ פון דער „הײַזל“-טעמע, די שאָ פון קופּרינס „יאמא“ און ענלעכע ווערק. אנדרייעוו פירט אריין אין דעמזעלביקן 1907-טן יאָר די רעוואָליוציע אין הײַזל („Тьма“), שטויסט צעזויף פּאָנעם־על פּאָנעם דעם רעוואָליוציאָנער מיט דער פּראָסטיטוטקע, מיט „מאנקען“, און ס'זיגט נאטירלעך מאנקע: דער רעוואָליוציאָנער זאָגט זיך אָפּ פון אטענטאנט און נעמט אָן די פילאָסאָפיע פון „קולוי כײַעוו“. אין דעמזעלביקן יאָר 1907 קריכט ארויס ארציבאשעוו מיט זײַן „סאנין“, ווו האס צו דער רעוואָליוציע, וווּלגארער ניטשעאניזם און טרעטירונג פון דער פרוי, ווי א זינדיק־שלעכטן פּרינציפּ, איז צעזויפגעשמאָלצן אין אן עקלדיקן פּאָרנאָגראפישן פּאמפלעט.

אכוץ „גאָט פון נעקאָמע“, וועט אש אין דעמדאָזיקן פּעריִאָד געבן נאָך א פּאָר דראמעס, וואָס באזירן זיך אפן דעקאדענטישן פּרינציפּ פון דער פרוי, ווי א טרעגערן פון בייז און אויסגעלאסנקײַט (די ביבלישע דראמעס, שאבסע צווי).

---

די דראמע „מאָטקע גאנעוו“, געשריבן אסאך שפּעטער (1917), איז אין טאָך א צווייטע אופלאגע פון „גאָט פון נעקאָמע“. דערזעלביקער מאָטיוו — דער אלפאָנס, וואָס גייט טשוווע טאָן דורך דער כאסענע מיט א באלעבאטיש מיידל, דיזעלביקע סאטירישע באציִונג צו דער באלעבאטישער מאָראל, מיט דערזעלביקער אפּאָלאָגיע אין דער טיף פון דעם מעכאבערס קאוואָנע: פאראן א גרענעץ, ביז וועלכער די „אויסגעווייקטע יידן“ זײַנען געגויגט צו גיין אף פשאָרעסדי גרענעץ פון דער זינד איז דאָסמאָל ניט דאָס שאנד־הויז, נאָר דער מאָרד, — מאָטקע, אכוץ דעם, וואָס ער איז אן אלפאָנס, האָט ער אויך דערהארגעט א מענטשן. אויך די זינד שטייט דאָסמאָל ווי א פאטום, וואָס רופט נאָך נעקאָמע. דערדאָזיקער פאטאליסטישער צוגאנג ווערט נאָך קלאָרער אונטערגעשטראָכן אין דעם ראָמאן: „פערצן יאָר איז ער אלט געווען, ווען ער איז געגאנגען איבערן וועג, וואָס האָט אים ארויסגעפירט פון זײַן שטעטל, און אלעס האָט ער שוין געהאט געטאָסן אין זײַן לעבן, און עס האָט ניט מער געפעלט, ווי נאָר א מענטשן צו הארגענען“ (ז. 119). אין די שטערן איז אלזאָ געווען געשריבן, אז מאָטקע וועט הארגענען א מענטשן, און מאָטקע טוט עס טאקע, ווײַזט אויס, קעדיי עס זאָל מעקוייעם ווערן די פאטאליסטישע גזירה.

אין ביידע דראמעס האָבן מיר אָבער צו טאָן מיט דערזעלביקער אידייקע, — וואָרעם „גאָט פון נעקאָמע“, — די פאטאליסטישע זינד, וואָס פאָדערט א נעקאָמע, — איז א מיראזש פון דעם קוילער־געסל (א מיראזש, וואָס איז אשן דורכויס נייטיק, ביכדיי ריינצוואשן די באלעבאטישע וועלט), איר פאָרשטעלונג

אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געוואָרעמט בא דעם פֿײַער פון דער
רעוואָליוציע, אנטלויפט איצט בעכיפּאָזן, פריידיקט אינדיווידואליזם, טרײַבט
פון זיך וועלכע ס'איז געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען און געפינט איר רו אין
עראָטיק, זנוס און „הײַזל-פילאָזאָפיע".

אש איז יענע יאָרן ענג פארבונדן מיטן אייראָפּייִשן מאָדערניזם—מיטן רוסישן,
פוילישן, דײַטשעשן. אין זאקאָפּאנע שליסט ער א נאָענטע באקאנטשאפט מיט
די באדײַטנדיקסטע פוילישע שרײַבער,— אין פעטערבורג מיט די רוסישע.
די עצעם-אידייקע וועגן דער פרוי, ווי א פרינציפ פון שלעכטס, איז כאראק-
טעריסטיש פארן גאנצן אייראָפּייִשן מאָדערניזם. די מינדערוועריטקײַט פון
דער פרוי פריידיקט ניטשע, דער געקרוינטער פילאָסאָף פונעם מאָדערניזם („אז
דו גייסט צו דער פרוי, פארגעס ניט מיטצונעמען דעם בײַטש"). סטרינדנבערג
מאכט עס פאר א צענטראלע אקס פון זײַנע דראמעס (א שטייגער „דער פאָטער"),
פון זײַן פראָזע (אשטייגער „כאסענע געשיכטעס"). אין דער פוילישער ליטעראטור
פירט דעם אויבנאָן פּשיבישעווסקי, וואָס וווּלגאריזירט ניטשעס פילאָספיע און
שאפט צעקראָכענע, ווילנלאָזע „איבערמענטשן", וואָס באווײַזן גווורעס בלויז
באם פארגוואלטיקן און פארפירן פרויען. ריימאָנט בויט אויס א גרויסע עפּאָ-
פייע („די פויערים") אף דער אידיי פון דער אָרגאנישער דעמאָנישקײַט פון
דער פרוי. אין די שפּעטערדיקע יאָרן וועט דאנילאָווסקי („מאריא מאגדאלענא")
ווײַזן, ווי די פּראָסטיטוטקע ווערט די גרינדערקע פון א רעליגיע. יעזשי זשו-
לאווסקי פירט דורך אין זײַן גאנץ שאפן די אידייע, אז די פרוי איז א ווילנ-
לאָזער, דאָך דעמאָנישער טײַוועלעמענט. די דעקאדענטישע כוואליע פאר-
כאפט אפילע זשעראָמסקען. דער דיכטער פון די „היימלאָזע מענטשן" (1900)
וועט אין יאָר 1904 געבן די גרויסע עפּאָפייע „פּאָפּיאָלי", ווו דער הויפּטהעלד
איז דער דעקאדענט גינטולט און ס'ווערט געפריידיקט די דעמאָנישע געהיימ-
ניספולע קראפט פון דער פרוי (גינטולטס שוועסטער, די פירשטן עלזשביעטא).
ביפראט דארף מען דאָ אויסמערקזאם מאכן אף זשעראָמסקעס ראָמאן „די גע-
שיכטע פון זינד", וואָס איז דערשינען סאכאקל א יאָר פאר אשס „גאָט פון
נעקאָמע" (1906), און פון וועלכע ס'ציען זיך דײַטלעכע פעדעם צו אשס שפּע-
טערדיקן שאפן. אין זשעראָמסקעס ראָמאן ווערט א צניעסדיק מיידל פארפירט,
פאלט שפּעטער ארײַן אין די לאַפּעס פון א באנדיט, וואָס פארגוואלדיקט
זי — און מיטאמאָל חייבט זי אָן פריידיק-טײַוועדיק דינען דעם באנדיט און
זײַנע צילן. שוין אין זשעראָמסקעס „געשיכטע פון זינד" קומט צום אויסדרוק
יענע אידעאָלאָגישע סטירע, וואָס שפּאלט דעם ראָמאן אין צוויי העלפטן — די
ערשטע העלפט א מעכטיקער סאָציאלער ראָמאן פול מיט געזעלשאפטלעכן פראָ-
טעסט; — די צווייטע העלפט אָבער — ווילדע שונד, א סטירע, וואָס ווערט שפּע-
טער קימאט א געזעץ פון אשס שאפן (פארגל. צ. ב. אשס „אָנקל מאָזעס"). 1)

1) פארגל. פּשיבישעווסקיס אינטערעסאנטע זיכרוינעס „Moi współcześni", ווארשע 1926, וואָס
גיבן וויכטיקן מאטעריאל צו דער געשיכטע און אידעאָלאָגיע פון דעם מײַרעווו-אייראָפּייִשן מאָדערניזם.

ר׳ ארן?״ — ענטפערט דער סויפער „קאלט און געהיימניספול״: „ווער קען וויסן? אונדזער גאָט איז אן אייל ראכום וועכאנון — אָבער ער איז אויך אן אייל נוקעם וועניטער״ [1].

עס איז אשס געלונגנסטע דראמע, אף וויפל ער מאָלט דאָ מיט גרויס געניטשאפט דעם דעק פון דער קוילער-געסל-פסיכאָלאָגיע, און אף וויפל עס קלינגט דאָ אָפּ שטארק דער אופרייסנדיקער פראָטעסט קעגן „מוישע ראביינעס גווארדיע״ און איר מאָראל. אָבער שוין אין דערדאָזיקער דראמע באמיט זיך אש אָפּצושוואכן דעמדאָזיקן פראָטעסט דורך דער אפּאָלאָגעטישער סויפער-געשטאלט, וואָס געהערט אין טאָך צו דערזעלביקער קאטעגאָריע, ווי שמועל מייזנער. פאראן אין דער דראמע אָבער אויך א צווייטע, דאָסמאָל שוין דעקאדענטישע, פון דער פרעמד אויסגעבאָרגטע אידייקע, וואָס פלעכט זיך ענג צונויף מיט דער פאטאליסטישער „גאָט פון נעקאָמע״-אידייע — דאָס איז די מאָדערניסטישע טעאָריע וועגן דער אָרגאנישער שלעכטקייט און אויסגעלאסנקייט פון דער פרוי, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער פערווערזער עראָטיק פון מאנקען. אין דער עראָטישער רייצבארקייט פון ריווקעלען. קוילער-געסל איז נאָענט צו פראָסטיטוציע, צו דער אונטערוועלט. קוילער-געסל איז סעקסועל, אָבער ניט עראָטיש — דערוף זאָגן איידעס אלע ליטעראַרישע דאָקומענטן, וואָס באהאנדלען דעם שטאָף, — צום בעסטן עפּשער דער לעצטער גרויסער לייוונט פון דעם קוילער-געסל, וועלכן עס האָט אונדז געגעבן די יידישע ליטעראטור — אויזער ווארשאווסקעס „שמוגליארעס״. אָבער דער מאנקע-ריווקע-קנופּ באטייט, אז די הייזל-טעמע ווערט דורך אשן שוין באנומען אין סטיל פון דער דעקאדענטיש-רעאקציאָנערער ליטעראטור, וואָס בליט זיך פאנאנדער אין רוסלאנד נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע פון 1905.

יאנקל שאבשאָוויטש און זיין „טראגעדיע״ איז טאקע א קאָשערע קוילער-געסל-דראמע; די „פּראָבלעמען״ פון יאנקל שאבשאָוויטש זיינען אין טאָך אויך די פּראָבלעמען פון מאטיס, מאָטע, און אפילע פון דעם זשאָכלינער אָדער גאָמבינער. מיר קענען איצט אָבער גיין ווייטער און כאראקטעריזירן „גאָט פון נעקאָמע״, ווי א דראמע, וואָס גייט אנטקעגן דער „סאָציאלער באשטעלונג״ פון דער טריומפירנדיקער רעאקציע, וואָס האָט [illegible]רשט אין בלוט, אומצאָליקע שכיטעס און פּאָגראָמען דערשטיקט דעם גרויס. רעוואָליוציאָנערן אופברויז פון 1905. אין יאָר 1906, ווען דער אויסגאנג פון דער רעוואָליוציע איז נאָך ניט קלאָר, פארפאסט אש „מאָשיאכס צייטן״; אין יאָר 1907, ווען ס׳ווערט קלאָר די מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע און די מאסן זיינען מיד און אויסגעשעפּט, אנטשטייט „גאָט פון נעקאָמע״. די קליינבירגערלעכע און בורזשואזע

[1] עפּעס איז אין דער אידייע פון א נעקאָמע-גאָט אָנגעווייט פון די רוסישע „גאָטראנגלער״ — וואָס זיינען אין טאָך געווען בלויז א פליגל פון די „גאָטזוכער״ — (אשטייגער די פילאָסאָפיע פון וו. ראזאנאָוו, א ריי נאָוועלן פון ל. אנדרייעוו — א. א.).

זײַנע שיכטן, ביז צו שלוימע נאָגיד, דעם זשאָכלינער און דעם גאמבינער. באַ שאבשאָוויטשן גייט עס בלויז אף אן אנדער דערעך, זײַן וועג צו טשוווע גייט צוערשט דורך דער טאָכטער, וואָס ער האָדעוועט זי אין באלעבאטישן גײַסט. און וויבאלד די טאָכטער פאלט, ווערן שוין אלע וועגן צו טשוווע פארן „פעטער" פארשלאָסן.

סימפּטאָמאטיש איז אשס באציִונג צו די פּאָרשטייער פון דער באלעבאטישער וועלט — עס שפיגלט זיך אין איר אָפּ אשס פשאָרעדיקײַט, זײַן שטרעבן איינצײַטיק מיט דער קריטיק געבן אין היגטערגרונט די אפּאָלאָגיע פון אָט דעם שיכט. פון איין זײַט איראָנישע, סאטירישע שילדערונג פון די „אויסגעוויקסטע ייִדן" און זייער מאָראל, אזוי ווי מיר האָבן עס שוין געטראָפן אין דער „יאטישער טאָכטער":

„ר׳ יויכאָנאָן („יאטישע טאָכטער"): אזא יאָר אף מיר, איך האָב דאָך גוט דײַן טאטן אָלאָוו-האשאָלעם געקענט, ר׳ זעליק. אן אָרנטלעכער מענטש, איז זיך געגאנגען זײַן וועג. געפּאָרן, געטראָפן אן אָרעמען, אפן וואָגן אים אופגענומען... ווייס איך? איך בין דאָך א מענטש, וואָס קומט ארײַן אין פארשיידענע הײַזער, קען א וועלט מיט מענטשן, פארוואָס דען ניט? — טאָמער מאכט זיך אמאָל א גלײַכער שידעך, וואָס? ניט אזא מענטש, ווי אן אנדערער? מיט א באלעבאטיש קינד... אז מען פירט זיך אָרנטלעך"...

ר׳ עליע (אין „גאָט פון נעקאָמע"): און פארוואָס דען ניט? איך האָב דאָך זײַן פאָטער געקענט... א גאנץ אָרנטלעכער ייִד געווען... א באלעגאָלע געווען... א גאנץ שיינער ייִד... גלויבט מיר, גאָט וועט העלפן און דער ייִד וועט נאָך ווערן מיט ייִדן גלײַך... — — — איך האָב שוין טאקע געקלערט וועגן דעם און איך האָב טאקע אין אויג א כאָסן — אן אנטיק, א פײַנער קאָפּ. דער פאָטער — זייער אן אָרנטלעכער ייִד...".

צווישן מאטיסן און יאנקל שאבשאָוויטשן, צווישן ר׳ יויכענען און ר׳ עליען, צווישן דעם בעקאָוועדיקן יאנקעוו גאָלדמאן און דעם ייִדן, וואָס גייט זיך מעשאדעך זײַן מיטן „פעטער", איז אן אונטערשייד בלויז אין גראד, אין קאָמעס, ניט אין אייכעס.

פון דער אנדער זײַט, זעט זיך קלאָר אין אשס באציִונג דאָס שטרעבן צו רעאביליטירן די „מאָראל" פון בעסמעדרעש-געסל, ווײַזן, אז ניט די עליעס זײַנען אירע עמעסע פּאָרשטייער. אכוץ עליען ווערט צוליבדעם געגעבן די געשטאלט פון דעם סויפער, וואָס אש מאָלט זי מיט גרויס דערעכערעץ. אין דער רעמארקע שילדערט ער אזוי דעם סויפער: „א הויכער אלטער ייִד. זײַן לאנגער דארער קערפּער הילט זיך אין א ברייטן כאלאט אײַן. א לאנגע ווײַסע שיטערע באָרד. טראָגטברילן אף די אויגן. האלט זיך קאלט און געהיימניספול" (!). און בעשאס ר׳ עליע טײַנעט האָפערדיק צו דעם פעטער: „נישקאָשע, נישקאָשע, גאָט וועט דיר העלפן, גאָט וועט דיר העלפן. נישט וואָר,

פליקט צווישן „קוילער-געסל" און „שול-געסל" ענדיקט זיך אי' אשס שילערונג מיט א פשאָרע, מיטן אונטערגעבן זיך דעם שול-געסל און [illegible]סו אין אים.

דאָס ווייניקדיפערענצירטע קוילער-געסל האָט אן [illegible] אונטן, מיטן אויבן דערלאנגט עס ביזן זשאָכלינער, ביז יעכעזקל גאָמבי[illegible]ן אונטן—ביזן דעק, ביז דער אונטערוועלט, ביז מאָטקע דעם גאנעוו און סוטעניאָר, ביז יאנקל שאבטשאָוויטש. אָבער סײַ אויבן, סײַ אונטן מאָלט אש דעמזעלביקן פראָצעס: דאָס שטרעבן „אָנשטענדיק" צו ווערן, ארײַנוואקסן אין דער באַלעבאטישער סוויווע, זיך אײַנקויפן אין ייִכעס. דער אונטערשייד איז בלויז דער, וואָס אפן „אָנשטענדיק" ארויף-וואקסנדיקן באלעגוף ווערן די גאָלדמאנס, די פײַנע ייִכעסדיקע ייִדן, אליין אופמערקזאם, גייען אים אנטקעגן, שטרעבן מיט די מאטיסעס אָפפרישן זייער פארמעגן און זייער בלוט — ביידע יאָרדישע; בעיס דער אונטן מוז אליין, מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, אויסקויפן זײַן זינד, זײַנע טונקעלע פארנאָסעס. עמעס אויך דאן איז די באלעבאטישע וועלט — ווי-באלד געלט — לײַטזעליק געשטימט. זי נעמט אָן דעם „פעטערס" סייפער-טוירע, פארמאכט די אויגן אף מאָטקעס סוטעניאָרישקײַט און גנייווישער פארגאנגענהײַט. איז שוין ווידער ניטאָ קיין שטאָף פאר דראמע, וויבאלד מע גייט זיך גאנץ פרײַנטלעך אנטקעגן. ביכדיי צו שאפן פון אזא מין שטאָף דראמעס, מוז אש אויסטראכטן און צובאָרגן פון דער פרעמד אידייקעס, אײַנפאלן, עפעקטן.

אין „גאָט פון נעקאָמע" איז עס קוידעמקאָל די אידייקע פון דעם פאטאלן קויעך פון זינד, וואָס פאָדערט, שרײַט נאָך נעקאָמע. מיט דעם דערקלערט זיך די געשלאָסנקײַט, גאנצקײַט פון דער דראמע. פון ערשטן זײַט אָן מאכט אש קלאָר, אז שאבשאָוויטשעס אלע אָנשטרענגונגען וועלן גיין אין ניוועך — וואָרעם „דאָס זינד מוז נעקאָמע נעמען". די שווערע יערושע פון זינד איז טאקע פארקערפערט אין דער געשטאלט פון מאנקען, דער פארפירערקע פון דעם פעטערס טאָכטער, ריווקעלען. אָבער אויך מאנקען קומט עס ניט אָן שווער: „די טעכטער פון אזעלכע מאמעס ווערן דערנאָך אליין ווי די מוטערס... עס ציט זיי, דער יעיצערהאָרע שלעפט זיי אין בלאָטע".

די שווערע, פינצטערע פיגור פון דעם „פעטער", יאנקל שאבשאָוויטש, געהערט צו אשס גרעסטע דערגרייכונגען. וואָרעם עס איז א קוילער-געסל-פיגור, עמעס, פון גאָר דעם דער גענומען. אויך פאר אים איז כאראקטעריסטיש דאָס שטרעבן צו ווערן אן „אָרנטלעכער", באלעבאטישער מענטש. „איך וועל האנדלען מיט פערד, וועל איך האנדלען... ווי מײַן טאטע, אָלאָוו-האשאָלעם... איך וועל מיר א שטאל פארלייגן, פאָרן אפן לאָוויטשער מארק, און מײַן אײדעס וועט זײַן דאָרט, דערינגען, זיצן און לערנען טוירע. אהיים קומען אף א שאבעס — וועל איך מיך אָס דאָ אנידערזעצן און וועל מיר אויסהערן, ווי מײַן איידעס לערנט אין די געמאָרעס". ס'איז, אלזאָ, ניט סטאם דער טרוים פון אן אלפאָנס — ס'איז דער טרוים פון גאנצן קוילער-געסל, פון אלע

ליבט, קען איך ניט אנדערש... איך וועל איר יונג הארץ ניט צעברעכן צוליב דער רעליגיאָן... אָבער איך האָב ליב, אז איך גיי טאָן א געשעפט, צו זײַן דעריבער אין קלאָרן. ביזטו זיכער, — אז איר וועט פון דער צווייטער זײַט אויך טרעפן אזא טאָלעראנץ, ווי פון דער זײַט?".

די טיפּישע שטעלונג פון א יאהודי. איז טאקע אינטערעסאנט צו פארצייכענען די באציִונג פון דעם גרויס-בורזשוא צו דער קידעש-האשעם-אידייע, וואָס שמועל פאָרמולירט זי אין ערשטן אקט:

„שמועל: פיל פעלקער האָבן מיר אין אונדזער לעבן געזען אונטערגיין, און ווען גאָט האָט אונדז דערהאלטן ביז הײַנטיקן טאָג, איז עס דערפאר, קעדיי מיר זאָלן איבערבלײַבן ביזן לעצטן טאָג..."

„ה' מײַזנער: (מיט טרערן)... רעד, טאטע, גאָלדענע ווערטער".

יענע יאָרן האָט אש נאָך מיט סימפּאטיע פארצייכנט יוסטינעס קוק אפן קידעש-האשעם, וואָס בא איר גאנצן דערעכערעץ פארן „העכערן עמעס, וועלכן זיי (די דוירעס, וואָס זײַנען געגאנגען אף קידעש-האשעם) האָבן אינסטינקטיוו געפילט", רעדט זי וועגן דעם. אז „אן אָטעם פון טויט עטעמט פון זיי, — וואָס נעמט ארום די, וועלכע דערנעענטערן זיך צו זיי". יענער „אָטעם פון טויט" ווערט שפעטער, זינט דער וועלט-מילכאָמע, דער הויפט-לאָזונג פון אשס שאפן...

3

„מאָשיאכס צײַטן" און „יאָרשים" שטימען אלזאָ מיט דער ליניע פון „שטעטל". די אידעאליזאציע פון דער פאר-קאפּיטאליסטישער האנדל-בורזשואזיע בינדט זיך לאָגיש מיט דער נעגאטיווער באציִונג צו די נײַע קאפּיטאליסטיש-בורזשואזע שיכטן און באַפארבט קליינבירגערלעך די דראמעס. שטארק אין זײַן נעגאציע, ניט שלעכט אין דער שילדערונג פון אלטן דאָר, איז אָבער אש אומבאהאָלפן, צעטומלט באם פאָרמולירן די אייגענע פּאָזיטיווע פּראָגראם אף הײַנט, און זײַנע ליבלינג-העלדן — מוישע אין „מאָשיאכס-צײַטן" און לעאָן אין „יאָרשים", פּרעפלען א מעטושטעשדיקן לאָשן. דאן קומט אָבער א נײַער פּעריאָד — אויסגעדריקט אין קוילער-געסל-קרײַז: אף הײַנט נעמט אש א קורס אפן אופגעקומענעם, זאָגט זיך אָפּ פון די באטלאָנישע לעאָנס און מוישעס, און באזינגט יעצט די העלדישקײַט פון די מאטיסעס און מאָטעס. און דאן אנשטייט זײַן דראמע „גאָט פון נעקאָמע" (1907), אין טאָך א קוילער-געסל-דראמע.

די „שטעטל"-אידעאָלאָגיע איז ניט דראמאטיש, אף וויפל זי אידעאליזירט דאָס פארגאנגענע, שילדערט עס ווי א קלאסנלאָזע שאָלעם-בײַיִסדיקע אידילע און שטרעבט צוליבדעם אויסמײַדן, פארשמירן קאָנפליקטן. אויך די פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע פונעם „קוילער-געסל" איז ניט דראמאטיש, אף וויפל דער קאָנ-

די שפּעטערדיקע פּיעסע „יאָרשים“ איז ניכטערער און טאָן, רעאַליסטישער. אין „מאָשיאַכס צײַטן“ איז די סאַטירע קעגן די נײַע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, באָריס און אָנקל קאָן, און די אידעאַליזאַציע פֿון אַלטן דאָר אַרײַנגעוועבט אין יענער עלעגיש-ראָמאַנטישער שטימונג, וואָס הילט אַרום אויך דעם „שטעטל“. אין די אַסאַך שפּעטער געשריבענע „יאָרשים“ איז אָט דער עלעגישער שלייער שוין פֿאַרשוווּנדן, אָבער די קלאַסן-פֿאַרהעלטעניש איז דײַטלעכער: די נײַע קאַ-פּיטאַליסטישע עלעמענטן — דאָס איז דער פּאָטער מײַזנער און זײַן פֿרוי; דער אַלטער פֿאַרקאַפּיטאַליסטישער דאָר — דער זיידע, רעב שמואל מײַזנער; דער סאָציאַליסט — דער זון לעאָן. אַנדזשיי, דער, וואָס שטייט אויפֿן שייד-וועג און ווייסט ניט ווו צו ווענדן זיך — איז דאָ מעגולגל געוואָרן אין מײַזנערס מאָכ-טער יוסטינע. שמואל מײַזנער שטייט דאָ אַזוי פֿעלזן-פֿעסט, אימפּאָנירט אַשן מיט דערזועלביקער קראַפֿט, ווי דער אַלטער כאָנען אין „מאָשיאַכס צײַטן“. לעאָן איז אַ דעקאַדענטישער „סאָציאַליסט“, וואָס וויל ניט רײַסן מיט דער געוויים-טראַדיציע: „לעאָן: מיר זײַנען יאָרשים פֿון אַ גרויסער יערושע. אַסאַך קידעש-האַשעם האָט עס אונדז געקאָסט. מיר דאַרפֿן זי טראָגן אין דער וועלט און צוליב איר מוזן. מיר אַמאָל אַ קאָרבן ברענגען. נאָר ווען איר זײַט צום פֿײַער געגאַנגען, האָט איר באַם שײַטער-הויפֿן געזען די טויערן פֿון גאַניידן... ווען איינער פֿון אונדז גייט אויף קידעש-האַשעם, זעט ער נאָר דעם טיפֿן טהאָם, וואָס דעקט אים דערנאָך צו...“ פֿון ה' מײַזנערס אַ רעפּליק דער-וויסן מיר זיך, אַז דער „סאָציאַליסט“ האַלט פֿיל פֿון „יודישער טראַדיציאָן“. אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט לעאָן: „בײַ זיי אין די הייליקע ביכער ליגט געפֿאַנגען אַ גרויסע ייִדישע נעשאָמע, וואָס זיי האָבן זיך מיטגעבראַכט פֿון די הייליקע לענדער, און זי וואַרט אויף אַן אויסלייזונג פֿון אונדז, פֿון די יונגע“. לעאָן דערמאָנט, אַלזאָ, כײַיִמען פֿון „מאָשיאַכס צײַטן“, ער איז אָבער שוין אַסאַך נאַציאָנאַליסטישער פֿון אים, דערפֿאַר טאַקע שילדערט אים אַש מיט אַסאַך סימפּאַטיע. לעאָן איז שוין אַ געשטאַלט, בעיס כאַיִם — בלויז אַ קאַריקאַטור.

עטלעכע זײַטן פֿון די „יאָרשים“ פֿאַרדינען אַסאַך אויפֿמערקזאַמקײַט, ווי אַ גלענצנדיקע אויטאָ-סאַטירע אויפֿן אַש פֿון „קידעש-האַשעם“, דעם שפּעטער-דיקן יאַהודישן טראָמפּייטער. די „אידיי“ פֿון אַלטן שמואל איז נעמלעך די „קידעש-האַשעם“-אידיי; אין דער פּיעסע איז אָבער גלענצנד סאַטיריש געגעבן אויך דער פּאָרטרעט פֿון אַ יאַהודי, שמועלס זון, דער רײַכער מײַזנער — דער פּאָר-טרעט פֿון אַשס שפּעטערדיקע באַלעבאַטים.

„ה' מײַזנער: ... איך בין טאַקע אַ פֿרײַדענקער, און אַלע מענטשן זײַנען בײַ מיר גלײַך, נאָר איך קער צו מײַן ראַסע, און מײַן ייִדיש האַרץ לאָזט מיך ניט, אַז מײַן קינד זאָל אָנעמען אַן אַנדער גלויבן. טראַדיציע איז אַ גרויסע זאַך, און מײַן קינד איז ניט אין אַזעלכע אומשטענדן, אַז זי זאָל זיך דאַרפֿן שמדן... נאָר איך קען ניט אַנדערש. אַז דאָס קינד האָט זיך פֿאַר-

זײַן זון מוישע, וואָס דריקט אויס צום נאָענטסטן אַשס אידעאָלאָגיע אין יענע צײַטן. מוישע איז „אַ ייִד, וואָס ליבט דעם גאָלעס, אָט אַזוי, ווי עס איז, מיט דעם בעסמעדרעש־געסל, מיטן ראָוו און דײַען, מיטן שויפער און כליצע־שוך, „דאַכט זיך, דאָס איז דאָס ייִדישקײַט, דאָס עמעסע, דאָס פּראָסטע"; ער איז שוין צו יונג, אָדער צו אַלט, ער זאָל גלויבן אין ניסים, אין דעם מאָשיאַכן פון די ציאָניסטן אָדער פון די טעריטאָריאַליסטן, זיי זײַנען „ניט ייִדישלעך, ניט דאָס ייִדיש פון מײַן זיידן, פון מײַן באָבען".

עס איז אַלזאָ דיזעלביקע „שטעטל"־אָריענטאַציע אַפן זיידן און באָבען, ד. ה. אַף דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער האַנדל־בורזשואַזיע; און ווען רעב כאָנען גיט די בײַסיקע רעפּליקע: „אַ יונגער באָכער מיט אַ לאָשן פון אַן אַלטן מאַן", ענטפערט מוישע מיט היץ: „איך בין יונג און אַלט. מע מוז דעם עלטער פאַרייִנגערן, און דאָס יונגע מוז זויגן פון דעם אַלטן... עס מוז זײַן פון דעם, וואָס עס איז, פון נעכטן און הײַנט, פון הײַנט און מאָרגן".

דעם אויסערלעכן פורעם פאַר דער פּיעסע גיט וויספּיאַנסקעס דראַמע „וועסעליע" (כאַסענע), וואָס דריקט אויס די ייִעשדיקע זוכענישן פון דער פּוילישער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענץ. צוריקגעשטויסן פון אַמטן, שולן, קולטור־פּאָזיציעס, רוקט זי אַרויס דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, און זעט זיך פאַריאָסעמט: די פּוילישע מיטל־און־גרויס־בורזשואַזיע איז מיט טויזנטער פעדעם שוין פאַרבונדן מיטן רוסישן גרויסן און פעטן מאַרק, און איז „רעאַל", פּאָזיטיוויסטיש געשטימט, כאַזערט איבער מיט דער צאַרישער רעגירונג דעם לאָזונג פון „בלויז קיין שום טרוימען און קיין שום כאַלוימעס". דער אַרבעטער איז ווײַט, דער פּויער — פּײַנטלעך, וואָרעם אַן אומאָפּהענגיקע פּוילן דערמאָנט אים די שליאַכטישע, לײַבאייגנטימערישע „זשעטשפּאָספּאָליטאַ". ייִעשדיק פאַרצווייפלט קאָנסטאַטירט וויספּיאַנסקע אין „וועסעליע" (1900) דעם ריס צווישן שטאָט (ד. ה. דער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענץ) און דאָרף. ווען עס בלאָזט אין זײַן פּיעסע דער שויפער פון דער געולע, רוקט זיך ניט קיינער פון אָרט, מע דרייט זיך אין פאַרקישעפטן קרײַז, מע פאַרטאַכלעוועט דעם גאָלדענעם געולע־האָרן פון די אָוועס...

אַשס שטייט אַפן שייד־וועג, זײַן דעמלטיקע שטימונג פון אויסזיכטלאָזיקײַט, די צעטומלטקײַט פון ייִדישן קלייןבירגערטום און נידעריקע שיכטן פון דער בורזשואַזיע אין דער רעוואָליוציע פון 1905, וואָס קומט דאָ צום אויסדרוק אין זײַן שאַפן, דערנעענטערט אים צו וויספּיאַנסקעס ראָמאַנטיק. לײַכט נעמט ער דערפאַר אַריבער דעם וויספּיאַנסקישן מאָטיוו פון דער געולע, וואָס קומט פּלוצלונג אָן און טרעפט אַלעמען אין צעטומלטער איבעראַשונג: קיינער איז צו איר ניט צוגעגרייט, וואָרעם קיינער דאַרף זי ניט האָבן. אפילע ר׳ כאָנען דאַרף ניט דעם שויפער שעל־מאָשיאַך: ער פאַרט דאָך סײַווי אין ערעץ־ייִסראָעל שטאַרבן...

צוערשט פארפאסט געוואָרן אין העברייִש), אנטשפרעכט „מאָשיאכס צייַטן״, ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסקומען אפן ערשטן בליק, דער סטאדיע פון „שטעטל״. אויב אש אידעאליזירט אין „שטעטל״ די אמאָליקע גוטע, ניט דיפערענצירטע פאר־קאפיטאליסטישע צייַטן, פילט זיך אָבער אויך אין „שטעטל״ די עלעגיע פון אָפּגיין, דער טרויעריקער באוווסטזייַן, אז אזוי איז געווען און אזוי וועט שוין מער ניט זייַן. די פאבולע פון „מאָשיאכס צייַטן״: דער אלטער בעקאָוועדיקער שטעטלדיקער באַלעבאָס ר׳ כאָנען און זייַן ווייַב מאלקעלע פאָרן אָפּ שטארבן אין ערעץ־ייִסראָעל, רופן זיי צו זיך געזעגענען זיך אלע קינדער און ־קינדס־קינדער. עס קומען אראָפּ: דער ווארשעווער קאפיטאליסט באָריס, דער דייַטשעשער פאבריקאנטל קאָן, דער פּאָשעטער אָרעמער שטעטלדיקער סויכער יויסעף, זייַן פאָלקיסטיש־געשטימטער זון מוישע, דער צווייטער זון — א ציאָניסט, דער דריטער — א סאָציאליסט, די קינדער פון באָריס: די פויליש־אסימילירטע יוסטינע, וואָס טרוימט וועגן דעם שיקזאל פון אן עסטערקע, דער געליבטער פון דעם פוילישן מיילעך — קאזימיעזש, און דער סטודענט אנדזשיי, וואָס ווייס ביכלאל ניט וווהין צו גיין.

„איך ווייס ניט ווו איך זאָל מיך ווענדן, צי רעכטס, צי לינקס? שטיי איך מיר בא דעם שלאגבוים און ווייס ניט ווער איך בין, פון וואנען איך קום, וואָס איז דייַן, וואָס איז מייַן, עס איז מיר אלציינס... אלציינס״...

אויך אש שטייט מיט אים באם שלאגבוים פון דער רעוואָליוציע און קלערט, ווו זיך צו ווענדן, צי רעכטס צי לינקס. ער ווייס בלויז וואָס ער וויל ניט, קעגן וועמען גייט ער. ער גיט טאקע א פרעכטיקע סאטירע אף די יאהודישע אָנקל קאָנס (ס׳איז 1906) און די טאכלעסדיקע באָריס און העלענע; ער לאכט אויס, שוין גוטמוטיקער, דעם ציאָניסט:

„ר ע ב כ אָ נ ע ן: איך פארשטיי שוין גאָרניט. ניבע טאָ איז עס א ייִד, ניבע טאָ איז עס ניט קיין ייִד. וויל נאָך ציִען און גלויבט ניט אין מאָשיאכן, ער רעדט לאָשן־קוידעש און עסט אָן א הוט. האָט איר געזען אביסל א ייִד?״

א קאריקאטור מאכט ער אויך פון דעם „סאָציאליסט״ כאִים. וואָס דאָ רעדט ער בא אשן א פרימיטיוון—מיקלוימערשט פראָלעטארישן לאָשן, דאָ קניפּט ער אָן מיטאמאָל צו דער טראדיציע פון די נעווייִם: „מיר וועקן דאָ די נעשאָמע פון דעם נייַעם מאָשיאכן פון אונדזערע זיידעס, די נעווייִם, וואָס וועט קומען ווי א זון אף דער גאנצער וועלט״.

אשן אימפּאָנירט צומייסטן דער אלטער כאָנאָן, וואָס איז טאקע די איינציקע פולבלוטיקע, לעבעדיקע געשטאלט אין דער ראָמאנטיש־סטיליזירטער פּיעסע (די ראָמאנטיק פליסט דאָ פון זעלביקן קוואל, ווי אין „שטעטל״: עלעגישע באציִונג צום אָפּגייענדיקן נעכטן). אים אימפּאָנירט די גאנצקייַט פון כאָנאָנען, און די וויכטיקסטע קריטיק, אשס נעגאטיווע פראָגראם, ווערט טאקע געגעבן דורך כאָנענס רעפּליקעס און באמערקונגען. אינגאנצן א פּאָזיטיווע באציִונג האָט אש בלויז צו דעם אָרעמען סויכער, דעם פאָלק־מענטש יויסעף און צו

שרײַבער פון די 30—40-ער יאָרן פון 19-טן י. ה.[1], דערנאָך, מיט דער צווייטער סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם, מיט זײַן ראַשיקן וווּקס און אויפבלי, קומט פאָר א טראַנספאָרמאַציע פון דעמדאָזיקן מאָטיוו. פאַראַפראַזירנדיק לעניִנס באַקאַנטן זאַץ, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז צוערשט לײַדט די מאַסקילישע אינטעליגענץ פון דער ניט גענוגנדיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער ייִדישער סוויווע, און שפּעטער — פון זײַן גרויסן ראַשיקן וווּקס און אויפבלי. צוערשט לײַדט זי פון דעם ריס צווישן איר באַוווּסטזײַן און דעם אָפּגעשטאַנענעם אַרום, און ס'דוכט זיך איר, אַז זי פאַרשפּעטיקט, בעייס „עס וואַרט אויף איר א לעבן און א וועלט". דערנאָך, אַרויסגעשטויסן שוין אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, פאַראָרעמט, האַלב פּראָלעטאַריזירט, פאַרלירט די אינטעליגענץ איר גלויבן אין דעם „פּראָגרעס און ציוויליזאַציע" פון קאַפּיטאַליזם, „קליין האָט זיך איר אַלץ אויסגעוויזן". זי האָט שוין ניט דעם וועג אויף צוריק, און אויך קיין שום פּערספּעקטיוו ניט אויף פאָרויס. אָט אָ די טראַנספאָרמאַציע פון דעם בורזשואַזן קאָנפליקט אין א קלייַנבירגערלעכן איז דער מאָטיוו פון אַש׳ס ערשטער פּיעסע, עס איז אָבער אויך א פעסטער מאָטיוו פון דער גאַנצער קלייַנבירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור אין יענער צייט. בא פּערעצן איז, צ. ב., דערויף געבויט „אין פּאָליש אויף דער קייט", ער קלינגט אויך אָפּ אין פּערעצעס „גאָלדענע קייט", ווו לייע קומט צוריק צעבראָכן און אַנטוישט. אין דער „גאָלדענער קייט" פון 1907 איז עס אָבער שוין בלויז א בײַ-מאָטיוו. אקעגן זשע אין ערשטן וואַריאַנט פון יאָר 1903 („כורבן בייס צאַדיק") איז עס די צענטראַלע אידייע פון פּערעצעס דראַמע, און גראָד דערדאָזיקער וואַריאַנט איז פאָרויסגעגאַנגען אַש׳ס „מיטן שטראָם". עס איז גלײַכצײַטיק דער צענטראַלער מאָטיוו פון נאָמבערגס שאַפן.

די ווײַטערדיקע דראַמע „מאָשיאַכס צײַטן" כאַראַקטעריזירט אויך דעם צעטומלטן שאָלעם אַש, שאָלעם אַשן אַפן שייד-וועג. די טעמע פון „מאָשיאַכס צײַטן" איז די צעזייטקייט און די צעשפּרייטקייט פון ייִדישן קלייַנבירגערטום, וואָס וואַקלט זיך צווישן „בונד", ציאָניזם, פאָלקיסטישן ייִדישיזם, טיילט אויך אויס קאַפּיטאַליסטישע כאַכלעס-עלעמענטן, און בענקט אונטער שטילינקערהייט צו דער נעכטיקער פאַרגאַנגענהײַט און טראַדיציע. די טעמע פון „מאָשיאַכס צײַטן" איז, אַלזאָ, דיזעלביקע, ווי שאָלעם אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט", וואָס איז מיט א יאָר פריער (אַפּרעל 1905) אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע. רעב כאָנען (אין אַש׳ס „מאָשיאַכס צײַטן") זאָגט טאַקע צו די קינדער: „איך לאָז אײַך איבער פאַרזייט און פאַרשפּרייט"... אויב „מיטן שטראָם" אַנטשפּרעכט דער סטאַדיע פון אַש׳ס העברעיִשע „סיפּורים" פון 1902 (די פּיעסע איז טאַקע

[1] אין העברעיִשן טעקסט פון דער דראַמע לייענען מיר טאַקע: „נדמה לי שבמקום אחר במרחק מוכן ומזומן בשבילי אושר גדול, אושר נפלא"... („יצא וחזר", „השלוח", 1904 ז. 207). אין „השלח"-טעקסט זעט זיך נאָך דײַטלעכער די פּערעצישע האַשפּאָע.

פּליסט קאָנסעקווענט ארויס פון ריין-דראמאטישן דורכפאַל. און בעעמעס, קיין שום דראמע אשס האָט ניט באטײַט קיין נײַעם עטאפּ אין זײַן שאפן. בעשאס באַ פּערעצן, צ. ב., באטײַטן די „גאָלדענע קייט" (1907), „אין פּאָליש אף דער קייט" און „באנאכט אפן אלטן מארק" (1907—1908) א נײַע ווענדונג אין זײַן קונסט. אשס דראמעס זײַנען אָבער ס'ראָוו אָפּשניצלעך פון זײַן פּראָזאַישן שאפן. מיט דעם פאַרבינדט זיך א צווייטער אופאלנדיקער שטריך פון אשס דראמאטורגיע: אין קיין שום אנדערן זשאנער איז אש ניט אזוי ניטזעלבשטענדיק, אינערגעץ ניט פאלט ער אזוי לײַכט ארונטער אונטער פרעמדע האשפּאָעס, אינערגעץ ניט יאָגט ער זיך אזוי בוילעט און וווּלגער נאָך אויסערלעכע עפעקטן. לעכאטכילע פּערעץ, דערנאָך וויספּיאנסקי, איבסען, מעטערלינק, הויפּטמאן — סאָמיד זײַנען די אויגן פון אש דעם דראמאטורג מיט אומבאהאָלפנקײַט געווענדעט צו א פרעמדן מוסטער. און דאָס גילט אפילע פאר אשס לעצטע דראמעס: „ראבי דרי זילבער" איז איבסעניש, „קוילן" — מעטערלינקיש און איבסעניש, — און דאָס אין יאָר 1928, ווען סײַ מעטערלינק, סײַ איבסען געהערן שוין לאנג צום בעסאלמען פון דער וועלט-ליטעראטור. די סיבעס פון אזא דערשײַנונג, קלאָר, זײַנען סאָציאַל-דעטערמינירט, מע דארף זיי זוכן אין דעם קלאסן-אינהאלט פון אשס קונסט, ניט פארלירנדיק אָבער פון אויג איר עוואָליוציע פון עטאפּ צו עטאפּ.

אשס ערשטע דראמע „מיטן שטראָם" געהערט צו זײַן ערשטן, קליינבירגערלעך-איטעליגענטישן פּעריאָד, ווען ער שטייט אונטער דער האשפּאָע פון פּערעצן און נאָמבערגן. די פאבולע פון דער דראמע: דאָוויד, א ראָווס אן איידעם, פארלאָזט זײַן מישפּאָכע, זײַן ווײַב און קינד, שווער און שוויגער, גייט אוועק אין דער גרויסער שטאָט. וואָרעם: „אין מיר האָט זיך א פרילינג דערוועקט, דערוועקט... א ליכט איז געפאלן אף מײַנע אויגן... יאָ, איך פיל, אז ערגעץ-ווּ ווארט אף מיר א לעבן און א וועלט". אין צווייטן אקט, וואָס שפּילט זיך אָפּ 7 יאָר שפּעטער, קומט ער אָבער אן אנטוישטער, א מידער צוריק: „עלנט האָב איך זיך געפונען אף מײַן איינזאמען וועג... און פארלאָזט... איך האָב מער ניט געגלויבט אין מיר, און אין דעם אלעם, וואָס עס איז ארום מיר... און ווי קליין האָט זיך מיר אלץ אויסגעוויזן..."

עס הייבט זיך אלזאָ אָן מיטן מאסקילישן קאָנפליקט צווישן „די מענטשן פון ליכט" און די „מענטשן פון פינצטערניש". אף דעמדראָזיקן מאָטיוו האָט זיך אויסגעבויט די גאנצע האסקאָלע-ליטעראטור, איז מעגלעך געוואָרן די האסקאָלע-דראמע. די האסקאָלע — דאָס איז יענער אידעאָלאָגישער פערמענט, וועלכן עס רופט ארויס די ערשטע סטאדיע פון קאפּיטאליזם אין דער יידישער סוויווע. דער קאפּיטאליזם, גלויבט דער בורזשואזער אידעאָלאָג, עפנט א וועלט פול ליכט, פול גליק. „אלע גליקן פון דער וועלט שטייען פאר מיר אָפן!" — שרײַט אויס פארשיקערט א מאסקילישער העלד בא אקסענפעלדן, דעם גרויסן בורזשואזן

טעאטער אין פוילן. די דריטע פּיעסע אשס, וואָס האָט געהאט א גרויסן טעא-
טראלן דערפאָלג, איז געווען „קידעש-האשעם", אינסצעניִרט דורך עטלעכע
רעזשיסאָרן. דער סאכאקל איז, אז פון אשס 21 דראמעס האָבן בלויז דרײַ
געהאט מאזל צו דער בינע: „גאָט פון נעקאָמע", „מאָטקע גאנעוו" און „קידעש
האשעם", פון דעם איז בלויז די ערשטע בעעמעס ארײַנגעדרונגען אין אייראָפּייִשן
טעאטער. און דער עצעם בינע-דערפאָלג איז געווען אין א גרויסער מאָס פאר-
בונדן מיט צווייפלהאפטע, שונדיסטישע מאָמענטן: „גאָט פון נעקאָמע" און
„מאָטקע גאנעוו" זײַנען „מיידלעך"- און שאנד-הויז-פּיעסעס, „קידעש-האשעם"
איז א נאציאָנאליסטיש-קלעריקאלע אופירונג, וואָס שפּילט אף דער פּאָגראָם-
סענסאציע — א באליבטע סטרונע פון די נאלעווקעס. אין דער סצענישער
באארבעטונג איז נאָך גרעבער, נאָך ווולגערער געוואָרן דער נאציאָנאליסטיש-
מיסטישער שונד פון „קידעש-האשעם". דער ווארשעווער אינסצעניזאטאָר, ד"ר
ווייכערט, האָט זיך ווײַזט אויס געהאלטן בא מענדעלעס רעצעפּט: „מאך
דערפון פּאַטראוועס צו דײַנע ברידער, אזוי ווי זיי האָבן ליב", און ער איז
„מיט גאָטס הילף אראָפּגעקראָכן און צוגעגרייט די געשמאקע שפּײַז" (האקדאָמע
צו „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי"). ער האָט ניכטער, קימאט מאטעמאטיש אויס-
גערעכנט יענע פּינטל-ייִד-עפעקטן, נאָך וועלכע עס לעכצט דאָס הארץ פון
ייִדישן קליינבירגערטום, און ס'האָט זיך באקומען א „געשמאקע שפּײַז": דאוו-
נערײַ אָן א שיר אף דער בינע, געוויינען און געקלאָגעכצן, סרייפעס און שכי-
טעס, צוגעווירצט דורך קאָזאקישע טענץ און געזאנגען אלא „די רומענישע
כאסענע". אפילע אלטער קאציזנע האָט דאן ניט אויסגעהאלטן, און האָט פארענדיקט
זײַן רעצענזיע מיט די באמערקונגען, אז „קידעש-האשעם" איז אָנגעשריבן
לויטן געוויינלעכן שאָוויניסטישן רעצעפּט", און אז עס איז „טאקע א פײַנע
זאך, איך וועל זי אָבער גערן אָפּטרעטן אונדזערע סאָנים" („ליטערארישע
בלעטער", 1928, 19).

דער סאכאקל איז א קלאָגעדיקער: אשס דראמאטורגיע פארדאנקט איר
אופקום און אופבלי דעם טעאטער, דעם סצענישן פּרווו האָבן אָבער אויסגע-
האלטן בלויז דרײַ פּיעסעס אף 21, און דאָס אויך אדאנק צווייפלהאפטע,
שונדיסטישע ווערטן. דאָס באדײַט, אז אשס דראמאטורגיע איז אין טאָך ניט
סצעניש. עס דארף איצט באטראכט ווערן די ליטערארישע באדײַטונג פון
אשס פּיעסעס.

2

שאָלעם אשס דראמאטורגיע איז אלזאָ אנטשטאנען אין געיעג נאָכן טעאטער.
אָבער ניט קוקנדיק אף צײַטווײַליקע איינצלנע דערפאָלגן, האָט זיך דערדאָזי-
קער געיעג געענדיקט מיט א דורכפאל. הייסט עס, אז די ניטסצענישקײַט
פון אשס ווערק איז פארוואָרצלט אין זיי גופע, אז דער טעאטראלער דורכפאל

די רעשימע ווײַזט, אז דער גרעסטער טייל פון אשס פּיעסעס איז אנטשטאנען אין דעם צײַט-אָפּשניט 1906—1914 (11 פּיעסעס אין 8 יאָר). זינט דאן ווערט אָפּגעשוואכט אשס דראמאטיש שאפן (אכט פּיעסעס אין 16 יאָר) נאָך 1920 האָט אש פארפאסט בלויז דרײַ פּיעסעס — און אלע דרײַ ביז גאָר שוואכע, פּרעטענציעזע זאכן.

די כראָנאָלאָגיע פון אשס דראמעס ווײַזט אָבער אויך, אז דערדאָזיקער זשאנער פון אשס שאפן איז ענג פארבונדן מיטן טעאטער. אין קעגנזאץ צו די פריערדיקע יידישע שרײַבער, וואָס האָבן ס׳ראָוו געשריבן פּיעסעס אָן קיין שום אויסזיכט צו זען זיי אופגעפירט אף דער בינע, איז אשס „מאָשיאכס צײַטן" („א כאָלעם פון מײַן פאָלק") אופגעפירט געוואָרן שוין 1906 אין פּעטערבורג אף רוסיש און אין ווארשע אף פּויליש, און ביפראט איז זײַן „גאָט פון נעקאָמע", דאָס ווערק פון נאָך גאָר א יונגן שרײַבער, ארײַנגעדרונגען אין רעפּערטואר פון אייראָפּייִשן טעאטער. ס׳איז די ערשטע יידישע פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן—און ווערט נאָך געשפּילט—אין די פארשיידנסטע שפּראכן. בלויז איין דראמע אין יידיש, — אנסקעס „דיבעק" — איז נאָך געלונגען פארפעסטיקן זיך אין דעם אייראָפּייִשן רעפּערטואר. ניט קיין וווּנדער, אז אופגעמונטערט פון דידאָזיקע דערפאָלגן, שרײַבט אש קימאט אין איין אָטעם איין פּיעסע נאָך דער צווייטער אין דעם פּעריאָד 1906—1914. די שפּעטערדיקע רעאקציע דערקלערט זיך מיטן טעאטראלן דורכפאל פון אשס אנדערע פּיעסעס. אכוץ „גאָט פון נעקאָמע" האָבן אלע אנדערע דראמעס געהאט א מינימאלן דערפאָלג. עס זיינען נאָך געשפּילט געוואָרן אף דער רוסישער, פּוילישער בינע „מאָשיאכס צײַטן", „יִכעס", זיי זײַנען אָבער גיך אראָפּ פון רעפּערטואר. אויך אין יידישן טעאטער האָבן אשס ווײַטערדיקע פּיעסעס דויערנדיק זיך ניט געהאלטן.

דער צווייטער פּעריאָד פון אשס דראמאטורגיע איז דעריקער פארבונדן מיטן אמעריקאנער יידישן טעאטער, און א סצענישער דערפאָלג איז געווען בלויז „מאָטקע גאנעוו", וואָס האָט שפּעטער „געמאכט קאסע" אויך אין יידישן

פאראן, זײַנען פארגרײַזט, און אייגענע נאָכפאָרשונגען. צײַטנווײַז בין איך געבליבן אין סאָפעק, אף וויפל ס׳טרעפט, אז אשס א דראמע ווערט געדרוקט שפּעטער פון דער טעאטער-אופירונג. אשס איינאקטער „נאכט", צוקונפט 1913, איז שפּעטער אײַנגעגלידערט געוואָרן אינעם „בונד פון די שוואכע". „יִפּטאָכס טאָכטער" איז געדרוקט 1913 אין „צוקונפט". די „יאָרשים"—דאָרט 1914 „א שנירל פּערל"—דאָרט 1916. „דער טויטער מענטש"—דאָרט 1921, „יויסעף" דאָרט — 1924. די ערשטע צוויי אקטן פון „קוילן" האָבן געהייסן „די קינדער פון דער ערד", געדרוקט אין „צוקונפט" 1922, שפּעטער איבערגעארבעט אינגאנצן פאר דער בוך-אויסגאבע פון 1928. „דער „בונד פון די שוואכע" איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין דער פּעטערבורגער „יידישער וועלט", 1912. „מאראנען" איז פון אשן דאטירט 1919. די פּיעסע „ווער איז דער טאָטער"? האָב איך ניט געזען, זי איז אגעוו ניט ארײַן אין אשס געזאמלטע ווערק. ארויסגעגעבן דורך דער ווארשעווער „קולטור-ליגע". — אן אינסצעניזאציע פון „אָנקעל מאָזעס" איז דערשינען אויך אין מינסק, 1929, אויסאָרן: מלינעק און ה. פּאפּאָק, פּיעסע אין דרײַ אקטן — 14 בילדער. 64 זײַטן.

## 4. שאָלעם אַש דראַמאַטורגיע

1

רײַן אויסערלעך גענומען, איז אַש דראַמאַטורגיע אַן אָרגאַנישער טייל פון זײַן שאַפן. שוין שטעלנדיק זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט, שרײַבט אַש דראַמעס. אין יאָר 1904 דרוקן זיך אָפּ אין „השלוח" צוויי דראַמעס אַש, שפּעטער איבערגעאַרבעט אויך אין ייִדיש: „אום ווינטער" (האחות הבכירה) און „מיטן שטראָם" (יצא וחזר). פון דאַן אָן ציט זיך אַ לאַנגע סעריע דראַמעס, וואָס באַגלייטן דעם גאַנצן שעפעך פון אַשס ליטעראַרישן וועג. אפילע אין גאָר דער לעצטער צײַט פאַרפאַסט אַש דראַמעס (צ. ב. „רעווערענד זילבער", געדרוקט אין „צוקונפט" 1930). איך האָב פאַרצייכנט 21 פּיעסעס אַשס און כ'בין נאָך ניט זיכער, אַז דאָס איז אַלץ. דערפון האָט אַש בלויז איין שטיק, „מאָטקע גאַנעוו", (1917) איבערגעמאַכט פון אַ ראָמאַן. אַלע איבעריקע זײַנען לעכאַטכילע געשריבן אין דראַמאַטישער פאָרם (מ'זאָל ניט רעכענען „גאָט פון נעקאָמע", וואָס זײַן ערשטער עסקיז איז די נאָוועלע „די מײַסע מיט דער שיינער מאַרי"). אין דער לעצטער צײַט האָבן עטלעכע רעזשיסאָרן אינסצעניר אַשס אַ פּאָר ראָמאַנען: „קידעש־האַשעם", „קישעפמאַכערן פון קאַסטיליע", „אָנקל מאָזעס" א. אַ. וו.

אין אַנעדערכדיקער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג באַקומט זיך אַזאַ רעשימע:
1—2. „אום ווינטער", „מיטן שטראָם" 1904. 3. „מאָשיאַכס צײַטן". 1906. 4. „גאָט פון נעקאָמע". 1907. 5. „שאַבסע־צווי". 1908. 6. „דער לאַנדסמאַן". — 1909. 7. יִכעס. — 1909. 8. „דער בונד פון די שוואַכע". — 1912. 9. „אונדזער גלויבן". — 1912. 10—13. „ייִפטאָכס טאָכטער", „אַמנוין און טאָמאָר", „דער זינדיקער", „יאָרשים". 14. „אַ שנירל פערל". 1916. 15. „מאָטקע גאַנעוו". 1917. 16. „ווער איז דער פאָטער?" 1918. 17. „מאַראַנען". — 1919. 18. „דער טויטער מענטש" — 1920. 19. „קוילן" — 1922—1928. 20. יויסעף — 1924. 21. „ראַבי (רעווערענד) דר. זילבער" — 1930 [1])

---

[1]) איך קאָוויר ניט פאַר דער פּינקטלעכקײַט פון דערדאָזיקער דאַטירונג. די רעשימע איז צונויפגעשטעלט אויפן סמאַך פון ב. גאָרינס רעפּערטואַר־ליסטע צום סאָף פון זײַן „געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער", ז. רייזענס „לעקסיקאָן", ווו עס פעלן אָבער אַסאַך וויכטיקע דאַטעס און די, וואָס זײַנען

אף דער ייִדישער ליניע וואַרצלט אויס אש יעדן שפור און זייכער פון יענע סאָציאַלע קאָנפליקטן, וואָס האָבן נאָך אָפּגעהילכט אין „שטעטל". דאָרט האָבן נאָך געקעמפט האַרעפּאַשניקעס און כסידים אַרום אַ ראָוו און אַ רעבן. אין „שלוימע נאָגיד" פאַרוואַנדלט אש דעם טילימדיקן ראָוו אין אַ טילימדיקן כסידישן רעבן, און אַן עק, אַ סאָף. איצט הערשט שוין בא יידן פּאָלשטענדיקער שאָלעם-בײַעס. ערגער איז מיט די „גאָיִם", עס דראָט אַ פּאָגראָם, אָבער אויך דאָ דאַרף מען האָבן ביטאָכן, און ס׳גייט טאַקע אַדורך בעשאָלעם. און נאָך אַ קאָנפליקטל איז פאַראַן אין דער פּאָעמע: ביכדיי אײַנגאַנצן ניט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מאַלעך, קעמפט רעב שלוימע נאָגיד מיט זײַן יעיצער-האָרע אין דער געשטאַלט פון אַ פישער-מיידל.

אין סאַכאַקל איז נאָך אַלץ ניט פאַראַן קיין שפור פון דראַמאַטיזם אין דער פּאָעמע, און ס׳באַקומט זיך אַ סטאַטיש-פּאָרטרעטירנדיקע אָדע, אַ העלדן-געזאַנג אַזוויצוזאָגן.

אַזוי האָט אש אין שווערע רעאַקציע-יאָרן קאָריגירט „דאָס שטעטל", איבערגעטרומייטערט עס אין אַ זאַטע אָדע פון דער טריומפירנדיקער בורזשואַזיע, דערמיט האָט זיך אָבער געענדיקט זײַן גרויסע שטעטל-קונסט. אין זייער גאַנצער גרויס האָבן זיך אין „שלוימע נאָגיד" אַנטפּלעקט וויכטיקע שטריכן פון אשס שאַפן: די קונץ פון זינגען די העלדן-געזאַנגען פון אַ בורזשואַזיע, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען העלדיש; די קונץ פון אויפשטעלן ייכעס-בריוו ביז דאָוויד האַמײלעך פאַר אָקסנהענדלער; די קונץ פון אויסשטרײַכן סאָציאַלע קאָנפליקטן און פאַרבײַטן זיי מיט נאַציאָנאַלע, — עס איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר „קידעש-האַשעם". וואָרעם „קידעש-האַשעם" איז די נאַציאָנאַליסטישע אויסטײַטשונג פון גרויזאַמע סאָציאַלע קאָנפליקטן; דער „פּרינציפּער" ייכעס-בריוו פון ייִדישע שענקער און רענדערס; און קוידעמקאָל דער העלדנגעזאַנג פון דער ייִדישער בורזשואַזיע און איר גאָט, יענעם גאָט, וועגן וועלכן פּערעץ האָט געשריבן אין זײַן „געטער-געשמאַק":

אָריגינעל איז דאָך נאָר איינער, —
דער פון קוגל און כאַרויסעס:
ער האָט ליב אַ „שמאַ יִיסראָעל"
וואָס עס כראָפּעט אים אַ גויסעס!

אפן „שטעטל״ האָט נאָך געדריקט אן ערעװ-רעװאָליוציאָנערע סיטואציע און א שווערער עקאָנאָמיש-פּאָליטישער קריזיס. „שלוימע נאָגיד״ איז געשריבן 1912, ווען די צעיושעטע רעאקציע האָט נאָך אלץ געפּײַערט איר זיג איבער דער צעגראָמירטער רעװאָליוציע, געפילט זיך זיכער אין זאָטל ווי נאָך קיימאָל ניט. פון דעם עלעגישן טאָן פון „שטעטל״ איז שוין אין „שלוימע נאָגיד״ קיין זייכער ניטאָ. אין „שטעטל״ פלעגט אמאָל, עמעס זעלטן, א בלאָז טאָן א פּראָסטיקער ווינטל, ייִדן האָבן מיט קינע געטראַכט, אז בלויז דער גוויר וועט הײַנט עסן מיטאָג, — אין „שלוימע נאָגיד״ איז דאָס אלץ שוין פארשוווּנדן. א מוירעדיק זאט בוך, „שלוימע נאָגיד״. די פּארע פון באָרשטש און גריווענעס טראָגט זיך פון יעכעסקל גאָמבינערס שטוב, — ווי קומט עס אָבער צו שלוימע נאָגיד! דאָ עסט מען קעסיידער, בא יעדער געלעגנהײַט, און עסט מען ניט, דאן גרייט מען צום עסן, מע קאָכט און מע באקט: לעקאָוועד שאבעס, לעקאָוועד כאסענע, פארן יאריד, בעייסן יאריד, פארן בריס, בעייסן בריס. ברייטלעך דערציילט אש:

„רעב שלוימע נאָגיד האָט ליב געהאט גוט און פיל צו עסן. האָט מען צוערשט דערלאנגט די גרויסע קארפּנקעפּ אפן טיש; די ברייטע שטיקער פיש מיט דער געגליווערטער פיש-יויך, דעם גוטן טרונק בראנפן נאָך די פיש און דאָס ביסל גוטע לעבערלעך דורכגעהאקט מיט ציבעלעס און מיט גריוון און דורכגעמישט מיט געגנדזנשמאלץ און מיט פעפער באשיט, אז עס שמעקט פונדערווײַטנס· נאָך די ציבעלעס מאכט מען א האפסאָקע. געשיקט דערווײַל נאָכן טשאָלנט״.

יעכעסקל גאָמבינער איז נאָך געווען א פּראָסטער כײַ-וועקאיעם. בא דער גאנצער אידעאליזירנדיקער טענדענץ פון „שטעטל״, האָט ער נאָך אײַנגעהיט אסאך קרויוועשאפט מיטן זשאָכלינער, געווען א דורכויס רעאלע געשטאלט. ער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט איבעריקער בילדונג אָדער סייכל, האָט ער געשריבן מיט דער קרייד אף טישן, בענק און שענק, האָט ער זיך מעיאשעוו געווען דאָ מיטן שוטעף, דאָ מיט די קינדער און זײַן „מענטש״. שלוימע נאָגיד גייט אָבער שטענדיק ארום אף שטאָלצן. ער איז שוין באלד קיין מענטש ניט. און אזא העלד פון העלדן-לאנד מוז האָבן אן אנטשפּרעכנדיקן ייִכעס. יענע יאָרן קויפט זיך אײַן אש אין ייִכעס, און ס׳פּאסט אים שוין ניט מאשמאָעס דער ייִכעס פון יעכעסקל גאָמבינער, פון וועלכן ס׳שמעקט נאָך אלץ מיט קוילערגעסל. און אש פאבריצירט צו פאר שלוימע נאָגידן א ייִכעס-בריוו אזש ביז דאָוויד האמײלעך. איז א ביסל מאָדנע, וואָס דער אריסטאָקראטישער שלוימע נאָגיד דארף זיך נאָך אלץ מעשאדעך זײַן מיט די ייִכעסדיקע גרויסגליקס, ביפראט ווען די גרויסגליקס (דאָס ווייסן מיר פון אשס דראמע „ייִכעס״) זײַנען זיך מעשאדעך ניט מיט אייניקלעך פון דעם „נוידע ביהודאָ״, נאָר מיט די קינדער פון דאָוויד גאָרקעכער. ווײַ, אשס גיט פּאָרזיכטיקע און טאָמיד צעטראָגענע פּען פּאראט ניטווילנדיק אסאך סוידעס פון דעם שרײַבערס לאבאראטאָריע.

קוילערגעסלדיקע איז אָבער א באשטאנדטייל אויך פון די גאָמבינערס און די שלוימע נאָגידס, עמעס, אין אסאך א קלענערער פּראָפּאָרציע.

די גרונטסטירע פון אשס שאפן — די גלייכצייטיקע אָריענטאציע אי אפן ענערגישן אופגעקומענעם, אי אפן אָפּגייענדיקן פאטריארכאלישן שיכט, — איז אלזאָ געגעבן שוין אין אשס ערשטע ווערק, אפילע אין די געשטאלטן פון א זשאָכלינער אָדער גאָמבינער. די אָריענטאציע אפן אופגעקומענעם שפּייַזט דעם רעאליסטישן נוסעך פון אשס שאפן, די אָריענטאציע אפן פאטריארכאלן שיכט שפּייַזט אשס עלעגישע ראָמאנטיק.ביידע נוסכאָעס זייַנען פאקטיש צוזאמענגעשמאָלצן, אמאלגאמירט שוין אין „שטעטל״.

אפן פּאָן פון די ווייניק-דיפערענצירטע שטעטל-פארהעלטענישן איז דידאָזיקע גרונט-סטירע פון אשס שאפן נאָך ווייניק קאָנטיק. די ייִכעסדיקע פאטריארכאלע שיכט גייט אָפּ לאנגזאַם, פארהיטנדיק איר אָנזען און כשיוועס אפילע בא די פערדיונגען, וואָס לאכן הינטער אירע פּלייצעס. פארהעלטניסמעסיק לייַכט און מיט א געוויסער קינסטלערישער ווארשיינלעכקייַט געלינגט אשן אייַנהאלטן דעם שאָלעם-בייַעס פון ביידע שיכטן און אפילע אמאלגאמירן זיי אין איין געשטאלט. בלויז אריבערטראָגנדיק די אקציע אין דער פארגאנגענהייַט, דער מער אָדער ווייניקער ווייַטער, געלינגט אשן, עמעס מיט א היפשער אָגשטרענגונג, צו געבן אידיליעס. אויג אף אויג מיט דער קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקייַט פארשארפט זיך די גרונדסטירע פון אשס אידעאָלאָגיע, און דער אידילישער שטעטל-דיכטער וועט געבן בילדער פון כורבן, אויסזיכטלאָזיקייַט — דאָס מעשוגע ווערן פון א לעדערער, דער מאָרד פון א סטאון, דער אונטערגאנג פון אן אָגקל מאָזעס, די אונמענטשלעכע ליידן פון די פּראָלעטאריזירטע באלעבאטישע ייִדן אין אמעריקע.

דאן שפּאלט זיך אָבער ענדגילטיק אשס עקלעקטישע קונסט, און עס בלייַבט אים בלויז מיט א מאבל שונד פארשיטן דעם טהאָם, איבער וועלכן דער מאָדערנער קאפּיטאליזם האָט פארברענט אלע בריקן.

4

„שלוימע נאָגיד״ איז א צווייטע, „אויסגעבעסערטע און קאָריגירטע״ אופלאגע פון „שטעטל״. שלוימע נאָגיד איז א וואריאציע פון יעכעסקל גאָמבינער. די „שטוב״ איז דיזעלביקע. אפילע דער שמייַסער איז דערזעלביקער — סכילעס הייסט ער אפילע זאָרעך, אָבער שוין אין פערטן קאפּיטל פארגעסט זיך אש און גיט אים צוריק דעם נאָמען נאָטע, ווי אין „שטעטל״. עס כאזערן זיך אפילע איבער גאנצע סצענקעס, אשטייגער דאָס בילדל פון די קונצנמאכער, וואָס פירן מיט זיך די שיינע האלב-נאקעטע מיידל, די טענצערקע אין דער רייף — א סצענקע, וואָס ווערט שפּעטער ברייט פאנאנדערגעוויקלט אין „מאָטקע גאנעוו״.

הערן, ווי דער קאָל-האַטוירע קלינגט אָנ! אין זײַן שטוב, האָט זיך דער אַלטער ייִד ווי א קינד צעוויינט פאר סימכע״ („קוילערגעסל״).

„אן איידעם האָט רעב שלוימע גענומען פאר זײַן עלטסטער טאָכטער א לאמדן און א כאָסיד. געוואָלט צוריק אופזוכן אויר-האַטוירע, וואָס איז אמאָל געווען אין דער מישפּאָכע, האָט ער זיך גענומען אן אָרעמן באָכער, כאָטש ניט פון קיין שיינער מישפּאָכע, נאָר אן אילוי...״ („שלוימע נאָגיד״).

„דעם כאָסנס קאָל קלינגט ווי א גלעקל און שיט מיט טוירע, שפּארט אלע איבער. רעב יעכעסקל האָט נאכעס: זײַן איידעם וועט עס זײַן, הינטער זײַן דאך וועט זיך הערן דאָס קאָל האַטוירע... און דער אַלטער ייִד וויינט מיט הייסע טרערן פאר גדולע...״ („שטעטל״).

בא אלע דרײַ איז דאָס וויכטיקסטע מיצווע — דאָס מאכניס אָרכים זײַן. בא אלע דרײַ ווערט זייער „שטוב״ געמאָלט קימאט אין דיזעלביקע ווערטער און בילדער: „דאָס הויז האָט-זיך געבאָדן אין שעפע: קי, אָקסן, פערד, ציגן, שעפסן, גענדז און יונגען מיט שקאָצים. בא רעב ייִסראָעלן איז אלץ געשטאנען אָפן״. („קוילערגעסל״). „אין הויף זײַנען קערנער האָבער פארוואָרפן, דער הויף איז אין שעפע אײַנגעטונקט״ („שטעטל״). „דאָס גאנצע הויז האָט זיך געטונקט אין גאָטס בראָכע, וואָס איז געלעגן דערויף, געטונקט זיך אין שעפע״ („שלוימע נאָגיד״).

עס באקומט זיך א מין לייטער: ייִסראָעל זשאָכלינער, עטוואָס העכער שטייט יעכעסקל גאָמבינער, נאָך העכער — שלוימע נאָגיד. וואָס העכער אפן סאָציאלן לייטער, אלץ מער ווערט אָפּגעווישט די נעכטיקע קוילערגעסל-פאר-גאנגענהײַט, אלץ מער דאָקומענטירט אש דעם ייִכעס, די באלעבאטישקײַט פון דער פיגור. אָבער טאקע דערפאר דארף מען ניט פארלירן פון אויג, אז יעדע פון דידאָזיקע געשטאלטן איז אין א פארשיידענער פּראָפּאָרציע אן אמאלגאמע פון קוילערגעסל און בעסמעדרעש-געסל, פון אופגעקומענער און אלט-אײַנגע-זעסענער האנדל-בורזשואזיע. דער שידעך פון די יאָרדישע גאָלדמאנס און די האָפּערדיקע מאטיסעס איז פאקטיש געשלאָסן שוין אין די געשטאלטן פון זשאָכלינער, גאָמבינער, שלוימע נאָגיד. נאָר דײַטלעך איז עס בא זשאָכלינער, וווביידע עלעמענטן זײַנען קימאט גלײַך אף גלײַך פארטיילט. רעב ייִסראָעל, וואָס הייסט אויסדרייען צוויי פעסער שפּירט באם כאָסיד, דעם פּראָפּינאטאר, רעב ייִסראָעל, וואָס טיילט פּעטש דעם גרעסטן שטארקסטן ווילן יונג, און איז מיט די „לאָבוסעס״ א גוטער ברודער, רעב ייִסראָעל, וואָס יאָגט זיך ארום נאָך אן יאָקס — דאָס איז איין סאָרט סטיל, דער סטיל פון די מאטיסעס און מאָטעס. רעב ייִסראָעל, וואָס טוט אָן פּרײַטיקצונאכטס די שאבעסדיקע קאפּאָטע און ווארט אף אָרכים — איז שוין א צווייטער סטיל, דער סטיל, פון אײַנגע-פונדעוועטע, ייִכעסדיקע באלעבאטים, דער סטיל פון די שלוימע נאָגידס. דאָס

שיכטן פון קוילערגעסל ארײַנגעצויגן אין די ארבעטער-אָרגאניזאַציעס, אפילע נעכטיקע שלעגער פון ארבעטער; א טייל האָבן אפילע ארײַנגעשריבן הערלעכע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. א יונג פון קוילערגעסל, א נעכטיקער „לאָבוז", איז צ. ב. געווען הירשקע לעקערט.

און דאָ איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אז אויך זײַנע אידעאַליזירטע פאטרי-ארכאלע סאָכרים שרײַבט צו אש שטריכן פון דעם קוילערגעסל. וואָרעם ייִסראָעל זשאָכלינער, „דער עלטסטער און מעכובעדסטער פון אלע אײַנוווינער אין קוילערגעסל", איז דער פּראָטאָטיפּ פון יעכעסקעל גאָמבינער און שלוימע נאָגיד. יעכעסקל גאָמבינער איז געווען אַן אופגעקומענער, ניט געשטאַמט פון א ייִכעסדיקער מישפּאָכע. ער האָט, ווײַזט אויס, קליין אָנגעהויבן און פּאַמעלעך זיך דערשלאָגן צו א פאַרמעגן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אָנהייב פּאָעמע געהערט ער נאָך צו די האָרעפּאַשנע „באַלעבאַטים". ער איז א קנאַפּער לאַמדן, און ווי בא אלע אופגעקומענע פונעם קוילערגעסל, איז אויך פאַר אים כאַראַק-טעריסטיש די שטרעבונג זיך אײַנצוקויפן אין ייִכעס, נעמען א וווילער-לערנער פאַר אַן איידעם, דער דערעכערעך פאַרן רעבן און פאַר די כסידים. אויך ער גייט אָפּ שעמעוודיק פון זײַנע נעכטיקע כאַווײרים. ווען שלוימע נאָגיד פאַר-זיכערט אש, אז ער האָט געשטאַמט פון ראַבאָנים, און זײַן ייִכעס האָט זיך געצויגן ביזן „נוידע ביהודאָ" און אפילע נאָך ווײַטער — אזש ביז דאָוויד האַמײלעך. דאָס ענדערט אָבער גאָרניט. דער ייִכעס-בריוו איז א געפעלשטער, אויך שלוימע נאָגיד שטאַמט פון קוילערגעסל, אויך זײַן פּראָטאָטיפּ איז דער זשאָכלינער.

„אז רעב ייִסראָעל זשאָכלינער פלעגט זיך א צוויי שאָ ארומיאָגן נאָך אַן אָקס, וועלכער האָט זיך פון שטריק אָפּגעריסן, און פלעגט אים צום סאָף בא די הערנער אָנכאַפּן, אזוי אז דער אָקס האָט זײַן שווערן אקן געבויגן פאַר אים, פלעגט ער קרעכצען מיט א געלעכטערל"...

„שלוימע נאָגיד האָט ווידער מיט שטאָלץ דערציילט, ווי ער האָט אין דער יוגנט א קעלבל געטראָגן אף די פּלייצעס. אויך ער כאַוועדט זיך „מיט די פישערס און קאַצאָווים, מיט פּראָסטע ייִדן", און פאָרט צום ווײַבערשן רעבן, דעם רעבן פון דער כעוורע פייען. אלע דרײַ — דער זשאָכלינער, דער גאָמבינער און שלוימע נאָגיד — זײַנען ניט קיין לאָמדים, בא אלע דרײַ איז דער זײַל פון רעליגיִעזן לימעד — קוים דאָס טילימל. אלע דרײַ טוען טשוווע, זוכן זיך אויס לערנערס פאַר איידימס:

„אז בא ר' ייִסראָעלן איז אופגעוואַקסן געוואָרן א טאָכטער, איז ער ארונטערגעגאַנגען צום ראָוו: רעבע, קלײַבט מיר אויס אַן איידעם פאַר מײַן קינד פון אײַערע באָכערים. גענומען דעם איידעם, אוועקגעזעצט אין זײַן הויז אף קאָל יאָמאָוו: נא דיר דײַן עסן, דײַן טרינקען, דײַן שאַבעס-בעגעד און דײַן טאַשן-געלט, און דו לערן מיר אין דער הייליקער טוירע... אז ער פלעגט

נאָגיד״. קוילערגעסל זײַנען די פערדיונגען, די קאַמיזעס און די שלוימע מאַלעכס, אָבער אויך די מאָטעס, די זוווּלון־מייערס און די מאַטיסעס. קוילערגעסל דערלאַנגט מיט איין פּאַליוס צום סאָציאַלן דעק — פון דאַנען גייען ארויס די שאַבשאָוויטשעס און די מאָטקע גאַנעווס, — מיטן צווייטן פּאָליוס דערלאַנגט אָבער דאָס קוילערגעסל צו דער שטעטלדיקער אַריסטאָקראַטיע — צו די יעכעסקל גאָמבינערס און די שלוימע נאָגידס...

אין „שטעטל״ האָבן מיר געזען דרײַ סאָציאַלע שיכטן: באַלעגאָלעס (ד. ה. קוילערגעסל), באַלעבאַטים (ד. ה. באַלמעלאָכעס און אָרעמשאַפט) און כסידים־נעגידים — ד. ה. פאַרמעגלעכע מיטעלע סאָכרים. אין אַשס אַנדערע ווערק ווערט קוילערגעסל שוין אַ סינאָנים פון אַלע האָרעפּאַשנע עלעמענטן אין שטעטל, און דאָס שטעטל ווערט צעשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן: קוילערגעסל און בעסמעדרעשגעסל. „באַלעבאַטים״ באַטײַטן שוין איצט ניט באַלמעלאָכעס, נאָר סאָכרים. בעסמעדרעשגעסל זײַנען איצט די באַלעבאַטים, די „אויסגעוויקטע ייִדן״, „מוישע ראַביינוס גוואַרדיע״. צווישן ביידע לאַגערן הערשט אַן אַנטאַגאָניזם: קוילערגעסל פאַרמאָגט פיזישע גוווּרע, אָבער ווייניק אינטעלעקט און קולטור, און פאַראַנדירט קעגן די ייִכעסדיקע און יאָרדישע אויסגעוויקטע ייִדן. אין טאָך אָבער איז דאָס קוילערגעסל אין אַשס שילדערונג ניכנע, אונטערגעוואָרפן דעם שולגעסל, זעט דאָרט זײַן לעבנסאידעאַל. דאָס שולגעסל האַלט ווידער ניט פון די „לאַבצעס״, „די ווילדע ברוים״, און זייער עצעם פיזישע גווורע רופט ניט ארויס קיין דערעכערעך בא די באַלעבאַטישע פײַנע לײַט. דער דערעכערעך קומט ערשט מיטן קאַפּיטאַליסטישן וווּקס פונעם יונג פון קוילערגעסל, מיטן וווּקס פון זײַן פאַרמעגן לויערט אַף אים, דערנענטערט זיך צו אים די באַלעבאַטישע וועלט און שלעפּט אים לײַכט אריבער.

ערשט די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם צעמאָלט און דיפערענצירט דידאָזיקע קליינבירגערלעכע שיכט, וואָס הייבט דאַן אָן אויסטיילן סײַ פּראָלעטאַרישע קאַדרען, סײַ באַלעגופישע בורזשואַזיע. מיטן קוילערגעסל האָט זיך באַגעגנט אויך די אויפגייענדיקע יונגע באַוועגונג פון ייִדישע אַרבעטער. זי האָט זיך געמוזט באַגעגענען, אַף וויפל די שנײַדער, שוסטער, גאַרבער, בערשטער — דער הויפּטקאָנטיגענט פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט יענע צײַטן — זײַנען געווען נאָענטע שכיינים מיטן קוילערגעסל, און אַף וויפל ס׳האָבן, פון דער צווייטער זײַט, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָצעסן דיפערענצירט דאָס קוילערגעסל, פּראָלעטאַריזירט זײַן גרעסטע מאַסע און דערנעענטערט אים צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. וועגן דעם דערציילט סײַ די ייִדישע ליטעראַטור, סײַ די דאָקומענטן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָס קוילערגעסל, „די לאָבוזעס״, האָבן די אַרבעטער־באַוועגונג באַגעגנט צוערשט פײַנטלעך, זײַנען געווען אַ געווער פון באַלעבאַטישן טעראָר (דאָס שילדערט צ. ב. ווײַסענבערגס „שטעטל״). שפּעטער אָבער האָבן זיך גרויסע

טענישן א רײַכער מאן. א 25-ער שפּילט שוין בא אים קיין ראָלע ניט. דערפאר ווערט טאקע אופמערקזאם אף אים דער מעיוכעסדיקער יוירעד יאנקעוו גאָלדמאן. מאָטעס פירט אריבער צו זיך זײַן באלעבאטיש ווײַבל; זײַלון-מייערס קוזינע שטייט סאָציאַל קוים עטוואָס העכער פון אים. מאָטיס קומט ארײַן געבויגן, האכנאָעדיק אין דער פרעמדער באלעבאטישער שטוב. דערפאר פארנעמט שוין אין דער „יאטישער טאָכטער" א גרויסן פלאץ די שילדערונג פון באלעבאטישן שטייגער, וואָס האָט קימאט אינגאנצן געפעלט אין די פריערדיקע צוויי נאָוועלן. עס הייבט שוין אָן צו אָטעמען זאט, פעט פון מאטיסן די באלעגופישע עקספּלאָאטאטאָרישקײַט. אויך זי האָט געפעלט באם האָרעפאשנעם מאָטען, באם יינגל זוולון-מייער.

———

מען אידענטיפיצירט אָפט די סאָציאַלע באזע פון אשס שאפן מיטן קוילערגעסל. דאָס איז ניט ריכטיק. אשס סאָציאַלע באזע איז אסאך ברייטער און כאפט ארום דעם גאנצן יידישן מיטעלן האנדל-קלאס. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער געוואלטיקער וווּקס פון אשס קונסט אין דער ברייט (אָבער ניט אין דער טיף). אף דער שמאָלער באזע פון קוילערגעסל וואָלט אזא וווּקס אומעגלעך געוועזן.

א פאקט איז אָבער אויך, אז גאָר אָפט ווענדעט זיך אש צום קוילערյונג מיט ליבע און האָפענונג, אז גאָר אָפט איז צו אָט דעם טיפּאוש צוגעשמידט זײַן אופמערקזאמקײַט. די מאטיסעס זײַנען די לעצטע האָפענונג פון די יאָרדישע גאָלדמאנס; די מאטיסעס זײַנען אָבער אין אסאך פאלן אויך אשס לעצטע האָפענונג. די יאָרדישע פאנטאזיע מאָלט גראָד מיט ליבע דעם מענטשן מיט שטארקע עלנבויגנס, וואָס איז פול ענערגיע און מונטערקײַט, און איז פארינטערעסירט צו דערווײַזן, אז עס איז ניטאָ קיין שום געפאר פאר די גאָלדמאנס מיצאַד די מאטיסעס, איז פארינטערעסירט צו פארשמירן די סטירע צווישן ביידע שיכטן. וואָרעם דער יונג כון קוילערגעסל אינטערעסירט אשן בלויז דאן, ווען ער באווײַזט פייקײַטן זיך ארופצוארבעטן, זיך אָפּצורײַסן פון זײַן האָרעפאשנעם שטאם און פארדינען די קאָמפּלימענטן פון די גאָלדמאנס:

„אונדזער מאטיס וועט זיך אויסארבעטן! ניט אזוי שלעכט ווי געמיינט, — זאָגט רעב יאנקעוו צום עלטערן זון מאָטעלע. — ער האָט אָפּטמאָל גאנץ גוטע אײַנפאלן — העלפט דער זון דעם פאָטער צו".

בא דער גאנצער פּאָרמלאָזיקײַט, ניטדיפערענצירטקײַט פונעם קוילערגעסל, איז עס אין גרונט האָרעפאשנער קליינבירגערטום. קוילערגעסל איז די כעוורע דרײַ פייען (פישער, פליישער, פורמאנעס). קוילערגעסל זײַנען אויך טרעגער און וואסערפירער. קוילערגעסל זײַנען די קאצאָווים אין „שטעטל", וואָס לייזן אויס פון גאָישע הענט די נאקעטע יידן, וואָס אנטלויפן אין בעהאָלע פון טײַך. קוילערגעסל זײַנען די פישערס, וואָס שלאָגן זיך אפן יאריד אין „שלוימע

אין בעסמעדרעש-געסל. אין דערדאָזיקער פרײַקער נאָוועלע האָט אָבער מאָטע כאַסענע מיט דער „יאַטישער טאָכטער" דורך א צופאַל, קימאַט אָן זײַן האַסקאָמע:

„און זיצנדיק אף דער נאַכט נאָך דער כופּע, אויבנאָן, אָנגעטאָן אין א שייַנער קאַפּאָטע, קוקט זיך מאָטע אַרום און לאַכט אין זיך: ווי הייסט דאָס, ווי קום איך אהער? בין איך טאַקע מאָטע, אָדער איך, מאָטע, בין גאָר אן אנדערער?..."

ער ווערט אָבער גלײַך אן אנדערער: „מאָטע האָט שוין אוועקגעוואָרפן אַלע שטוסים, ער מישט זיך שוין ניט אַרײַן אין די כעוורע ווילע יונגען, עס גייען אים די נאַרעשקײַטן ניט אָן".

אין יאָר 1901 באַהאַנדלט נאָך אַש דעמדאָזיקן מאָטיוו הומאָריסטיש, לאַכט אָפּ פון דעם אַמעראַצישן סיידער-פּראַוון. א צווייטער עטאַפּ ווערט זײַן די נאָוועלע „אהיים" (1902), וואָס א"ז אויך געווידמעט דעם אופשטײַג פון א באַלעגוף. דער עצעם אופשטײַג איז אָבער נאָך א לאַנגזאַמער, זוווּלון-מייער איז נאָך ווײַט פון א גוויר, זײַן פאַרמעגן באַטרעפט מינאַסטאַם נאָך אפילע קיין הונדערטער ניט. און כאַסענע האָט ער מיט זײַן גראַד, א באַלעבאַטיש מיידל, דאָך א קרויווע, דעם פעטערס טאָכטער. אויך ער רוקט זיך שוין אָבער אָפּ האַסטיק פון זײַנע נעכטיקע כאַווײרים:

„וואָס מאַכסטו, גוטער ברודער? — זאָגט צו אים לייב פשאָרעק, אויסשטרעקנדיק א באַשמוצטע האַנט.

„איי, גאָרניט, — האָט זוווּלון-מייער געענטפערט, רויט ווערנדיק, און איז ווײַטער געגאַנגען".

פון ביידע נאָוועלן וואַקסט אויס דער אַסאַך ברייטערער לײַוונט פון דער „יאַטישער טאָכטער". דאָ כאַזערן זיך איבער, פלעכטן זיך צענויף די מאָטיוון פון ביידע נאָוועלן — דער אופשטײַג פון קוילעריונג און זײַן טשוווע טאָן, מערניט אף אַסאַך א העכערער מאַדרייגע. די ביאָגראַפיע פון מאַטיס, אפילע זײַן פאַרנאָסע איז דיזעלביקע, וואָס מאָטעס, זוווּלון-מייערס. דאָ כאַזערן זיך איבער אפילע דיזעלביקע זשאַנער-סצענעס:

„וואָס דען? דאָ בא אונדזן ווערן קינדער לײַט? ענטפערט אָפּ א ייִדענע. גאַנאָווים ציט מען אוף, און ווײַטער גאָרניט". („אהיים").

„וואָס דען? אונדזערע קינדער ווערן לײַט? מישטיינס געזאָגט! — קרעכצט איין ייִדענע צו דער צווייטער, שטייענדיק פאַר דער טיר און נאָכקוקנדיק דעם שווער מיטן איידעם". („די יאַטישע טאָכטער").

פאַראַן דאָך אן אונטערשייד — אין דער מאַדרייגע, צו וואָס עס דערלאַנגט דער באַלעגוף. מאַטיס האָט שוין ווײַט אוועקגעשפּרײַזט פון זוווּלון-מייערן, וואָס קען דאָך זײַן אפילע דער אָביעקט פון א רייזינישער נאָוועלע (פאַרגל. צ. ב. רייזענס „דער נאָגיד"). מאַטיס איז שוין פאַר די שטעטלדיקע פאַרהעל-

פּאָגראָמען, מיט וועלכע דער צאריזם איז אנטקעגנגעגאנגען דער שאַריענדיקער רעוואָליוציע.

ערשט אף דערדאָזיקער סאָציאַל-פּאָליטישער באזע ווערט פארשטענדלעך סײַ דער זיגזאג-וועג פון אשם קונסט, סײַ איר ביטאָכן- און טרייסט-כאראקטער. „שטעטל", „שלוימע נאָגיד" זײַנען העלדנגעזאנגען פון יענער צײַט, ווען דער סויכער איז לויט אשן געווען די צענטראלע פיגור פון דער געזעלשאפט. „ווער איז דאָס, וואָס פּאָרט פארבײַ? פאר וועמען נויגן זיך עס די בוימער אין וואלד, די זאנגען אין פעלד? עס איז דער סויכער רעב שלוימע נאָגיד, וואָס פאָרט אף שאבעס אהיים. פאר אים שרעקן זיך עס די ביימער אין וואלד און די זאנגען אין פעלד. אָפּגעקויפט האָט ער זיי, די שטאר-מעכירעס אין זײַן בוזעם-טאש. פאר אים וואקסט דער וואלד, רייפט די זאנג. ער וועט זיי לאָזן וואקסן, ווי לאנג ער וועט וועלן, שנײַדן לאָזן, ווען ער וועט וועלן". גוטע צײַטן זײַנען דאן געווען: „עס זײַנען נאָך געווען יענע צײַטן, ווען די יאָרמערק זײַנען פול געווען מיט פויערים און פורן; געשעפטן האָבן זיך אין די גאסן געוואלגערט; דער פּאָריצל האָט ניט געוווּסט פון דער שטאָט און גערארפט האָבן דעם ייִדן" (שלוימע נאָגיד). דאָס אלץ רעדט א ביז גאָר דײַטלעכן לאָשן. די בענקשאפט צו אמאָליקע גוטע צײַטן, אשם ראָמאנטיק, וואקסט פון הײַנטיקע שלעכטע געשעפטן. זי מישט זיך אָבער אויס מיטן געפיל, אז אזוי איז געווען, און אזוי וועט שוין מער ניט זײַן. און דאן באקומט אשם ראָמאנטיק אן עלעגישן טאָן:

„ליבע זומערדיקע פארנאכטן אין שול-געסל! ווער עס האָט אײַך געהאט, ווער עס האָט אײַך פארלאָרן"...

דערפאר איז טאקע די פּאָעמע אײַנגעפאסט אין אן עלעגישן פּראָלאָג און עפּילאָג מיט א וואנדערער (אייגנטלעך אויסוואנדערער) געשטאלט.

———

עס לוינט נאָכצופאָרשן די אנטוויקלונג פון א גרונטמאָטיוו אין אשם שטעטלדיקע זאכן: די שילדערונג פון דעם אופקום און וווּקס פון א באלעגוף. צוערשט באהאנדלט נאָך ניט אש ערנסט דעם באלעגוף, טראקטירט אים נאָך הומאָריסטיש. שוין אין יאָר 1901 דרוקט ער „די ערשטע סיידער-נאכט", און צום ערשטן מאָל דערשײַנט פאר אונדז דער מאָטיוו פון פערד-יונג, וואָס איז אוילע ליגדולע:

„אלע האָבן מוירע געהאט פאר מאָטען, אפילע דער דאָזאָר מיטן גאנצן קלייקוידעש, און ווען מאָטע שטייט בא דער טיר אין שול און זעט דעם דאָזאָר, גיט ער א ווונק מיט די אויגן, מאכט ער מיטן מויל „פּסס", ווי ער וואָלט זאָגן: קוקט נאָר אָן דעם, איר זאָלט מיר לעבן".

דאָ האָט איר שוין איין זײַט, איין פּאָנים פונעם שפּעטערדיקן קוילערגעסל. גלײַך אנטפּלעקט אָבער דאָס קוילערגעסל זײַן צווייטן פּאָנים, גייט טשוווע טאָן

די שיכטן, וואָס רייַסן זיך פון געטאָ, האָבן נאָך ניט נייַע אויסדרוק-מיטלען פאר זייער געענדערטן וועלט-באנעמען, און ס'באקומט זיך נייַער אינהאלט אין אַלטע לאָגלען. פרעכטיקע מוסטערן פאר אזעלכע פּראָצעסן ליפערט אין אונדזער צייַט אָרלאנדס „הרעבליעס". ווען בא אשן דאווענען אָבער בוימער מינכע, און וואָלקנס שאָקלען צו ערנסט-פרום, איז עס א דורכויס קעגנזעצלעכער פּראָצעס: א רוף צוריק אין שול אריַין, אין בעסמעדרעש-געסל, פון 1904 און ערעוו רעוואָלוציע צוריק אין מיטלאלטער. אזוי ארום, פארמאָגן מענדעלעס און אשס פייזאזש-שילדערונגען בלויז אן איבערפלעכלעכע ענלעכקייַט. און ניט אומזיסט האָט מענדעלע גאליק אויסגעלאכט אשס ביטאָכן: „ביטאָכן, ביטאָכן, סענדערל! ביטאָכן איז א יידישע זאך. מיט ביטאָכן איז יאנקעוו אָווינו מיט זייַן שטעקל דעם יארדן אריבערגעגאנגען. מיט ביטאָכן, זעסטו, עפּענען דאָ יידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבן" (מאסאָעס ביניאָמין האשלישי).

בעפּיירעש, מענדעלע האָט פאַרויסגעזען אשס גרויסן ביטאָכן-געוועלב מיט די פוסטע פּאָליצעס...

## 3

„שטעטל" איז דאָס ווערק פון אן אידעאָלאָג פון דער מיטלער האנדל-בורזשואזיע אין דעם פעריאָד פון איר ענדגילטיקער יערידע. שוין אין די ראמען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט ווערט דער האנדלקאפּיטאל אראָפּגעזעצט פון זייַן פריערדיקער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ און פונקציאָנירט איצט בלויז ווי די אגענטור פון אינדוסטריעלן קאפּיטאל. די געזעלשאפט-צושטאנדן, וואָס בילדן זיך אויס מיט דער אנטוויקלונג פון האנדל-קאפּיטאל, פארלירן אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט זייער באשטימענדיקן כאראקטער, פארקערט, ווו זיי דאָמינירן, הערשן פארעלטערטע פארהעלטענישן. דעם ענדגילטיקן טויטקלאפּ באקומט אָבער דער סאָכרישער קאפּיטאל אין דער אימפעריאליסטישער סטאדיע פון קאפּיטאליזם, אין דער עפּאָכע פון פינאנץ-קאפּיטאל, ד. ה. אף דער גרענעץ פון 19-טן און 20-טן יאָרהונדערט. דער גרויסער קריזיס באם אָנהייב פון 20-טן יאָרהונדערט האָט אין לעצטן סאכאקל ענדגילטיק פארפעסטיקט די גרויסע מאָנאָפּאָליעס און פארשקלאפט צו זיי די מיטעלע בורזשואזיע. דעמזעלביקן רויִנירונג און פארשקלאָפונג-פּראָצעס האָט דורכגעמאכט די מיטעלע בורזשואזיע אויך אין רוסלאנד. אף דער יידישער האנדלבורזשואזיע אין פוילן האָט דערצו נאָך שטארק געדריקט די אנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון צאריזם, די וואקסנדיקע קאָנקורענץ מיצאד דעם פוילישן סויכער, וואָס פארמאָגט איצט דערצו א פעסט צוזאמענגעשמידטע, קונציק מאגעווירנדיקע פארטיי (די נאציאָנאלע דעמאָקראטיע) און אָפּערירט מיט זאָאָלאָגישן אנטיסעמיטיזם. פארשטארקט די בעהאָלע האָבן ענדלעך די

קויפט. און יעכעסקל גאָמבינער קויפט זיך טאקע ביטאָכן, גיט קליינע אָפּפער צו זײַן גאָט, מאכט אים פאר זײַן דריטן שוטעף. און ווען ער זוכט א וויל־לערנער פאר זײַן טאָכטער, נוצט ער טאקע אזא מין ווענדונג: „מעכוטן רעב מאָרדכע, איך וויל פון אײַך אָפּקויפן אײַער באָכערל״.

אף דערדאָזיקער שוטפעס און אכדעס־באַזע צווישן נאטור־גאָט און די גאָמבינערס וואקסט אויס דער פּייזאזש פון שטעטל, וואָס איז א געטרייע אָפּ־שפּיגלונג „אויבן״ פון דעם, וואָס קומט פאָר אונטן. אין אשס פריערדיקע קליינביר־גערלעכע ווערק איז נאָך דאָ א ריס צווישן דעם שטעטלדיקן לעבן און דעם לעבן פון דער נאטור ארום: „ווען די זון שײַנט, די הימלען זײַנען ליכטיק, די ערד באוואקסן, גאָטס וועלט אופגעלעבט... דרייט זיך א ייִד אין גאס ארום אָן פּארנאָסע, אָן א טאכלעס: אינדערהיים א הונגעריק ווײַב און הונגעריקע קינדער, און דאָ פרייט זיך אלץ און לאכט״ („אין א שלעכטער צײַט״). דאָ האָט אש נאָך אויסגעדריקט אפן רייזינישן אויפן די פּסיכאָידעאָלאָגיע פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאפט, און די נאטור האָט ווי כויזעק געמאכט פון דעם קאפּצן. אין „שטעטל״ איז זי שוין א ווילִיקער קלעזמער צו די סימכעס פון די גאָמבינערס. ווען די כסידים פירן מיט טריומף זייער רעבן, ווערן אויך די וואָלקנס „כסידיש־נעגידיש״: „פון אלע עקן וועלט זײַנען אָנגעקומען צו שווי־מען העל־זילבערנע, נעגידיש־כסידישע וואָלקנדלעך״. און ווען די ייִדן דאווע־נען, איז „די גאנצע וועלט אין גאָט, גאָט אין דער גאנצער וועלט דאוונט״. יעכעסקל גאָמבינערס פערד ווייסן פון שאבעס. אָבער אויך דער טײַך האלט שאבעס: „שאבעס, דאָס וואסער פירט זיך ייִדישלעך, עס האלט מיט שאבאָסים און יאָנטויווים״. דער הימל לייענט קרישמע: „דער טונקלער, שטילער הימל האָט קרישמע געלייענט איבערן שטעטל״. אין כוידעש עלול „ברענט דער הימל אין איין זײַט אין א רויטהעלן, געהענעמדיקן פײַער: מע ברענט, מע בראָט דאָרט די רעשאָים... פון דער צווייטער זײַט ציט זיך א רויִקער פרומער, ערנסטער וואָלקן״. דער אפּאָגיי קומט ענדלעך אין דער פאָרם פון א טכינעדיקן פּייזאזש: „אלץ ארום, טאטע אין הימל, האָט מעקאיעם געווען דײַן שליכעס, געהאָרכט און געטאָן דאָס, וואָס דו האָסט זיי באפוילן פון שיישעס יעמיי ברײשיס אָן: דאָס גרעזעלע איז געוואקסן, געצוייגן זיך, ווײַל זײַן מיצווע איז צו וואקסן, די פייגעלעך האָבן זיך זייער נעסט געמאכט איבער די פענצטערלעך פון דער אלטער ווײַבערשער שול, און האָבן א גאנצן טאָג אין דײַן פרום בעסמעדרעש־געסל, פון וואנען עס טוט זיך הערן דער הייליקער קויל־טוירע, ארומגעשפּרונגען״...

ווען בא מענדעלען „פאלט א סאָראָקע טאכנון״ און איז אָנגעטאָן א ווײַס טאלעסל מיט פאסן טכיילעס, באטײַט עס, אז מענדעלעס פּייזאזש, וואָס זײַן טענדענץ איז א דורכויס וועלטלעכע און באשטייט אין פּראָטעסט קעגן בעס־מעדרעשגעסל, בלײַבט שטיין אפן האלבן וועג, ווײַל סיפעלט אים נאָך לאָשן.

פון דער גרופע „באלעבאטים״, ווו ס׳הויזן צוזאמען האָרעפּאשנע און סאָכרישע עלעמענטן, די עקאָנאָמישע וואָג פון דער נעגידישער שיכט—דעצידירן דעם אויסגאנג פון דעם קאמף. די כסידים זיגן: זיי נעמען אריין אין זייער האנט דעם דאָזאָר יעכעסקל גאָמבינער און זײַן „שטוב״ און פירן ארײַן אין שטעטל זייער רעבן, און צום זיג פארהעלפט זיי אש, פארגלעט פיבערדיק די שפורן פון קאָנפליקט און באזינגט דעם כסידישן טריומף, ווי די באזע פון שטעטלדיקן שאָלעם-בײַעס.

דערדאָזיקער קאמף צווישן קליינבירגערטום און דער מיטעלער האנדלבור-זשואזיע איז א טראדיציאָנעלע דערשײַנונג אין די ייִדישע קעהילעס אין מע-שעך פון הונדערטער יאָרן. צײַטנווײַז נעמט ער אָן ביז גאָר שארפע פאָר-מען — אזוי צ. ב. פאר דער צעפאלונג פון דער פוילישער מעלוכע, אין דער צווייטער העלפט פון 18-טן י״ה, אָדער ווײַט דער רעקרוטשינע אין ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן. ער בלײַבט ניט שטיל, ווי מיר זעען, אפילע אין אשס „שטעטל״, כאָטש אש אונטערדריקט אים מיט געוואלט. קעגן זײַן ווילן רײַסן זיך דורך בוילעט די נעגאטיווע, פינצטערע, עקלדיקע שטריכן פון די כסידים און פון זייער אָפּגאָט, — דעם רעבן. עס וואקסט די סימפּאטיע פון לייענער צום אָרעמען באאוולטן ראָוו. דער רעבע, איצכאָק יודלס און אנדערע כסידים זײַנען קימאט די איינציקע נעגאטיווע געשטאלטן אין דער פּאָעמע. דאָך טוט זער מעכאבער אלץ, וואָס איז נאָר פאראן אין זײַן רעשוס, ביכדיי זיי ריינצו-וואשן, אויך זיי „באהויכן מיט הייליקן שטויב״ און „אויסגיסן אף זיי דאָס ייִדיש כיינדל״: „די צוויי אלטע גרויע בערד האָבן געהערט, ווי ייִדן כסידים קריגן זיך איבער גאָטס טוירע. כסידים האלטן פאר ס׳זייערע, איינער פארן צווייטן, געהערן צו איין דאך, ייִדן האָבן עפּעס שוטפעס״. אזוי פארשמירט אש אויך דעמדאָזיקן קאָנפליקט, גייט שווײַגענדיק פארבײַ די אוולע פונעם ראָוו, און די אפּאָלאָגיע פון כסידעס דיקטירט די צוויי גרויסע בילדער פון דער פּאָעמע: דעם רעבנס טריומפאלן אָנקומען אין שטעטל, און דעם רעבנס קידעש.

ביפראט דאָס ערשטע בילד ווערט באהערשט פון דעם לייטמאָטיוו פון דער פּאָעמע: באזינגען דאָס „שוטפעס, וואָס אלע ייִדן האָבן״, דעם אכדעס-געפיל, וואָס פארבינדט אלע ייִדן, דעם שטעטלשן שאָלעם-בײַעס.

עס בלײַבט נאָך איין קאטעגאָריע קאָנפליקטן: נאטור-קאטאסטראָפעס, קאָנ-פליקטן צווישן נאטור און מענטש, דער טײַך, וואָס שלעפּט צו דאָס געהילץ, די סרייפע וואָס מאכט כאָרעוו די שטעטל. און אויך דאָ שײַנט העל די זון פון ביטאָכן: נאטור איז גאָט, און ווי נאָר יעכעסקל גאָמבינערס האהץ ווערט „רויק, מיט ביטאָכן אף גאָטס כעסעד״, האָט טאקע „גאָט געהאָלפן, דאָס אײַז האָט עפּעס ווי דורך א געהיימן באפעל די טראטוועס געמיטן״. אכדעס הערשט אויך צווישן גאָט-נאטור און די גאָמבינערס, און איר אויסדרוק איז ביטאָכן. ביטאָכן — זאָגט אָבער אש אין „קידעש האשעם״ — ווערט פארקויפט און גע-

עס בלײַבט, אזוי אַרום, איין קאָנפליקט-מאָטיוו אין דער פּאָעמע, און ער דריקט זיך אויס אין דער מאַכלויקעס צווישן „כסידים" און „באַלעבאַטים" אַרום דעם ראָוו און רעבן. די עצעם-מאַכלויקעס איז אײַנגעהילט אין רעלי-גיעזע פאָרמעס, ענלעך ווי דער נאָמען פון די קעמפנדיקע גרופּירונגען: „כסי-דים", באַלעבאַטים זאָגט נאָך גאָרניט. ניט גאָר לײַכט לאָזט זיך דעשיפרירן דער סאָציאַלער זינען פון די שטעטלדיקע קאַמפן, יענער פרימיטיווער קלאַסן-קאַמף, וואָס רײַסט זיך אַרויס דורך די רעליגיעזע שלייערן.

2

דרײַ גרופּירונגען לאָזט אונדז אַש זען אין זײַן „שטעטל": כסידים, באַלע-באַטים און „קוילערגעסל". דאָס קוילערגעסל איז אין דער פּאָעמע צום שוואַכסטן פאָרגעשטעלט. ס'איז יענער „באַלעגאָלישער" ניגון, וועגן וועלכן סירעדט זיך צום סאָף פון „שטעטל". זײַנע וויכטיקסטע פאָרשטייער זײַנען דאָ נאָטע, דעם גאָמבינערס פורמאַן, יענטע זײַן קאַלע. די „באַלעבאַטים" זײַנען באַלמעלאָכעס און אָרעמשאַפט. „די באַלעבאַטים, די אָנגעהאָרעוועטע ייִדן זײַנען איינציקווײַז אַנטרונען געוואָרן..." „אַרום באַלעבאַטים, פאַרמאַטערטע פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט..." „כסידיש" באַקומט אין דער פּאָעמע דעם שטאַנדהאַפטיקן עפּיטעט „נעגידיש", — פעסטע גרעסערע סאָכרים, מיטעלע, אײַנגעפונדעוועטע האַנדלבורזשואַזיע. עס ענדערט גאָרניט דער פאַקט, וואָס ס'וועלן גלײַכצײַטיק געוויזן כסידישע אָרעמע קלייקוידעש, אַשטייגער דער מעלאַמעד איצכאָק יודלס.

באַלמעלאָכעס און סטאַם האָרעפּאַשניקעס געהערן אין זייער אָרעמערן אָדער ייִנגערן טייל צום קוילערגעסל, אין מער געזעצטן טייל — צו די „באַלע-באַטים". באַלעבאַטים שפּאַרן אַרײַן אין דער כסידיש-נעגידישער גרופּע. יעכעסקל גאָמבינער גופּע און זײַן שוטעף כאַיִם ראָזענקראַנץ האָבן אָנגעהערט צו די באַלעבאַטים, איצט גייען זיי אַריבער אין „כסידישן" לאַגער. דאָס סיגנאַ-ליזירט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אופגעקומענע נעגידים; אַלפּי טראַדיציע האָבן זיי נאָך געשטעקט אין באַלעבאַטישן לאַגער, זייער עקאָנאָמישער וווּקס האָט זיי אַריבערגערוקט צו די כסידים. דאָס שטימט מיטן פאַקט, אַז אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן י"ה גיט אין פוילן דעם טאָן אין דער כסידישער באַוועגונג די רײַכע האַנדלבורזשואַזיע, אין קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער, קלײנבירגערלעכער טקופע פון כסידעס.

דער קאַמף צווישן „באַלעבאַטים" און „כסידים" האָט אַלזאָ אַ סאָציאַלן אונטערשלאַק. ס'איז קאַמף צווישן האָרעפּאַשנעם קלײנבירגערטום און אָרעמ-שאַפט פון איין זײַט — קעגן דער מיטעלער האַנדלבורזשואַזיע. זײַן אויסערלע-כער אויסדרוק איז דער קאַמף פאַר און קעגן דעם ראָוו, דעם שנײַדעריונג. די שוואַכע קלאַסנדיפערענצירונג אין שטעטל, דער מעטושטעשדיקער פאַרצעף

סטראַציעס פון הונגעריקע ארבעטער ציען זיך איבער די גאסן, די שטרײַק־כוואליעס שטײַגן אלץ העכער — און אש בויט זײַן פּאָעמע אין פלאַן פון אן אכדעס־סימפאָניע: „יעדער האָט געגעבן זײַן טאָן און ניגון, די כסידישע פידל, די באלעבאטישע טראָמייט, די באַלעגאָלישע בעמבע, און עס איז איין ניגן געוואָרן פון איין שטעטל".

און דאָס איז טאקע די הויפּטאויפגאבע, די גרונט־טענדענץ פון אשס „שטעטל": ווײַזן, ווי ס'איז „איין ניגן געוואָרן פון שטעטל". דער מעכאבער קאָן ניט פארבײַגיין יענע סטירעס און קעגנזאצן, וואָס פאלן אוף, ווארפן זיך אין די אויגן אפילע אין זײַן שאבעס־יאָנטעווודיק פארפוצטער שילדערונג. אויך ער פארצייכנט דרײַ פארשיידענע מעלאָדיעס — און שטרעבט צו באווײַזן זייער הארמאָנישן צענויפגיסן זיך אין איין טאָן, אין איין ניגן. די שטעטל־סימפאָניע איז טאקע אזוי געבויט, זי זאָל די גרעססע שפאנונג, איר אפּאָגיי דערלאנגען אין לעצטן קאפּיטל. ער הייסט „דרײַ כופּעס", און שילדערט, ווי ס'גיסן זיך צענויף אין איין שאלנדיקן אפּאָטעאָז דרײַ סימכעס: די כסידיש־נעגידישע כא־סענע בא יעכעסקל גאָמבינער, די אָרעמע כימכע פונעם קוילערגעסל און דער באלעבאטיש־פרומער צוג מיט דער ניי־געשריבענער סייפער־מוירע. „עס האָט זיך געדאכט, אז די ניגונים האלטן צווישן זיך מילכאָמע"... באלד פארזיכערט אָבער אש, אז דאָס האָט זיך בלויז געדאכט: אין א ווײַטערער פּערספּעקטיוו מישן זיך אויס די טענער, „און עס איז איין ניגן געוואָרן פון איין שטעטל".

דאָס ווערק איז קינסטלעריש אָרגאניזירט אין דער ריכטונג פון אויסמײַדן קאָנפליקטן ,קאמפּסמאָמענטן. און אויך דאָ ברעכט אש די ביזאיצטיקע טראדי־ציע פון דער קלייגבירגערלעכער יידישער ליטעראטור. לייעלע. יעכעסקל גאָמ־בינערס טאָכטער, שוין א קאלע־מויד, שפּאצירט בעסאָד מיטן רעבנס זון — האָט אָבער שפּעטער כאסענע מיט אן אנדערן, מיט מאָרדכע קאָנסקערס זון, און דער איבערגאנג קומט פאָר מאָדנע גלאט, אָן טרערן, אָן הארצקלעמעניש, — ער איז ביכלאל ניטאָ, דער איבערגאנג, דער מעכאבער גיט זיך אפילע ניט די מי אויסצוטײַטשן דידאָזיקע רעטעניש. אפן מאָטיוו פון דער יידישער מיידל, וואָס ווערט אויסגעגעבן קעגן איר ווילן, ניט פאר דעם, וועמען זי האָט ליב און צו וועמען ס'ציט איר, זײַנען אָבער אויסגעבויט געוואָרן צענדליקער ראָמאנען און דערציילונגען אין דער יידישער ליטעראטור. דער יונגער שאָלעם־אלייכעם האָט אפילע געמיינט, אז דאָס איז די גרונט־טעמע פון א „יידישן „ראָמאן" (סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי, 1888-1889). אָקאָרשט האָט אים באהאנדלט אין א ריי ווערק פּערעץ („כאסענע געהאט" איז טאקע זײַן בעסטע דערציילונג). ווײַסענבערג, וואָס זײַן גאנץ שאפן איז א מין סטיכישער בונט קעגן דעם אש־סטיל אין דער יידישער ליטעראטור, וועט דערוף אויסבויען די פּרעכטיקע נאָוועלע „די מעשוגענע אין דאָרף". אש פארשווײַגט דעם קאָנפליקט, פאר־צייכנט אים, ביכדיי גלײַך צו פארגעסן.

ביישפיל) וואָלט ער געהאט א סארקאסטישע באדייטונג. איך מיינט עס אָבער ערנסט, און דעקט אויף קלאָר די סאָציאַלע פונקציע פון זיין פּאָעמע. די שאַבעס-יאָנטעווודיקייט פון „שטעטל" ווערט דאָ קלאָר באצייכנט ווי „א גרויסער קאסטן שיימעס", און איך באטראכט ווי א מיצווע „אויסגיסן אף דעם דאָס יידישע ליינדל".

ניט אין 1904, ניט פריער און ניט שפּעטער האָבן עקזיסטירט שטעטלעך אזוי ווי איך שילדערט זיי. איך רופט אָן דאָס שטעטל „קוזמיר", א גוט באַקאַנט מאָלעריש אָרט בא דער ווייקסל, און דאָך זיינען דאָ קאָמבינירט שטיינער-פּראָטים פון פארשיידענע שטעטלעך. און וואָס איז דער צייט נעגייע, מאכט איך אליין אופמערקזאם, אז ער גיט א געשיכטע פון שוין לאנג פארגאנגענע יאָרן, אז ער מאָלט באציונגען, וואָס זיינען שוין לאנג געענדערט און צעשטערט געוואָרן. מיר לייענען אָפּט אין דער פּאָעמע: „דעמאָלט פלעגן זיין די ברייט-זיידענע קליידער", „דענסטמאָל איז די מאָדע געוועזן" ניט „זיין" שטעטל גיט דער מעכאבער, נאָר פון זיינע אָוועס און זיידעס. און אפילע די דאָזיקע „דענצמאָלטיקע" אלטפרענקישע פארהעלטענישן פריזירט ער, שניידט ארום און פּאסט צו אין א באשטימטער ריכטונג, — אזוי ס'זאָל זיך באקומען אָן ארויסרוף, א פּראָטעסט קעגן דער ארומיקער, הייִנטצייטיקער, סטירעספּולער און קריזיספולער גרויסשטאָטיש-קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקייט. קעגן דעם זאָרגפולן הייִנט פון די אייניקלעך — דעם ביטאָכנדיקן נעכטן פון די אָוועס און זיידעס. קעגן דער גרויסשטאָט — דאָס שטעטל. קעגן דעם פון סטירעס צעריסענעם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם — די פּאטריארכאלע האנדלקאפּיטאליסטישע אידיליע.

די גאנצע פּאָעמע איז אָן ארויסרוף קעגן דער סאָציאל-פּאָליטישער ווירקלעכקייט פון 1904.

דער מיסכער איז געהארגעט, די גרויסאינדוסטריע איז אין קלעם, דער מיטעלער און קליינער האנדל ראנגלען זיך ייִעשדיק אין שווערן קריזיס, אין די שטעט ווילדעוועט הונגער, קעלט און נויט, — און איך עפנט ברייט די טירן פון יעכעסקל גאָמבינערס שטוב, און ס'זעצט ארויס די זאטע פּארע פון רויטן בוריקע-באָרשטש, וואָס ווערט דאָרט פּארטיילט פאר יעדן, וואָס קומט נאָר אריין. בענק קראכן, דער קרעדיט איז אויסגערונען, מע שטארבט פאר א גראָשן — און יעכעסקל גאָמבינער טיילט קינדער מיט א ברייטער האנט לעצטגעלט, נעמט ארויס פון א הינטערקעשענע א גרויסן פּאק מיט איינצלנע הונדערטערס, און יעדער פארפייסעך ווערט דער גרויסער כעזשבן געמאכט פון די גרויסע פארדינסטן. גרויסע מאסע פון ארבעטנדיקן פאָלק רייסן זיך ארויס פון דעם געטא, רייסן מיטן יידישן שטייגער, ברעכן דעם טויזנטיאָריקן יאָך פון רעליגיע און קלעריקאליזם — און איך באזינגט די אייניקייט פון סויכער, רעבע, גאָט און נאטור. דאָס לאנד פלאקערט אין הייסן קלאסנקאמף, דעמאָנ-

קינסטלערישן סימבאָל האָט איר גאנץ אש, די קרעמערשע פראזעאָלאָגיע („פאָ-
ליצעס", „פארקויפן ביסאכן") פאראט דעם אידעאָלאָג פון דער מיטלער ייִדי-
שער האנדל-בורזשואזיע, די „פוסטע פאָליצעס" דערציילן, אז אשס קונסט איז
אויפגעקומען אין שלעכטע צייַטן, אין קריזיס-צייַטן פון זייַן קלאס.

גראָד אין קאָנטעקסט פון 1904 איז „שטעטל" א ווערק מיט אן אויסגע-
שפראָכענער, ציל-באַוווסטער טענדענץ. קוידעמקאָל ווערט דער אינדוסטריעל-
קאפיטאליסטישער.גרויסשטאָט קעגנגעשטעלט דאָס האנדלקאפיטאליסטישע שטעטל
מיטן סויכער ווי א צענטראלע פיגור, וואָס פירט אָן סייַ מיטן פאָרעץ, סייַ
מיטן פויער. ווען יעכעסקל גאמבינער שליסט אָפּ א געשעפט מיטן צווייטן
גרויסן סויכער, מאָרדכע קאָנסקער, פארצייכנט אש מיט גדולע: „דאָס
געשעפט איז געמאכט. ווער וייס, וועמעס טווע פון וועמענס פעלדער זייַנען
איצט איבערגעגאנגען פון איין רעשוס אין צווייטן". אש רעווידירט דעם ביז
איצט הערשנדיקן נוסעך פון קלייַנבירגערלעכער ייִדישער ליטעראטור, וואָס
האָט ניט געזשאלעוועט קיין פינצטערע פארבן ביכדיי אויסצומאָלן די יערידע,
כורבן און אויסזיכטלאָזיקייַט פון שטעטלדיקן לעבן. עמעס, שוין אין די אכצי-
קער יאָרן האָבן ספעקטאָר, שאָלעם-אליכעם און אנדערע ייִדישע שרייַבער
געזוכט א זכוס פארן שטעטל, ארויסגערוקט צוליב פאָלקיסטישע טייַמים א מין
לאָזונג פון „מיטן פאָנים צום שטעטל" — געענדיקט האָט זיך אָבער פאקטיש
ניט מיט קיין רעהאביליטאַציע פון שטעטל, נאָר מיט זייַן פארורטיילונג. אין
רעזולטאט דערפון האָט ווידער געזיגט דער רעאליסטישער נוסעך אין דער
ייִדישער ליטעראטור. און דער שוידערלעכסטער דאָקומענט פאר דער דעגרא-
דאציע פון שטעטל איז געקומען גראָד פון פוילן, אין פערצעס „בילדער פון
א פראָווינץ-רייַזע" (1890). צו שטארק איז ווייַזט אויס געווען דער דרוק פון
דער פויפעריזירטער, צעקוועטשטער, אין גרויסע טיילן הארעפּאשנער ייִדי-
שער מאסע אפן קלייַנבירגערלעכן שרייַבער אין דעם לעצטן פערטל פון
19-טן יאָרהונדערט, ער זאָל זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון ראָמאנטיזירנדיקע
שטעטל-שילדערונגען. בלויז העל-באליַיכטנדיק די בורזשואז-פארמעגלעכע שיכטן
פון שטעטל און שטעלנדיק אין שאָטן די אָרעמשאפט, בלויז פעלשנדיק די
פאקטן און ווארפנדיק א שלייער אף דעם קלאסנקאמף אפילע אין דער
וויניק דיפערענצירטער האנדלקאפיטאליסטישער געזעלשאפט, איז מעגלעך
געוואָרן די שטעטל-ראָמאנטיק. און גראָד די שלעכטע צייַטן, די פוסטע פאָלי-
צעס אין דער גרויסשטאָט האָבן געוועקט בענקשאפט צום נעכטן, האָבן גע-
טריבן אידעאליזירן דאָ שטעטלדיקע פארגליווערטע פאטריארכאלע היימישקייַט.

געטאָן האָט עס אש באַוווסטזיניק. מיר לייענען אין „שטעטל": „דאָס
גאנצע ייִדישע פאָלק לעבט אין א גרויסן קאסטן שיימעס, באַהויכט מיט היי-
ליקן שטויב, און אף דעם ליגט אויסגעגאָסן דאָס ייִדישע כיינדל". עס איז
א שטארק ניכטערער זאץ, און בא אן אנדער אידעאָלאָגיע (בא מענדעלען צום

## 3. פון „שטעטל" ביז „שלוימע נאָגיד"

„דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק לעבט אין א גרויסן
קאַסטן שיימעס, באַהויכט מיט הייליקן שטויב,
און אף דעם ליגט אויסגעגאָסן דאָס ייִדישע ביינדל".

ש. אש. „שטעטל"

1

א בונדישער לעקטאָר שרײַבט אין זײַנע טעזיסן צו דער איצטיקער יובילײַ-פײַערונג: „אש קומט ווי א שטורעמווינט" (ש. מענדעלסאָן. פאָלקסצײַטונג, נום. 299, 19 דעקאַבער 1930). דאָס איז ניט ריכטיק. ביזן „שטעטל" האָט אש שאפן קיין גרעסערע אויפמערקזאַמקײַט ניט ארויסגערופן. און אין קאָנטעקסט פון 1904, אפן פאָן פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, יאפּאַנישער מילכאָמע און ערעוו רעוואָלוציע, האָט אפילע די ייִדישע בורזשואזע ניט געהאט קיין קאָפּ צו אשס שטעטלדיקע אידיליעס. דער באַלעבאַטישער „פרײַנט", דערציילט אווראָם רייזין, האָט אשן צוריקגעשיקט אסאך קאפּיטלעך פון „שטעטל" (עפּיזאָדן פון מײַן לעבן, 2, 289). די פּאָעמע האָט איר רום באַקומען ערשט אין די רעאַקציע-יאָרן, און ערשט דאַן האָט די בורזשואזע קריטיק געשאַפן ארום אשס ווערק אן ארעאָל פון גרויסער, וואָרעם טענדענצלאָזער, שטילער, גאָרניטזאָגנדיקער און גאָרניטווילנדיקער קונסט.

אש איז ניט געקומען ווי א שטורעמווינט. ריכטיקער איז שוין, אז „שטעטל" באַטײַט דאָס אַנטלויפן, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פון אָנקומענדיקן שטורעם און פון די שוין בלאָזנדיקע שאַרפע צוגווינטן. „שטעטל" באַטײַט דאָס אויסדרייען זיך מיטן פּאָנים צו דער פאַרגאַנגענהײַט פון קלאַס, בעת זײַן געגנווארט איז פינצטער און שוואַנגער מיט א קאַטאַסטראָפע. שוין אין „שטעטל", זײַן ערשטן באַדײַטנדיקן ווערק, פילט אויס אש דיזעלביקע סאָציאַלע פונקציע, וואָס אין זײַן אסאך שפּעטערדיקן „קידעש-האַשעם": ער שטײט, לויט זײַן אייגענעם בילדערישן און דורכויס כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק, בא פּוסטע פּאָליצעס און פאַרקויפט ביטאָכן, טרייסט פאַר זײַן קלאַס. אין דעמדאָזיקן

אין דערדאָזיקער גרופּע האָט אַש געקענט עקזיסטירן בלויז אונטעוואַרפנדיק זיך איר, דרייענדיק זיך אין קרײַז פון אירע מאָטיוון, און, ווי מיר האָבן געזען, איז עס אַזוי טאַקע געווען אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן. אָבער, אַוועקגייענדיק מיט אַנטשיידענע טריט צום „שטעטל" און „קוילער געסל", אידעאַליזירנדיק די פּאַטריאַרכאַלע פּאָר־קאַפּיטאַליסטישע צײַט און איר צענטראַלע פיגור — די האַנדל־בורזשואַזיע, האָט אַש אַנטשיידן געריסן אויך מיט פּערעצן, נאָמבערגן און רייזינען. און אין דעם זינען איז פולשטענדיק ריכטיק אַשס מיינונג, אַז זײַן קאַמף פאַר זײַן שריפטשטעלערישער זעלבשטענדיקײַט האָט אַרײַנגעבראַכט צווישן אים און זײַנע קאָלעגן אַ דיסהאַרמאָניע. „צוריק צום שטעטל" האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט גיין ניט פּערעץ, ניט נאָמבערג. און די „שטוב" פון יעכעסקל גאָמבינער, פול מיט שעפע, איז געווען ביטערער כויזעק איבער רייזינס גאַנץ שאַפן.

וויזם, קעגן וועלכן עס בונטעוועט זיך דער אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליזם פון אָט דער גרופּע. בא פּערעצעס גאַנצער פּראָנדע בענעגייע דעם ברוי געבער, דעם גרויס-בורזשוא, איז אָבער זײַן ניצשעאַנישער קולט פון אויבערמענטשן, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין זײַנע גרויסע דראַמעס אָדער אין זײַן „כסידיש״, אַן אויסגעשפּראָכן בורזשואַזע אידעאָלאָגיע [1].

נאָמבערג רעפּרעזענטירט אָרער א נידעריקערן שיכט פון אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ: ערגער באַצאָלט, ניט היימיש אין דער גרויסער שטאָט, ניט היימיש מיטן הויך-אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, — נעכטיקע קליינשטעטלדיקע באָכערים, הײַנטיקער „אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט״. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס פּערעץ איז דער „אייראָפּייִשסטער״ פון אַלע פיר, דערמאָנט צום מייסטן סאָציאַל-ענלעכע שרײַבער אין דער מײַרעוו-ליטעראַטור. פּערעצעס שאַפן אין די יאָרן 1915-1900 האָט שוין ניט קיין שײַכעס צום שטעטל. ניט „כסידיש״, ניט „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, ניט „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק״ זײַנען שטעטלדיקע שאַפונג. ס'איז גרויס-שטאָטישע קונסט, כאָטש „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק״ שפּילט זיך אָפּ אין די שטעטל... פּונקט ווי ריימאָנס „פּויערים״ זײַנען ניט דאָרפישע פּויערישע שאַפונג, און גראָד פאַרקערט: שטאָטיש-בורזשואַזע קונסט.

אויך נאָמבערגס קונסט האָט שוין געריסן מיטן שטעטל. דער ייִעש פון נאָמבערגס העלדן ווערט פאַרשטאַרקט טאַקע דורכדעם, וואָס זיי פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אז צום שטעטל איז שוין ניטאָ קיין צוריקוועג, אז זייער גורל איז אָף אייביק שוין פאַרבונדן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס-שטאָט· א געוויסער טייל פון דערדאָזיקער שיכט ווערט באַלעבעסלדיק, א געוויסער טייל גיסט זיך אַרײַן אין דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. נאָמבערג האָט דאַן רעפּרעזענטירט יענעם טייל, וואָס איז פאַרהאַנגען צווישן הימל און ערד, שטייט אפן שיידוועג, גייט ניט דאָ און ניט דאָרטן. אָף אַזא אויפן פאַרמיטלט נאָמבערג צווישן פּערעצן און רייזינען. מיט פּערעצן פאַרבינדט אים דער פאַקט, וואָס ביידע זײַנען אינטעליגענטישע שרײַבער, מיט רייזינען — וואָס זײַן שיכט איז אָרעמע, פּויפּעריזירטע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ.

איצט איז שוין פאַרשטענדלעך, אז פּערעץ האָט ניט געהאַט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר אווראָם רייזינס שאַפן (פאַרגלײַך „עפּיזאָדן פון מײַן לעבן״, 2 באַנד, 95, 96, 125, א. א. וו.), און א גרעסערע קרויוועשאַפט געפילט צו נאָמבערגן.

---

[1] אין פּערעצעס שאַפונג פונעם לעצטן פּעריאָד (1915—1900) דאָמינירן אינטואיציאָניזם פון בערגסאָנס שניט און ניצשעאַניזם. א ריי אייראָפּעיִשע בורזשואַזע דענקער האָבן דאַן צעגריפגעשמאָלצן בערגסאָנען און ניצשען — אַזוי צ. ב. בענעדעטאָ קראָטשע און סאָרעל — ביידע פאָרלויפער פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם.

ראַטור (1904—1900), ווען אַרום פּערעצן גרופּירט זיך אַ נײַער דאָר שרײַבער, וואָס זײַנע וויכטיקסטע פאָרשטייער זײַנען רייזין, נאָמבערג, אש. בײַ זייער גאַנצער פּיעטעט און דערעכערעך צו פּערעצן פאַרלירן זיי ניט די זעלבשטענדיקײַט פון זייער אורטייל, זיי קריטיקירן אָפט און שאַרף פּערעצעס נײַע שאַפונגען און זײַן עצעם ליניע אין דער ליטעראַטור. די קעגנזאַצן ליגן אָפן, בוילעט, שפּאַרן אַרויס אַפילו פון דער אָפט-באַטלאָנישער מעמואַרן-ליטעראַטור. פּערעץ איז דאָ דער עלטסטער, דער אוטאָריטעט, מיט דעם גרעסטן נאָמען און לאַנגיאָריקער ליטעראַרישער דערפאַרונג. נאָמבערג איז שוין געווען אַ רייפער, פעסטער כאַראַקטער, ווען רייזין קומט אָן אין וואַרשע. אש איז דער ייִנגסטער.

די גרויסשטאָטישע דיכטער אין דער גרופּע זײַנען פּערעץ און נאָמבערג. בײַ רייזינען צעבליט זיך אין וואַרשע ערשט רעכט זײַן אייגנטלעכער זשאַנער: די אָרעמאַנישע נאָוועלע. ער דריקט אויס אויסערגעוויינלעך שטאַרק, צאַרט און מיט אַסאַך מיטגעפיל דעם פּויפּעריזאַציע-פּראָצעס פון די נידעריקע שיכטן פון ייִדישן קלייַנבירגערטום — סײַ קליינהענדלער, סײַ אָרימע קלייקוידעש, סײַ באַלמעלאָכעס און האַנטווערקערישע אַרבעטער, סײַ די אָרעמע אינטעליגענץ. זײַן סאָציאַלע באַזע איז, אַלזאָ, אַ גאַנץ ברייטע, דאָמיגירט ווערט זי דורך עטלעכע וויכטיקסטע מאָמענטן: ער גיט נאָר יאָרדישן, פּויפּעריזירטן שיכט און הויפּטזעכלעך שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן פּסיכאָ-אידעאָלאָגיע דער קליינשטעטלדיקער, קליינהענדלערישער שיכט. און זאָלן אונדז אין דעם פּראַט ניט פאַרפירן זײַנע שטאָטישע, אַפילו גרויסשטאָטישע נאָוועלן, אַפילו זײַנע שילדערונגען פון דער אינטעליגענץ אָדער פון אַרבעטער. זײַנע רעוואָליוציאָנערע לידער און אַרבעטער-נאָוועלן פון דעם פּעריאָד זײַנען אַן אויסדרוק פון אַן אייגנאַרטיקן צוזאַמענשלוס פון דער אָרעמשאַפט מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג.

סײַ פּערעץ, סײַ נאָמבערג זײַנען דיכטער פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ, דאָך פון פאַרשיידענע פאָרמאַציעס. פּערעץ רעפּרעזענטירט דאַן די אינטעליגענץ, וואָס איז שוין אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער גרויס-שטאָט און מיט דער הויך-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. די גרויס-שטאָט, דער הויך-אַנטוויקלטער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם איז שוין פאַר אָט דער גרופּע ניט קיין נײַס. זי האָט זיך שוין מיט דידאָזיקע דערשײַנונגען ענג צוזאַמענגעוואַקסן. זי בענקט שוין ניט צום נעכטן, און וואָלט שוין אויך ניט געוואָלט און ניט געקענט לעבן אין מער פּרימיטיווע, ווייניקער פאָרגעשריטענע, ווייניקער אַנטוויקלטע באַדינגונגען. זי האָט פײַנט דעם באַלעבעסל — ווײַל זי פאַרשטייט זײַן אַבסאָליוטע ניט-נייטיקײַט, ווײַל זי פאַראַכט די טעמפּקײַט פון אַ קלאַס, וואָס פאַרשטייט ניט זײַן פאַרמישפּעטקײַט. פון די האָרעפּאַשניקעס טיילט זי אָפּ „דער דונסט פון זייערע לײַבער", („אין פּאָליש אף דער קייט"), פון פּראָלעטאַריאַט — זײַן מאַטעריאַליזם, — וואָס שײַנט איר צו זײַן פּרימיטיוו, און זײַן קאָלעקטי-

דער ארבעטער-באוועגונג פון דעם שרייַבע״, זייַן אָנטייל אין ארבעטער-אויס-גאבעס, אַף ארבעטער-אָוונטן א. א. וו. עס דעצידירט אין לעצטן סאכאקל דער אידייישער אינהאלט, דער אָביעקטיווער קלאסן-אינהאלט פון דעם שרייַבערס שאפן. און דעם גלענצנדיקסטן רעאקטיוו גיט די ארבעטער-מאסע אליין: וואָס נעמט זי אויף, ווי נעמט זי אויף די דעמאָלטיקע שאפונג פון דער קליינביר-גערלעכער יידישער ליטעראטור?

און דאן איז לייַכט צו זען, אז צום נאָענטסטן צו דער ארבעטער-באוועגונג (ביז 1905) איז פון אָט דעם דאָר קליינבירגערלעכע יידישע שרייַבער געשטאנען אווראָם רייזין, עטוואָס ווייַטער נאָמבערג, און שוין גאָר א היפשער דיסטאנץ האָט פון איר אָפּגעטיילט פערעצן... פערעץ מאכט דורך זינט 1900 א נייַעם רוק אין זיין שאפן, וואָס פירט אים אוועק ווייַט-ווייַט פון דער ארבעטער-באוועגונג, מאכט איר פרעמד זייַן פּאָנים, ברענגט אפילע צו פייַנט-לעכע ארויסטרעטונגען. דער ענדגילטיקער ריס וועט קומען שפעטער, אין די יאָרן פון רעאקציע נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905, ווען פערעצעס יערידע וועט דערגיין ביז „אמאָל איז געווען א מיילעך״, דעם „הייַנט״-ווינקעלע און דעם „אין שול ארייַן״-לאָזונג. דערווייַל, 1900—1904, שפּייַזט זיך נאָך פערעצעס גרויסער אויטאָריטעט בא די ארבעטער-מאסן מיט דער רומפולער טראַדיציע פון די „יאָנטעוו-בלעטלעך״, מיט זייַן פריערדיקער ראדיקאל-אינטעליגענטישער שאפונג, און אגעוו ווארפט נאָך צו פערעץ פון צייַט צו צייַט ברעקלעך אין אָט דעם סטיל (צ. ב. „עס איז דאָך ניט קיין זאָקן״ אין רייזינס זאמל-בוך „20-טער י. ה.״, 1900). אָבער פערעצעס גרויסע שאפונגען אין אָט דעם פעריאָד זייַנען שוין „כסידיש״ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ — ד. ה., זינט 1900 זייַנען פאקטיש זיך שוין פאנאנדערגעגאנגען די יועגן פון פערעצן און פון דער ארבעטער-באוועגונג.

און עס איז וויכטיק דאָ פעסטצושטעלן, אז צום ווינציקסטן האָט געהאט א שייַכעס צו דער ארבעטער-באוועגונג שאָלעם אש. ער איז איר פון אָנהייב אָן געווען פרעמד. זייַן „שטעטל״ איז געווען א דערפאָלג ניט בא ארבעטער, נאָר בא דער באלעבאטישער „נאציאָנאלער יוגנט״. קיין שום ווערק אשס איז ניט אריַין אין די טיפענישן פון די ארבעטער-מאסן, אין דער צייַט, ווען עס זייַנען מאמעש געלערנט געוואָרן, ניט נאָר געלייענט געוואָרן, פערעצעס נאָוועלן פון זייַן ראדיקאלן פעריאָד, געזונגען געוואָרן זייַנע „דרייַ נייטאָרינס״, אין די טויזנטער זייַנען צעכאפּט געוואָרן און פארלייענט געוואָרן אווראָם רייזינס לידער און נאָוועלן, אין דער צייַט ווען עס זייַנען באליבט געוואָרן אפילע נאָמבערגס טייל לידער. אשס שאפן איז טאָמיד פרעמד געווען דער יידישער ארבעטערשאפט.

---

עס איז שוין פאראן א היפשע מעמוארן-ליטעראטור (ס׳ראָוו א באלעבעסל-דיקע און ווייניק ווערטפולע) וועגן אָט דעם פעריאָד אין דער יידישער ליטע-

געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינטערעסן. ער ענדערט קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן, דעם ספּעציפֿישן וואָג פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן־גרופּירונגען אין דער ייִדישער סוויווע, און שטויסט צונויף אין שאַרפֿן קלאַסן־קאַמף די נײַ־אָנגעקומענע מיט די פֿריִערדיקע, וואָס האָבן שוין באַוויזן פֿאַרכאַפּן זייער אָרט בײַ דער זון. יעדער נײַער עטאַפּ רופֿט צוליב דעם אַרויס קוידעמקאָל אַ פֿאַרצווײַגטע פּרעסע־טעטיקייט; און באַלד קומען אָן מאַכנעסווײַז שרײַבער, וואָס זייער קינסטלעריש וואָרט אָרגאַניזירט די נײַע קולטור־דורשטיקע, אומבאַהאָלפֿן און צעטומלט מאַרשירנדיקע מאַסן.

אַן ענלעכע סיטואַציע צייכנט זיך אָן אויף דער גרענעץ פֿון 19־טן און 20־טן י. ה. ווידער ווערן גרויסע מאַסן פֿון ייִדישן קליינבירגערטום געוועקט פֿון שלאָף, ווערן מיטגעריסן פֿון דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער קאַפּיטאַליסטישער ראָד, ווערן צעקוועטשט און צעמאָלן, רוקן זיך צו נענטער צו יענעם אײַנציקן ווינקל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס אָטעמט מיט האָפֿערדיקייט, מיט בונט, מיט יונגן אימפּעט — צו דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. פֿון דער אַנדער זײַט וואַקסט די פּראָלעטאַרישע מאַכנע, עס וואַקסט איר געזעלשאַפֿטלעכער באַוווסטזײַן, אין ס׳אַנטשטייט אַן אומגעהייערער קולטור־דורשט. אין אָט דעם פּעריאָד ווערט פֿאַרפֿעסטיקט דער צוזאַמענשלוס פֿון די קליינבירגערלעך־פּראָגרעסירנדיקע ייִדישע שרײַבער און ייִדישע אַרבעטער — אויף דער באַזע פֿון דעם פֿאַרקליינבירגערלעכטן, נאַציאָנאַליסטיש־געוואָרענעם „בונד“.

עס ווערט איצט פֿאַרברייטערט יענע דערפֿאַרונג און טראַדיציע, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט פּערעץ—פּינסקעס „יאָנטעוו־בלעטלעך“ פֿון די 90־ער יאָרן. דער צוזאַמענשלוס קומט אָבער איצט פֿאָר אויף אַסאַך אַ ברייטערע באַזע. פּערעץ האָט זיך נאָך געווענדעט צו אַן אַנאָנימען, ניט אָרגאַניזירטן אַדרעסאַט: אין זײַן אויפֿטו שטעקט אַ היפּש ביסל פֿילאַנטראָפּישע באַציִונג. זינט דעמאָלט איז די אַרבעטער־באַוועגונג אומגעהויער אויסגעוואַקסן, איר אויטאָריטעט און כּשי־ווּעס — אָן אַ פֿאַרגלײַך גרעסער געוואָרן. זי פֿירט איצט נאָך זיך די יונגע קליינבירגערלעכע ייִדישע שרײַבער, דיקטירט זיי בילדער, טעמאַטיק, נעמט אויף מער קריטיש זייער פּראָדוקציע, און עס שאַפֿט זיך באַם קליינבירגערלעכן שרײַבער אַפֿילע אַ מין דאָפּלטע בוכהאַלטעריע, וואָס וועט אָנהאַלטן בײַ דער מענשעוויסטישער ליניע פֿון „בונד“ ביזן הײַנטיקן טאָג: פֿאַר באַלעבאַטישע צײַטונגען שרײַבט ער איין סאָרט ווערק, פֿאַר די פּראָלעטאַרישע אויסגאַבעס — אַ צווייטן מיט אַ מער ראַדיקאַלער טענדענץ. די ברייטערע באַזע פֿון דעמדאָזיקן צוזאַמענשלוס פֿון ייִדישע שרײַבער מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג דעמאָנסטרירט אויך דער פֿאַקט, וואָס עס באַווײַזן זיך שוין אַפֿילע אַרבעטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור (ווײַסענבערג, קאַסעל, ד. מאַרשאַק און אַנד.).

צו די אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון דעם „צוזאַמענשלוס“ מוז מען אָבער צוגיין גאַנץ קריטיש. דאָס וויכטיקסטע זײַנען ניט די פּערזענלעכע סימפּאַטיעס צו

הײַנטיקע פאבריק-ארבעטער, הײַנטיקע צערויִנירטע באלמעלאָכעס, ראדיקאליזירטע קלײנבירגערלעכע אינטעליגענץ. ניט קײַן װוּנדער, װאָס דער „בונד" פארפעסטיקט זיך אף מענשעװיסטישע פּאָזיציִעס, װאָס עס װאקסן אין אים די נאציִאָנאליסטישע און סעפּאראטיסטישע שטימונגען. דער „בונד" װערט פארקלײנבירגערלעכט. פאר אונדזער טעמע האָט עס די באדײַטונג, אז, פון אײן זײַט, ציִען זיך צו דער ארבעטער-באװעגונג א רײ שרײַבער, אויסדריקער פון דרויִנירטע, דעקלאסירטע קלײנבירגערלעכע מאסן, װאָס די נױט טרײַבט זײ און מאכט זײ פאר מיטלויפער פון דער רעװאָליוציִאָנערער באװעגונג, און, פון דער אנדער זײַט, גײט דער „בונד" מיט גיכע שריט צו א קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיִע, און זינט די פּאָגראָמען פון 1902—1903 — צו א קלאל-יִשׂראָעלדיקער פארטײ. אזוי קומען זיך צענויף די פראָנדירנדיקע קלײנבירגערלעכע יִדישע שרײַבער פון יענער טקופע — און דער „בונד". ארבעטער-באװעגונג, סאָציִאליזם, רעװאָליוציע — װערט פאר די יִדישע קלײנבירגערלעך-ראדיקאלע שרײַבער פון יענער צײַט אידענטיפיצירט מיטן „בונד" [1].

3

אין דער אנטװיקלונג פון דער יִדישער ליטעראטור זינט די 60-ער יאָרן לאָזט זיך פעסטשטעלן אזא מין געזעץ: כװאלעסװײַז קומען אָן נײַע ליטעראַרישע קויכעס, און יעדע כװאלע אנטשפּרעכט א נײַעם עטאפּ אין דער קאפּיטאליסטישער אנטװיקלונג. מיט יעדן װענד-פּונקט אין דער אנטװיקלונג פון קאפּיטאליזם, מיט יעדן נײעם שפּרונג זײַנעם, װאָס סיגנאליזירט א נײַע, העכערע מאדרײגע אין זײַן אנטװיקלונג, קומט צום װאָרט א נײַע גרופּע שרײַבער. אזעלכע װענד-פּונקטן זײַנען די 60-ער יאָרן, און פון די װיכטיקסטע שרײַבער פון דער טקופע דערמאָנען מיר מענדעלע, לינעצקי און אנד.; א צװײטער עטאפּ זײַנען די 80-קער יאָרן (שאָלעם-אלײכעם, פּערעץ, ספּעקטאָר, דינעזאָן און אסאך אנדערע); א דריטער — סאָף פון 19-טן און אָנהײב 20-טער י. ה. (רײזין, אש, נאָמבערג א. א.).

יעדער נײַער שפּרונג פון קאפּיטאליזם רײַסט ארויס נײַע גרויסע מאכנעס פון שטײענדיקן, האלב-פעאָדאלן לעבן פון דעם יִדישן געטאָ, טרײַבט זײ אין שטאָט, ענדערט זײער שטײגער-לעבן, רופט בא זײ ארויס נײַע פּאָליטיש-

[1] דערדאָזיקער קאפּיטל איז קאָנסטרויִרט אף די מאטעריאַלן פון די זאמלביכער: „Пролетариат в революции 1905—1907 г. г., 1930; Ч. Ясинский, пролетариат в революционном движении Польши, 343—407. אויסגאבע פון דער קאָמאקאדעמיע. און פונעם זאמלבוך: „Dzieje gospodarcze Polski porozbiorowej", I—1920, II—1922. ווארשע. פארגל. אויך דעם ארטיקל פון כ׳ דימאנשטײן: „די רעװאָליוציִאָנערע באװעגונג צװישן די יִדישע מאסן אין דער רעװאָליוציע פון 1905-טן יאָר". רױטע בלעטער. מינסק. יִדסעקטאָר פון דער װײַסרוסישער װיסנשאפט-אקאדעמיע, 1929.

מע דאַרף ווייטער נעמען אין אכט אַ מיליאָן 200 טויזנט ערדלאָזע פּויערים אין דאָרף, אין דעם — 960 טויזנט באַטראַקעס (מיט די פאַמיליעס). אין דערזעלבי־קער צייט פאַרנעמען 8.000 פּריצים 48% פון דעם גאַנצן ערד־שעטעך.

די עקאָנאָמישע פאַרהאַנאַכטעס פון 1905 האָבן אַלזאָ אין קרוין־פּוילן, אין טאָך, ניט אַסאַך זיך אונטערשיידט פון איבעריקן רוסלאַנד. עס איז צוגעקומען דער נאַציאָנאַלער מאָמענט — די פאַרשקלאַפונג פון פּוילן דורך דער צאַרישער רעגירונג — וואָס האָט נאָך מער צוגעשפּיצט די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע.

די אַרבעטער־באַוועגונג גייט לאַנגזאַם באַרג־אַרויף, וואָס נעענטער אָבער צו 1905, אַלץ שטורמישער גייט אָן איר וווּקס, אַלץ קלערער, רעוואָלוציאָנע־רער ווערט איר קלאַסן־באַוווּסטזיין. פון די דריי הויפּט־פּאַרטייען אין דעם אַרבעטער־לאַגער — פּ.ס.ד., פּפּ״ס, און „בונד״ — גייט ביז דער רעוואָלוציע מיט איר צאָל פאָרויס פּפּ״ס (אַרום 5000 מיטגלידער אין די אינדוסטריעלע צענטרעס), ווערט אָבער צוריקגעשטויסן און איבערגעיאָגט דורך דעם ברויזנדיקן וווּקס פון פּ.ס.ד. אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע (ביז 30 טויזנט אין זומער 1906. פּפּ״ס ציילט צו יענער צייט פון 36 ביז 50 טויזנט, לעבט אָבער איבער אַ שווערן אינערלעכן קריזיס, וואָס גייט אַריבער אין אַ שפּאַלטונג טאַקע אונ־טערן דרוק פון דער ראַדיקאַליזירונג פון אירע מאַסן און פון דער רעוואָ־לוציאָנערער אידעאָלאָגיע פון פּ.ס.ד.). עס וואַקסן אויך די מאַסן פון „בונד״, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט דער דראַנג פון יידישע אַרבעטער צו אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס אָנוואַקסן פון דעם רעוואָלוציאָנערן ברענשטאָף אין קרוין־פּוילן האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרפאָלגט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, טאַקע אויס מורא פאַר אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. זי האָט דאָ קאָנצענטרירט ריזיקע מיליטערישע קויכעס. זי האָט געשטרעבט אויסשפּילן דעם פּויערטום קעגן דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט און האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געהאָפט געפינען אין אים אַן אָנשפּאַר. זי האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם אַנטיסעמיטיזם, און צוערשט טאַקע אין קרוין־פּוילן גייט די רעאַקציע אַנטקעגן דער שאַרפּענדיקער רעוואָ־לוציע מיט יידישע פּאָגראָמען (דער פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו, אויגוסט 1902). געפאַלנקייט און אָפּהענטיקייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם פילט זיך טאַקע שטאַרק אין אַשס ערשטע זאַמלונג („אין אַ שלעכטער צייט״).

די צאָלרייכסטע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין דעמדאָזיקן פּעריאָד איז דער „בונד״. דער קריזיס וואָס שלאָגט איבער דער מיטלער און קליינער אינדוסטריע, ווו עס איז דערהויפּט געווען קאָנצענטרירט דער יידישער אַרבע־טער, די קאַפּיטאַליזירונג פון דער האַנטווערקעריי און דאָס אָפּשטאַרבן פון אירע אַלטע פאָרמען, די ראַדיקאַליזירונג פון די מאַסן אין דעם פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג — דאָס אַלץ פירט צו אין די רייען פון „בונד״ גרויסע מאַכנעס פּראָלעטאַריזירטע קליינבירגערלעכע עלעמענטן, נעכטיקע האַנטווערקער,

דערזעלביקער אינדוסטריעלער קריזיס פארכאפט אויך קרוין-פוילן, נאָר זײַן פארלויף דאָ איז נאָך שארפער, זײַן פארנעם נאָך טיפער ווי אין רוסלאנד׳ טאקע צוליב דעם, וואָס די פוילישע אינדוסטריע איז אפן ענגסטן אויפן דאן פארבונדן מיטן רוסישן אָפּזאץ-מארק. זײַן גרעסטע שפאנונג דערגרייכט דער קריזיס צום יאָר 1904, און דער ווארשאווער בירזשע-קאָמיטעט קאָנסטאטירט דאן, אז עס איז דער סאמע שווערסטער יאָר אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. די פּראָדוקציע פון דער גאנצער אינדוסטריע איז צום יאָר 1904 געפאלן אף 35%, פון דער קוילן-אינדוסטריע — אף 30%, און פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע — (דער וויכטיקסטער אין קרוין-פוילן) — אף 30-35%. דער קריזיס האָט א שלאָג געטאָן אויך איבער דער מיטעלער און קלענער אינדוסטריע, און א שווערן קריזיס לעבט אויך איבער די ווארשעווער קאָנפעקציע, גאלאנטעריי. אין רעזולטאט ווערן צענדליקער טויזנטער ארבעטער ארויסגעוואָרפן אפן גאס. צום יאָר 1904 זײַנען 20% פון ארבעטער אין פוילן אינגאנצן ארבעטלאָז, און 30% האָבן בלויז האלב ארבעט. סאכאקל ווערן דאן אין קרוין-פוילן געציילט 277 טויזנט פאבריק-ארבעטער, 45 טויזנט שאכטיאָרן, קאָרעוו 30 טויזנט טראנס-פּאָרט-ארבעטער א. א. וו. צוזאמען מיטן דאָרפישן פּראָלעטאריאט באקומט זיך שוין 30% פון דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד. דער קויעך פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט וואקסט אין פּראָצעס פון דער קאפיטאליסטישער קאָנצענטראציע. אין פארגלײַך מיט 1877 (100%) איז די צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין קרוין-פוילן צום יאָר 1904 אויסגעוואקסן אף 170%, און די צאָל ארבעטער אף 277%. קאָרעוו 84% פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט פון לאנד איז קאָנצענטרירט אין 4 ראיאָנען: לאָדזשער, ווארשעווער, דאָמבראָווער און טשענסטאָכאָווער. בלויז דער פּראָלעטאריאט פון לאָדזשער ראיאָן שטעלט פאָר צום יאָר 1905 א מעכטיקע ארמיי פון 120—150 טויזנט ארבעטער.

דער אינדוסטריעלער קריזיס אין רוסלאנד — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע בעייסן אָפּשאצן די עקאָנאָמישע גרונט-האנאָכעס פון דער רעוואָלוציע פון 1905 — איז אָבער צונויפגעפאלן מיט א געוואלטיקער פארשארפונג פון די אגרארע באציִונגען. די לאגע אפן פוילישן דאָרף איז געווען עטוואָס ווייניקער פארשארפט, ווי אין איבעריקן רוסלאנד, אף וויפל די גרויס-פריצישע ווירטשאפטן האָבן שוין געטראָגן א בולעט קאפיטאליסטישן כאראקטער, די פארצעלירונג פון ערד איז געגאנגען מיט א שטארקן טעמפּ און אזוי אויך די ליקווידאציע פון סערוויטוטן; פון די „אָבשטשינעס" איז שוין אין פוילן ניט געבליבן קיין זייכער, און, ענדלעך, האָט דאָס פוילישע פויערטום בא דער רעפאָרם פון 1864 אָפּגעשניטן עטוואָס בעסער. ווי אין איבעריקן רוסלאנד. ער האָט באקומען די גאנצע ערד, וואָס איז געווען אין זײַן באנוץ, און נאָך צוויי הונדערט טויזנט קלענערע „נאדיעלן" פאר די ערדלאָזע פויערים. דאָך זײַנען איבער 60% פון די פויערישע ווירטשאפטן אין פוילן קארליקאָווע און קליינע ווירטשאפטן.

קאמף ליקווידירט. אש ווערט אן אויסגעשפּראָכן בורזשואזער שרײַבער, מיט אן אָריענטאציע ניט נאָר אף דער בורזשואזיע פון אמאָל, נאָר אויך פון הײַנטיק טאָג. דאן אָבער צעגייט זיך ענדגילטיק זײַן וועג מיט די דראָכים פון פּערעץ, נאָמבערג, רייזין.

2

„אין שלעכטע צייטן" הויבט זיך אָן אשס ליטעראַרישע טעטיקייט. דאָס זײַנען אָבער געווען אויך גרויסע צײַטן, קלענערע רעפּעטיציעס צו דער גענעראַלער שלאכט פון 1905.

„אין דעם פּעריאָד 1900—1914 האָט די ווירטשאפט פון קרוין-פּוילן געהאט בלויז דרײַ-פיר רויקע יאָרן", קלאָגט זיך דער פּוילישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט סטאניסלאוו קעמפּנער. 1900—1903 זײַנען יאָרן פון שווערן ווירטשאפטלעכן קריזיס, 1904 — די רוסיש-יאפּאַנישע מילכאָמע, 1905—1908 — די יאָרן פון רעוואָליוציע און קאָנטר-רעוואָליוציע, 1912—1913 — אומרויקע יאָרן צוליב די באלקאנישע מילכאָמעס. „גוטע יאָרן" אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט דער קאפּיטאל בלויז פון 1909 ביז 1911, און מאָף 1913 — אָנהייב 1914.

דער ווירטשאפטלעכער קריזיס אין קרוין-פּוילן אין די יאָרן 1900—1903 איז א טייל פון אלגעמיין-רוסישן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס זײַנע ערשטע סימאָנים מערקן זיך אָן אין יאָר 1899. דער קריזיס אין רוסלאנד איז לעכאַטכילע ענג פארבונדן מיטן וועלט-קריזיס (ס'איז יענער וועלט-קריזיס, וואָס איז דער ענדגילטיקער איבערגאנג צו דער אימפּעריאליסטיש-מאָנאָפּאָליסטישער סטאדיע פון קאפּיטאליזם), ער פארמאָגט אָבער אייגענע ספּעציפישע שטריכן. אין אסאך אינדוסטריע-צווײַגן איז ער געווען אָן א פארגלײַך שארפער, טיפער ווי אין מײַרעוו-אייראָפּע. פון דער אנדערער זײַט האָט ער זיך שטארק פארצויגן, ער האָט געדויערט אין רוסלאנד אויך נאָך דאן, ווען אפן מײַרעוו איז אף זײַן אָרט געקומען א נײַער עקאָנאָמישער אופשטײַג.

צוליבן וועלט-קריזיס שטעלט זיך אָפּ דער צופלוס פון קאפּיטאל אין רוסלאנד. עס אנטשטייט צוליב דעם א געלט-הונגער, ס'ווערט פארשווערט דער קרעדיט, עס פליִען באַרג-אראָפּ די אקציעס, ס'הויבן זיך אָן קראכן די אקציען-געזעלשאפטן און בענק. צוליבן פעלן פון קאפּיטאלן ווערט שארף געקירצט דאָס בויען פון אײַזנבאנען, וואָס גיט א קלאַפּ איבער דער שווערער אינדוסטריע. דאָס אלץ זײַנען „נאָרמאלע" בילדער פון א „נאָרמאלן" קאפּיטאליסטישן קריזיס. אָבער די ספּעציעלע באדײַטונג פון רוסישן אינדוסטריעלן קריזיס איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט אופגעדעקט די גרונט-סטירע צווישן דער אנטוויקלונג פון די קאפּיטאליסטישע פּראָדוציר-קויכעס און די האלב-פעאָדאלע פּראָדוציר-באציונגען.

ציעס אף דער טעמע פון צומאָרגנס נאָכן יאָנטעוו (אשטייגער: „געשלאָסן א געשעפט״). און נאָך מער שטרײַכט עס אונטער דער סאָף פון דער נאָוועלע: „פינצטער איז שוין געווען, אין גאס האָט געבלאָזן א קאלטער הארבסט־ווינט. פון אויבן פון הימל האָבן די שטערן קאלט אראָפּגעשײַנט. דאכט זיך, זיי שרעקן עפּעס״... און ס׳פארענדיקט זיך טרויעריק־סארקאסטיש: „מען פרייט זיך: יעדער האָט דאָך שוין זײַנע טוועס פון פעלד אראָפּגענומען... דער שײַער איז פול״. אין „יוד״ קומט נאָך א שורע: „מאָרגן וועט דער ערשטער פראָסט זײַן״, און עס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז אין די שפּעטערדיקע בוך־אויסגאבעס האָט שוין אש די דאָזיקע פּעסימיסטישע שורע אראָפּגענומען. די נאָוועלע האָט זיך רויִק אײַנגעגלידערט אין די אידיִלישע „שטעטל״־שילדערונגען, און ס׳איז דאָ פאָרגעקומען דיזעלביקע מעטארמאָרפאָזע, וואָס מיט פערעצעס „מעקובאָלים״, וואָס איז צוערשט געדרוקט געווען אין די „יאָנטעוו־בלעטלעך״ מיט א קלאָרן סאטירישן מיין, און אין די שפּעטערדיקע רעאקציע־יאָרן זיך רויִק און גאנץ הארמאָניש אײַנגעפּאסט אין פּערעצעס כסידיש־ציקל.

און אפילע אין דעם אין גרונט בורזשואזן „שטעטל״ רײַסט זיך נאָך אדורך אמאָל דורך דער פּעטער פארע פון יעכעסקל גאָמבינערס שטוב דער הונגער פון דער אָרעמשאפט; דורך דער טענדענציִעזער יאָנטעוודיקײַט, — די שרעק פון דער אָרעמשאפט פארן פראָסטיקן נאָך־יאָנטעוו, דיזעלביקע שטימונג, וואָס מיר ווערן געוואָר אין דער שילדערונג פון דער קאצאָווישער סימכעס־טוירע; „נעכטן איז סימכעס טוירע געווען, און אָן אלץ האָט מען פארגעסן״... הײַנט „איז מען שוין אין מארק געקומען מיט די שטעקעלעך, מוכן אומזומען א גראָשן געלט צו פארדינען. דער ווינט בלאָזט... אלע קלערן איצט אײן געדאנק: נאָר ער אליין (דער באל־יאָכל) וועט הײַנט מיטאָק עסן״... אזוי גיט א בלאָז אין מיטן פון דעם בורזשואז־יאָנטעוודיק אויסגעפּוצטן „שטעטל״ רייזינס וואָכעדיקער מאָטיוו.

דערדאָזיקער אינערלעכער געראנגל ברענגט ארײַן אשן, ניט קוקנדיק אף ליוב־געזאנגען פון דער קריטיק, אין א שווערער שטימונג. צום יאָר 1904, דערציילט א. רייזין, איז אש „שטארק פארצווייפלט און גלויבט ניט אפילע אין זײַן טאלאנט, און אים דאכט זיך, אז אלץ וואָס ער האָט ביז אהער געשריבן, האָט ניט קיין שום ווערט״. (עפּיזאָדן פון מײַן לעבן, 2, 290). עס האָט זיך שוין דאן געדרוקט אשס „שטעטל״.

און אפילע מיטן „שטעטל״ קען מען דעמדאָזיקן קאמף, דאָסדאָזיקע וואקלעניש צווישן קליינבירגערטום און בורזשואזיִע ניט האלטן פאר ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן, אף וויפל עס גייען אויך דורכן „שטעטל״ צוויי שטראָמען: א באלעגופיש־רעאליסטישער און אן עלעגיש־בעווײנענדיקער, ראָמאנטיזירנדיקער, וואָס פארבט אָפּ ערטערווײַז די פּאָעמע קליינבירגערלעך־אינטעלעגענטיש. ערשט זינט 1907, זינט דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציִע פון 1905, איז דערדאָזיקער

(ש. אש. מײַן ערשטע באקאנטשאפט מיט פּערעצן. „צוקונפט„, 1915, 460). אין אשס העברייִשע זאכן פּעלט אָבער מער ווי לאָשן — עס פעלט לאכלוטן און אייגענער פּאָנים. ער זאָגט נאָך אנדערע שרײַבער, וואָס האָבן דאָסזעלביקע געזאָגט פריער, בעסער, אופריכטיקער, טיפער. 1) זײַ דאָקומענטירן גלײַכצײַטיק דעם שווערן דרוק פון קלײנבירגערלעך-אינטעליגענטישער אידעאָלאָגיע אף דעם יונגן אש.

גאָר אן אנדער טאָן הערשט אָבער אין אשס ייִדישע דערציילונגען פון דעמזעלביקן פּעריאָד, ווו ער גײט ענערגיש צום „שטעטל". אבער אויך דאָ לאָזט זיך נאָך שטארק פילן דער קלײנבירגערלעכער דרוק, די קלײנבירגערלעכע באַפּארבונג. אין די העברייִשע זאכן (דאָס פּערעצישע „מיטן שטראָם" איז לעכאטכילע טאקע געשריבן אין העברייִש) גײט אש לײַכט אין שפּאן פון פּערעצן, נאָמבערגן, רײזינען; אין די ייִדישע נאָוועלן בונטעוועט ער זיך שוין, און דער סטילן-קאמף איז דאָ שארפער. זײער כאראקטעריסטיש אין דעמדאָזיקן זינען איז צ. ב. די נאָוועלע „סימכעס-טוירע אין דער קאצאָווישער שול" (צוערשט געדרוקט אין „יוד", נום. 42, 43, 1902). דאָ האָבן מיר שוין אין טאָך דיזעלביקע אידעאָלאָגיע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין „שטעטל": די אכדעט פון כסידים-נעגידים, „באלעבאטים" און „קוילער-געסל", פעסט צוזאַמענגעשמידט דורך דעם רעליגיעזן שטײגער; יאָנטעוודיקײַט און שאבעסדיקײַט, וואָס דעקט צו דעם שרײַענדיקן עלנט און נויט פון דער שטעטלדיקער מאסע. אין אשס פריִיִקע נאָוועלן איז אָבער ניט דײַטלעך די שפּעטערדיקע טענדענץ אויסצומײַדן, פארשמירן דעם נויט-מאָטיוו. מע וואָלט פארקערט געקענט זאָגן, אז די גאנצע נאָוועלע איז געבויט אפן קאָנטראסט, אז איר גאנצע ציל-אײַנשטעלונג איז שילדערן דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם יאָנטעוו פון דער שטעטלשער אָרעמשאפט און דעם גרויען, פּראָסטיקן אף-צומאָרגנס נאָכן יאָנטעוו:

„און וואָס אמאָל האָט זיך דער אוי-אוי אלץ מער פארגרעסערט, אלץ שטארקער געהילכט, און האָט א ייִד א בליק אין פענצטער געוואָרפן און די פארלאָפענע שויבן געזען, האָט ער מיטגעברומט: אוי, אוי, דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט!

„א צווייטער ייִד האָט מיטגעזונגען: „דער אויוון איז צעבראָכן", און א דריטער ייִד האָט מיטגעזונגען: „און דער פעלץ איז אויסגעקראָכן", און דער איבעריקער עולעם האָט א ברום געגעבן: „און קײן געלט איז ניטאָ".

דאָס קלינגט שוין ארײַן אין די טרויעריק-קאבצאָנישע שטימונגען פון די פאָלקסטימלעכע האמאווידיל-לידער און פון אוורהאָם רײזינס צאָלרײַכע ווארי-

1) דידאָזיקע דערשײַנונג, אן אָפּטע בא יונגע שרײַבער, האָט פלעכאנאָוו אזוי אָפּגעשאצט: ס'איז ניט זײער שולד, נאָר דער פארדינסט פון זײערע ליטערארישע לערער. באנד 24, זז. 282־283).

רייזין און פון פערעצן, דעם רעאַליסט. אזוי צ. ב., דערמאָנט שמארק „הבטלן" פערעצעס „א קאַעס פון א ייִדענע". אַש פרוּווט אפילע נאָכמאכן פערעצעס כסידישע מאָטיוון, און גיט א נאָוועלע „גלגול ספר", ווו ער מאכט נאָך (גאַנץ געלונגען) פערעצעס „גלגל פון א ניגון" (ס'איז טאקע געווידמעט פערעצן).

די צענטראַלע פיר דערציילונגען אין דערדאָזיקער זאמלונג (בלי בית, השקרן, בדרך, פיינבערג) זיינען אָבער טיפּיש נאָמבערגיש: זיי שילדערן אַף א גריבלע-ריש-פּסיכאָלאָגישן אופן די פיזישע און גייסטיקעליידן פון „אינטעליגענטן פּראָלעטאַריאַט", ווי פלעכאנאָוו רופט עס, פון קליינשטעטלדיקע באָכערים, וואָס דרייען זיך ארום הונגעריקע און איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט מיט א פּאַר-צווייפלטער אויסזיכטלאָזיקייט, גיבן שטונדן, האָבן פיינט זייערע זאטע באַלע-באַטים און זיינען זיי מעקאַנע, כאָלעמען וועגן מיידלעך און וועגן א באַלע-באַטישן כאַסענע האָבן, פרירן און טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד. ניט קיין וואונדער, אז אין „בלי בית" פילט זיך אויך די האַשפּאָע פון האַמסונס „הונגער". וואָס דריקט אויס דיזעלביקע יעסורים פון א הונגעריקן אינטעליגענט. אָט איז א טשיקאַווער ציטאַט פון „בלי בית": „עס דוכט זיך אים, אז אַלע מענטשן זעען און ווייסן, וואָס עס קומט פאָר אין זיין האַרצן, זיי זעען און ווייסן, אז נאָך אביסל, אז נאָך א מינוט וועט ער פאַלן און שטאַרבן, און ס'איז אזוי, ווי זיי וואָלטן בלויז געוואַרט דערויף, בלויז צוליב דעם, ביכדיי צו זען מיין טויט, זיינען זיי געקומען אין גאָרטן. זיי האָבן אים כיטרע פאַרשלעפּט אין גאָרטן, ביכדיי ער זאָל שטאַרבן פון הונגער — און זיי וועלן זיך צוקוקן און האַנאָע האָבן פון זיין טויט.

„ער זיצט אַף אַן אַנדער באַנק. פאַר אים איז די דיקע פרוי, מיט רויטע פולע באַקן און גוידערדיקן האַלדז, אירע אויגן זיינען געווענדעט צו אים און ס'דוכט זיך, ווי זי וואָלט געוואַרט מיט אומגעדולד ער זאָל פאַלן און שטאַרבן, און אויסגיין פון הונגער. ס'איז אזוי ווי זי וואָלט אים געוווּנקען מיט די אויגן: „מאַך עס גיכער! שטאַרב גיכער! גיכער!" („סיפּורים", 128-129).

און ווען עס זיינען שוין געגעבן אין דערדאָזיקער זאמלונג צוויי דערציי-לונגען, וואָס געהערט צום „שטעטל"-פּלאַן, ווערן זיי אויך באַאַרבעט קליינ-בירגערלעך-אינטעליגענטיש. „דער גאַנעוו" איז א פּאָר-עסקיז צו אַשס אונטערוועלט-גאַלעריי, אָבער געגעבן אין פּלאַן פון א גריבלעריש-פּסיכאָלאָגי-שער שילדערונג — דער גאַנעוו איז א מין פּאַטאָלאָגיש-פּסיכישע דערשיינונג, ענלעך ווי די שוטע, אָדער די מעשוגענע מאַמע, אָדער די אידיאָטישע בעט-לערקע. און די צווייטע שילדערונג — „אפן ברעג פון ווייסל", — א סענטימע-טאַל ליד אין פּראָזע, פּאַסט זיך דאָ אריין בלויז ווי א פּראָטעסט קעגן דער גרויס-שטאָט.

אַש דערציילט, אז פערעץ האָט אים אָפּגערעדט פון שרייבן אין העברעיש: „וואָס איר ווילט זאָגן, קענט איר ניט, ווייל עס פעלט אייך אויס לאָשן"...

אָרט, שרײַבט ניט שלעכט — און רוקט זיך דאָך ניט פאָרויס. קאַלזמאַן עס איז
ניט געפאלן די ענטשיידונג אין דעמדאָזיקן שווערן און צעפרעסנדיקן סטילן-
קאמף, איז דער אָנפאנגער-פעריאָד ניט פארענדיקט. ער קען זיך דאן פארציען
אף לאנגע יאָרן. בא מענדעלען דויערט ער ניט ווייניקער ווי 7 יאָר (1869-1862),
און ענלעך איז דער פאל מיט שאָלעם אליכעמען.

מענדעלעס קונסט האָט זיך ניט גערוקט פון אָרט, קאַלזמאַן עס איז ניט
אויסגעקעמפט געוואָרן די שלאכט צווישן זײַן לעכאטכילעדיקן בורזשואזן
אופקלערערטום און דער שפעטערדיקער פאָלקיסטיש-קלײנבירגערלעכער אָרי-
ענטאציע. ענלעך איז געווען בא אשן — צעריסנקײַט, געשפאָלטנקײַט צווישן
אינטעליגענטישער קלײנבירגערלעכקײַט און אנטשיידן-בורזשואזער אָריענטאציע.
אָבער בא מענדעלען איז די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פון זײַן קונסט אוועק
אף א קלײנבירגערלעכער באזע, בא אשן — אף א בורזשואזער.

עס-קומט אונדז איצט אויס ווילד, אז אש האָט אנגעהויבן מיט נאָמבער-
גיש-אינטעליגענטישע גריבלערײַען און מיט סצענעס פון נויט און פארצוויי-
לונג אין סטיל פון אווראָם רייזין און פערעצעס „קאַס פון א יידענע”. דאָס
איז דער גרונט-מאָטיוו ביפראט פון זײַנע העברייישע זאכן אין דעמדאָזיקן
פעריאָד. אָבער אפילע די ערשטע יידישע זאמלונג פון אשס דערציילונגען
טראָגט דעם פעסימיסטישן נאָמען „אין א שלעכטער צײַט” (1903).

די העברייישע זאכן פון יענער צײַט זאָגן איידעט אף אן אָנוואָרצלדיקער,
דעקלאסירטער קונכט. א דורכויס פארשטענדלעכע דערשײַנונג בא א שרײַבער,
וואָס האָט אָקאָרשט צעריסן אין אלע היינזיכטן מיט דער נעכטיקער סוויווע,
טראדיציע, שטייגער, — אומבאהאָלפן אין דער גרויסער שטאָט, פארפלייצט פון
אײַנדרוקן, פון נײַע יעדיעס און דערפארונגען, צעקוועטשט פון נײַע גרויזאמע
עקאָנאָמיש-געזעלשאפטלעכע באציונגען. „איך בין געקומען צו פערעצן — און
זיך באזעצט אין ווארשע. דאָרט האָב איך דרײַ יאָר נאָכאנאנד געליטן הונגער.
איך האָב געווינט אין פינצטערע און נאסע לעכער, באגעגנט זיך פאָנים על
פאָנים מיט דער מענטשלעכער נויט, מיט אָנסאָפיקע ליידן”... (פון אשס אן
אינטערוויו, „ליט. בלעטער”, 1930, — נום. 37). אין א צוויי יאָר ווערט דורכ-
געמאכט דער שווערער קרײַז פון בורזשואזן מאסקיליזם, וואָס גלויבט אָפטי-
מיסטיש אין דער קאפיטאליסטישער ציוויליזאציע און פראָגרעס, ביז קלײנביר-
גערלעך-אינטעליגענטישער אנטוישונג, מידקײַט, אײנזאמקײַט. אזוי ווערט געבוירן
די דראמע „מיטן שטראָם” — א וויכטיקער דאָקומענט פאר אש דעמאָלטיקן
פסיכאָ-אידעאָלאָגישן צושטאנד.

אין זײַנע העברייישע „סיפורים” שילדערט אש די מעשוגענע מאמע, די
שטומע (האלמת), די אידיאָטישע בעטלערקע (החפצה להנשא). אנדערע זאכן
שילדערן שטעטלדיקע נויט און עלנט, אויסזיכטלאָזע אָרעמקײַט פון קלײנ-
קרעמערישן, לאמדישן גראד, און דאָ קאָמבינירט אש דעם סטיל פון אווראָם

## 2. דער יונגער אַש

„װען איך װאָלט מיך צוגעהערט אינגאַנצן צו פּערעצן, װאָלט איך ניט געשאַפן ניט נאָר „גאָט פון נקמה“, נאָר אַפילו „דאָס שטעטל“, און װאָלט געבליבן בײַ מײַנע נאַיװע קינדער־שטי־מונגען, מיט װעלכע איך בין געקומען פון קוטנע. מיר איז אױסגעקומען שפּעטער קעמפן פאַר מײַן זעלבשטענדיקײַט, און דאָס האָט אַרײַנגע־בראַכט צװישן אונדז אַ דיסהאַרמאָניע“.

ש. אַש

(„ליט־בלעטער“, 958, 1930)

1

אױך אַש האָט געהאַט זײַן אָנפאַנגער־פּעריאָד װאָס ציט זיך ביזן „שטעטל“ — ביז 1904, און אַפילו נאָך שפּעטער, ביז 1907, אַ פּעריאָד, פון קאַמף פאַר אַן אײגענעם סטיל. אַש איז שטאַרק פּראָדוקטיװ שױן באַם אָנהײב פון זײַן ליטע־ראַרישער קאַריערע, שרײַבט אַסאַך סײַ אין העברעיִש, סײַ אין ייִדיש. עס װאָלט געװען אַ טעות צו מײנען, אַז ער גיט אין דעמדאָזיקן פּעריאָד דורכױס שװאַכע זאַכן. פאַרקערט, אין זײַן באַנד „סיפּורים“ (1902) געפינען מיר גלענ־צנדיקע זאַכן, װאָס קענען זיך פאַרמעסטן מיט נאָמבערגס און רײזינס קונסט (אַשטײגער „די מעשוגענע מאַמע“). אַזױ אױך אין זײַן שאַפן אױף ייִדיש, װו ער גיט שױן אין די ערשטע יאָרן פּרעכטיקע שטעטל־דערצײלונגען (צ. ב. „די ערשטע סײדער־נאַכט“, „די מאַמע מיט דער טאָכטער“, „סימכעס־טױרע אין דער קאַצאָװישער שול“ א. א. װ.). און דאָך איז עס אַ פּעריאָד פון קעסײ־דערדיקע װאַקלענישן, פון סטילן־קאַמף אין שױס פון דערזעלביקער קונסט, אַ גוט־באַקאַנטע דערשײַנונג: אַ שריט פאָרױס און אַ שריט צוריק; די באַװע־גונג פאָרױס אין דער פלאַך פון אײן סטיל (אין אַשס פאַל — דעם בורזשואַזן סטיל פון „שטעטל“) װערט גלײַך קאָמפּענסירט דורך אַ גלײַכצײַטיקער באַװע־גונג אין דער פלאַך פון אַ קעגנזעצלעכן סטיל. דער אָנפאַנגער איז שױן אַרױס פון דער סטאַדיע פון טעכנישער ניטגעניטשאַפט, און דרײט זיך דאָך אױף אַן

שעם — 1919. „דער טויטער מענטש" — 1920. „קישעפמאכערן פון קאסטיליען" — 1920-1921.

ווּקס פון מיסטישע שטימונגען, ווי א רעזולטאט פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע און דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע, וואָס צעטרייסלען די קאפיטאליסטישע וועלט. פאנאנדערוויקלונג פון דער קידעש-האשעם-אידעאָלאָגיע — אין א ריי ראָמאנען און דראמעס. אש טוט זיך אָפּ א קער צום אָפּיציעלן ציאָניזם (זינט דער באלפור-דעקלאראציע, 1917) און צום יידישן קלעריקאליזם, ווערט „דער גרויסער נאציאָנאלער דיכטער", ד. ה. דער הילכער (רופאָר) פון דער יאהודישער, גרויסבורזשואזער אידעאָלאָגיע.

4. 1920—1930. די וויכטיקסטע ווערק: „די מוטער", 1923. „טויטאורטייל", 1925. „כאַים לעדערערס צוריקקומען". „קוילן" — 1922-1928. די טרילאָגיע „פארן מאבל" — „פעטערבורג", „ווארשע", „מאָסקווע" — 1928-1930.

ענדגילטיקע פאשיזירונג פון אשס שאפן. אשס קונסט און געזעלשאפטלעכע טעטיקייט ווענדט זיך די לעצטע יאָרן מיט דער גאנצער שארף קעגן דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע און דעם סאָוועטנפארבאנד.

מע דארף נאטירלעך ניט פארשטיין דידאָזיקע פעריאָדיזאציע אין דעם זינען, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט שטרענג-אָפּגעשלאָסענע, איזאָלירטע פעריאָדן.

אונדזער אָפּהאנדלונג האָבן מיר געבויט, צוליב טעכנישע טעמים, אפן אנאליז פון איינצלנע טעמאטישע קאָמפּלעקסן. עס איז צ. ב. באקוועמער באהאנדלען אין איין קאפיטל אשס אלע ווערק, ווו ער שטעלט זיך אויג אף אויג מיט דער רעוואָלוציע — דער „גענעראלער רעפעטיציע" פון 1905 און דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע, ביפראט ווייל אשס לעצטע סעריע ראָמאנען („פארן מאבל") זיינען סיי אידעאָלאָגיש, סיי שטאָפלעך א מין פאָרזעצונג פון „מערי". ענלעך איז אינטערעסאנט געוועז נאָכצופאָרשן די עוואָלוציע פון אשס שטעלונג צו דער אמעריקאנער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. אין יעדן קאָמפּלעקס האָבן מיר אָבער זיך באמיט נאָכגיין אשס גילגולים פון עטאפ צו עטאפ.

פון 29 נאוועמבער, ז. 12-11. אין אלגעמיין, אין גרויסע שטריכן געצייכנט, קען מען איַינטיילן אשס ליטעראַרישן וועג אין פיר פעריאָדן:

1. 1906—1900. די וויכטיקסטע ווערק פון דעמדאָזיקן פעריאָד: די העברייִשע „ספורים", 1902. „אום ווינטער", „מיטן שטראָם"—אשס ערשטע דראַמעס — 1904. „אין א שלעכטער צייַט" — אשס ערשטע זאמלונג אין יידיש — 1903. ערשטע שטעטלדיקע נאָוועלן. די פּאָעמע „שטעטל" — 1904. מאָשיאכס צייַטן — 1906.

א געראנגל פון קליינבירגערלעכע און בורזשואזע מאָטיוון אין אשס שאפן. אש האָט אָנגעהויבן מיט העברייִשע נאָוועלן אין רייזענס און נאָמבערגס סטיל. אָבער שוין אין זייַנע ערשטע יידישע נאָוועלן (1902-1901) גייט ער מיט פעסטע שריט צום בורזשואזן „שטעטל", כאָטש אויך אף זיי פילט זיך דער קליינביר-גערלעכער דרוק. אשס ווערק שפּיגלען אָפּ אין דעמדאָזיקן פעריאָד דעם שווערן קריזיס, וואָס איז פאָרויסגעגאנגען דער רעוואָלוציע פון 1905, און די פּאָגראָ-מען, מיט וועלכע דער צאריזם איז אנטקעגנגעגאנגען דער שאריענדיקער רעוואָלוציע. אין די רעוואָלוציע-יאָרן 1906-1905 דריקט אויס אש די צעטומלט-קייַט, ניטדעצידירטקייַט און בעהאָלע פון גרויסע שיכטן פון דער יידישער מיטל- און קליין-בורזשואזיע (צ. ב. „מאָשיאכס צייַטן").

2. 1914—1907. די וויכטיקסטע ווערק פון דעמדאָזיקן פעריאָד: „גאָט פון נעקאָמע", 1907. א צווייטע סעריע שטעטלדיקע נאָוועלן. „ייִכעס", „לאנדס-מאן" — 1909. ביבלישע זאכן — „שאבסע צווי", 1908. „אין ערעץ-ייִסראָעל" (צוערשט געדרוקט אין דער אנארכיסטישער „פרייַער געזעלשאפט", 1910). „ייִפטאָכס טאָכטער", 1913. „כורבן בייס האמיקדאָש", 1912. „מייַסעלעך פון כומעש", 1913. „שלוימע נאָגיד", 1913. „מערי", 1911. „דער וועג צו זיך", 1913. „אמעריקע", 1911.

אש ווערט אין דעמדאָזיקן פעריאָד — דער רעאקציע-פעריאָד נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָלוציע פון 1905 — אן אויסגעשפּראָכענער בורזשואזער, רעאקציאָנערער שרייַבער. אין א ריי ווערק דריקט ער איצט אויס די אָריענ-טאציע אף דעם אופגעקומענעם געוויר, אפן באלעגוף און אָלרייַטניק. אן אויס-דרוק פון דער רעאקציע זייַנען אויך די מאָדערניסטיש-דעקאדענטישע אידייען, וואָס באהערשן ביפראט זייַן דראמאטורגיע. אויך אין דער רוסישער און פּוילי-שער ליטעראטור פייַערט דאן דער מאָדערניזם זייַן נייַעם טכיעס האמייסים. דער כאָף פון דעמדאָזיקן פעריאָד צייכנט אָן דעם אָנהויב פון א קלעריקאל-מיסטישן שטראָם אין אשס שאפן. עס ווערט מיט מאזל געבוירן די קידעש-האשעם-אידעאָלאָגיע („מערי"). דאָס עלעגישע „שטעטל" ווערט קאָריגירט אין אין דעם זאט-העלדישן „שלוימע נאָגיד".

3. 1920—1914. די וויכטיקסטע ווערק: „א שנירל פּערל", 1916. „מאָטקע גאנעוו" — 1916. „אָנקל מאָזעס", 1918 (?). „מאראנען", 1919. „קידעש-הא-

זײַטיקע װעגן פֿון אשס קינסטלערישער אָנשטרענגונג. אשס דראמעס — ער האָט פארפאסט ניט װייניקער פון 21 דראמעס — קאָנען לײַכט צעקלאפט װערן לויט די 5 קאָמפלעקסן, אשטייגער „שאבסע צװי,״ „מאראנען״ — געהערן צום היס־טאָרישן קאָמפלעקס, „דער לאנדסמאן״ און „ראבי דר. זילבער״ צום אמעריקא־נער ציקל, „ייִפטאכס טאָכטער״, „אמנון און טאָמאָר״, „יוסף״ — צום ביבלישן, א. א. װ.

נאָך אלעמען איז אזא קלאסיפיקאציע גאנץ אויבערפלעכלעך, אף װיפל זי בויט זיך אף אן אויסערלעכן סימען. װען מיר זאָלן נעמען אן אידעאָלאָגישן סימען, צ. ב. אופזאמלען אין איין רובריק װערק, װאָס פריידיקן די קידעש־האשעם־אידיי, װעט זיך באקומען אזא ליסטע: „מערי״ „דער װעג צו זיך״, „פאר אונדזער גלויבן״, „א שנירל פערל״, „דער טויטער מענטש״, קידעש־האשעם״, „קישעפמאכערן פון קאסטיליען״, אשס לעצטע דרײַ ראָמאנען („פארן מאבל״) א. א. װ.

א גרינטלעכע קלאסיפיקאציע פון אשס װערק קאָן געבן בלויז זייער אנאליז אין היסטאָרישן אספעקט, ד. ה. א פעריאָדיזאציע פון אשס שאפן. די טעמאטישע קאָמפלעקסן שטייען בא אשן ניט אָפגעשלאָסן. עס איז ניט אזוי, אז געענדיקט מיט איין ציקל, גייט אש אריבער צום צװייטן. אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן גיט אש סײַ ראָמאנען, װאָס זײַנען א מין פאָרזעצונג פון „מערי״, סײַ שטעטלדיקע זאכן, סײַ װערק פון אמעריקאנער לעבן א. א. װ. די פעריאָדיזא־ציע פון אשס שאפן איז פארשװערט צוליב אסאך טײַמים. קוידעמקאָל צוליב דעם, װאָס אדזהאיעם איז ניטאָ קיין פינקטלעכע דאטירונג פון אשס װערק. רייזענס לעקסיקאָן גיט זייער װייניק דאטעס, און ניט אלעמאָל קען מען זיך פארלאָזן אף רייזענס א דאטע. אזוי צ. ב. איז „מאָשיאכס צײַטן״ דערשינען 1907, ניט 1906. װי א קלאל גיט רייזען טאָמיד די דאטע, װען דאָס װערק איז דערשינען אין בוכפאָרם, בעיס עס איז ביז גאָר װיכטיק אױך צו װיסן, װען דאָס װערק איז אָנגעשריבן געװאָרן אָדער לעכאָלאפאָכעס צוערשט געדרוקט געװאָרן אין א זשורנאל אָדער צײַטונג; אָננעמענדיק, אז בא אזא פאָפולערן שרײַבער, װי אש, װאלגערן זיך ניט מאנוסקריפטן אין שרײַבטיש. אש גופע האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין אינטערעס פאר דער דאטירונג פון זײַנע װערק; און רופט ער אָן א דאטע, קאָנט איר זײַן זיכער, אז די דאטע שטימט ניט. אָט איז א בײַשפיל: אין זײַן ארטיקל „מײַן ערשטע באקאנטשאפט מיט פערעצן״ צוקונפט 1915. ז. 461 שרײַבט אש: „און אזוי איז טאקע געװען. „מוישעלע״ איז געװען די ערשטע זאך, װאָס איך האָב אָפגעדרוקט אין יאָר 1897, נאָך סוקעס, אין „יוד״. — דער קראָקעװער „יוד״ האָט אָבער אָנגעהויבן דערשײַנען ערשט אין יאָר 1899! אש האָט א טאָעס געהאט סאכאקל אין דרײַ יאָר: „מוישעלע״, אשס ערשטע זאך, איז אָפגעדרוקט, אין „יוד״, 1900, נום. 48,

באהאנדלט שטיפמוטעריש זייַנע סטיליסטישע מיטלען, וואָס גיט זיך קיינמאָל ניט די מי אויסצוגלעטן און פייַלן זייַן שפּראַך, איז אָבער זייער עמפּינדלעך בענעגייע זייַנע „יוגנט-זינד". די קולטור-ליגע-אויסגאַבע גיט בלויז דעם לעצטן, רעאַקציאָנערסטן נוסעך. עס איז אַלזאָ ראַטזאַם, אַז דער פאָרשער זאָל טאָמיד דעם בוך-נוסעך פאַרגלייַכן מיטן זשורנאַל-טעקסט (אויף וויפל דאָס איז מעגלעך).

עס איז אַ שווערע אופגאַבע זיך פאַנאַנדערצוקלייַבן אין אַזאַ מאַסע ווערק.

עס רוקט זיך גלייַך אַרויס די אופגאַבע זיי קלאַסיפיצירן, אייַנטיילן און זאַמלען לויט באַשטימטע סימאָנים.

אַזאַ מין בוילעטער אויסערלעכער סימען איז די טעמאַטיק. זי דערלויבט אייַנצוטיילן אַש׳ס שאַפן אין אַזעלכע קאָמפּלעקסן:

1. שטעטל-קאָמפּלעקס. דאָ גייען אַרייַן סייַ די נאָוועלן, וואָס זייַנען פאָרויסגעגאַנגען דער פּאָעמע „שטעטל" און אין אַ געוויסער מאָס זי צוגע-גרייט (אַשטייגער „די ערשטע סיידער-נאַכט", „יוד", 1901, „די מאַמע מיט דער טאָכטער", „אהיים", אין „אילושא" (שפּעטער הייסט עס „אַ געגעט פאָרפאָלק"), „מאַכלויקעס אין קאָרטשעווע", סימכעסטוירע אין דער קאַצאָווישער שול — אַלע געדרוקט אין „יוד" 1902, אַ ריי נאָוועלן פון דעם זאַמלבוך „אין אַ שלעכטער צייַט", 1903), סייַ אַזעלכע, וואָס האָבן שפּעטער דערגאַנצט דאָס שטעטל-בילד. אַזעלכע נאָוועלן האָט אַש געשריבן אפילע נאָך 1914. דאָ דאַרף אַרייַנגערעכנט ווערן אויך „מאָטקע גאַנעוו", וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אייַנצלנע זייַטלעך אין „שטעטל" און „שלוימע נאָגיד", און פון די נאָוועלן „דער יונג מיטן קינד" און „דער גאַנעוו מיט זייַן מוטער".

דאָ געהערט נאַטירלעך אויך „שלוימע נאָגיד".

2. נאָענט שליסן זיך אָן צוויי קאָמפּלעקסן: דער ביבלישער קאָמפּלעקס („אין ערעץ-יִיסראָעל", „מוישע", „מייַסעלעך פון כומעש", „כורבן בייס-האַמיקדעש" און אַנדערע זאַכן) און

3. דער היסטאָרישער קאָמפּלעקס: „קידעש-האַשעם", „קישעפמאַכערן פון קאַסטיליען" און פאַרשיידענע היסטאָרישע נאָוועלן.

4. אַמעריקאַנער קאָמפּלעקס: דעם איבערגאַנג צו אים שטעלט פאָר „אַמע-ריקע", דאַן קומען די ראָמאַנען: „אָנקל מאָזעס", „די מוטער", „כאַיִם לעדע-רערס צוריקקומען", „טויטאורטייל", און אַ גרויסע צאָל נאָוועלן פון יִידיש-אַמע-ריקאַנער לעבן.

5. רעוואָליוציע-קאָמפּלעקס: די שוין דערמאָנטע „מאָמענטן", עטלעכע נאָוועלן, און די ראָמאַנען: „מערי", „דער וועג צו זיך", „פּעטערבורג", „וואַרשע". „מאָסקווע".

מיט דידאַקטיקע 5 טעמאַטישע הויפּט-ליניעס שעפּט זיך נאָך ניט אויס אַש׳ס שאַפן. פאַראַן נאָך אַ גרויסע צאָל קלענערע ווערק, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר

באזוך פון סאָוועטנפארבאנד, און שליסט זיך מיט דער נאַיִווער האָפענונג, אז „באקענענדיק זיך מיט פ. ס. ס. ר., דערקענענדיק דעם וועג פון די ייִדישע מאסן אין פ. ס. ס. ר., וועט דער קינסטלער ש. אש דערמאָנען זיך אָן זײַן „יוגנט". — נוסינאָוו אידעאליזירט אשס יוגנט, וואָס גיט קיין שום גרונט ניט פאר אַזעלכע האָפענונגען. געענדיקט האָט זיך, ווי באקאנט, „מיטן קלאפּ אין טיש".

צו אָט דער פראגע איז צוריקגעקומען כ׳ מ. ליטוואקאָוו אין די ארטיקלען „א קלאפּ אין טיש און א לעק אין שטיוול", אין „עמעס", 1929, נומ. 147-149. דערדאָזיקער פּאָליטישער פּאמפלעט געהערט צו ליטוואקאָווס בעסטע ארטיקלען. ליטוואקאָוו באהאנדלט אָבער בלויז אשס פּאָליטישן וועג, זײַנע זיגזאגן ווי א געזועלשאפטלעכן טוער.

דער ביבליאָגראף וועט פארצייכענען נאָך הונדערטער מײַמארים, פאטעטישע און לירישע, אפּאָלאָגעטישע און—זעלטן—אויך נעגירנדיקע וועגן אשן (אשטייגער, גלאזמאנס אָפענער בריוו צו אשן). ס׳ראָוו גלאנצן דידאָזיקע מײמארים מיט פוסטקײַט און געדאנקלאָזיקײַט. דאָס איז נעגייע אויך די פּאטאָל-לײדיקע יובילײ-נומערן פון די „ליט. בלעטער" פון די יאָרן 1925 און 1930 (51-52).

2

אש געהערט צו די אקטיווסטע ייִדישע שרײַבער. בלויז איין שאָלעם-אלייכעם האָט אים אריבערגעשטיגן אין דער גיכקײַט און אין די טעמפּן פון זײַן ליטעראַרישן שאפן.

אלע ווערק פון ש. אש האָט לעצטנס ארויסגעגעבן די ווארשעווער „קולטור-ליגע". דער לעצטער באנד, „ווארשע", איז דער 25-טער. ס׳איז אין אלגעמיין א שלעכטע אויסגאבע. אשס ווערק ווערן געזאמלט לויט א ניטקלאָרן פּרינציפּ. די כראָנאָלאָגיע ווערט ניט אָפּגעהיט, אָבער אויך ניט דער טעמאטישער פּרינציפּ. עטלעכע בענדער האָבן א פארשיידענעם צוזאמענשטעל אין פארשיידענע אופלאגעס. די אויסגאבע איז אויך ניט פולשטענדיק: עס זײַנען דאָ צ. ב. ניט אריין אשס טאָגבוך פון דער רעוואָליוציע 1905 („מאָמענטן פון דער פרײַהײַטס-באוועגונג", קראָקע-ווארשע 1908), מינאסטאם אף אשס ווונטש; די דראמע „ווער איז דער פאָטער?" א. א. זאַכן. קיין שום זאך איז ניט דאטירט, און דער פאָרשער מוז אליין אופשטעלן די כראָנאָלאָגיע פון אשס ווערק. אין דער אויסגאבע פעלן די װאריאנטן פון אשס ווערק.

עס איז ווייניק באקאנט, אז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אש פארשארפט די רעאקציאָנערע טענדענץ פון זײַנע ווערק. אזוי צ. ב. האָט אש ארויסגעוואָרפן אן אנטי-ציאָניסטישע טיראדע פון דעם „וועג צו זיך". די דראמע „די קינדער פון דער ערד" (צוקונפט, 1922) האָט אש שפּעטער איבערגעארבעט אין די בוילעט-פאשיסטישע „קוילן" (1928), א. א. וו. אש, וואָס

די שווערע נאָכמילכאָמעדיקע רעאקציע און די פאשיזירונג פון גרויסע שיכטן פון יידישן קליינבירגערטום אין אויסלאנד האָט געבוירן טרונקס בוך „אידעאליזם און נאטוראליזם אין דער יידישער ליטעראטור",ווארשע 1927, וואָס איז אין טאָך געווידמעט אשס שאפן. טרונקס בוך באשטעטיקט דעם געדאנק, אז יעדע אש-אפאָלאָגיע מוז פירן צו דער נעגאציע פון וויַסענבערגס שאפן. און אויך פארקערט. ניט קיין ווונדער, אז כ׳ ליטוואקאָווס אריַינפיר צו וויַסענבערגס ווערק (אין דער „ביבליאָטעק יידישע שריַיבער") האָט אויך געמוזט קעגנשטעלן אשס און וויַסענבערגס קונסט. עס איז א דורכויס געזעצמעסיקע דערשיַינונג: וויַסענבערג צעשטערט דעם שאָלעם-ביַיעס פון דער יידישער ליטע-ראטור אין די יאָרן 1905-1914, זיַין דערשיַינונג אין דער יידישער ליטעראטור איז דער שארפסטער פראָטעסט קעגן אשס גאנץ שאפן. אש—וויַסענבערג באדיַיט, דעם קאמף פון צוויי סטילן, און סטילן-קאמף איז דאָך קלאסנקאמף. אזוי געהערן וויַסענבערגס ווערק צו דעם פעריאָד פון דער אורשפרינגלעכער אָנזאמ-לונג פון דער יידישער פראָלעטארישער ליטעראטור, בעיס אשס דיכטונג איז בורזשואזע קונסט. — טרונק איז אין אלגעמיין קאָנסעקווענט-רעאקציאָנער: „שלוימע נאָגיד" שטעלט ער נאטירלעך הע... פון אשס „שטעטל", ער בא-גריסט באגיַיסטערט אויב ניט די קונסט, איז ד... אידעאָלאָגיע פון „קידעש-הא-שעם" און „קישעפמאכערן פון קאסטיליע". און פארשוויַיגט רויק אשס רעא-ליסטישע ראָמאנען און נאָוועלן. בלויז די ניטפארהילטע רעאקציע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין טרונקס ווערק און איז א וויכטיקער געזעשאפטלעכער סימפ-טאָם, פארדינט אופמערקזאמקיַיט.

עס לוינט צו פארצייכענען, אז פערעץ האָט אין יאָר 1907 רעצענזירט אשס פיעסעס „מאָשיאכס ציַיטן" און „גאָט פון נעקאָמע". (ליטעראטור און לעבן ז. 96-100). „איך וויל אים ... עם מאָרער דערלאנגען, עס דארף געטאָן ווערן מיט ליבשאפט" — זאָגט פערעץ. פערעצעס ארטיקל איז לוידער ווייניק אינטע-רעסאנט. פערעץ קריטיקירט, פון אויבערפלעכלעך-ראציאָנאליסטישן שטאנדפונקט, פארשיידענע זיַיטיקע, אָנגעטראָגענע עפעקטן אין אשס דראמעס. אמאָל איז פערעץ גערעכט, אמאָל ניט... מיט רעכט פארצייכנט פערעץ צ. ב. אשס כיינד-לען זיך צו דער פוילישער זיַיט אין דער יוסטינע-געשטאלט, אויך אשס קרי-כערישע באציונג צו די רוסישע שריַיבער.

סאכאקל פארמאָגן מיר צוויי מארקסיסטישע אָפשאצונגען פון אשס ליטע-ראריש-געזעלשאפטלעכן וועג. כ׳ נוסינאָוו האָט אין „וויעסטניק אינאָסטר. ליט." 1928, 6, געגעבן א קורצע אָפהאנדלונג וועגן ש. אש, וואָס טראָגט גיכער דעם כאראקטער פון אן אינפאָרמאציע פארן רוסישן לייענער. זי איז שטארק סומאריש, און די זיגזאג-ליניע פון אשס שאפן קומט ניט גענוג בולעט צום אויסדרוק. א קיצער דערפון האָט נוסינאָוו געמאכט פאר דער ליטענציקלאפע-דיע. דער ארטיקל איז געשריבן אין צוזאמענהאנג מיט אשס דעמאָלטיקן

בערס ווערק ארויסלייענען דאָס אָביעקטיווע בילד פון די כאַציאַל-עקאָנאָ-
מישע פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין דער יידישער סוויווע. דידאָזיקע נאַיווע
„סאָציאָלאָגיע״ איז דאָך געווען פּרוכטבארער פאר ניגערס שפּעטערדיקער אימ-
פּרעסיאָניסטישער קריטיק. אין די רעאקציע-יאָרן, וואָס נאָך דער רעוואָליוציע 1905,
האָט ניגערס ליריק, וואָס טרייסלט זיך אָפּ פון יעדער געזעלשאַפטלעכער
פּראָבלעם, ארויסגעשטויסן באַלמאכשאָוועסעס קריטיק. ניגערס ערשטע ארטיקלען
וועגן אשן (צ. ב. „ש. אש״ און „אשס ביבלישע מאָטיוון״, „וועגן יידישע שרייַ-
בער״) זייַנען שוין הייַנט בּיכלאל ניט צום לייענען. דאָס זייַנען „געזאנגען״
אזוי-צוזאָגן, מעליצעדיק-רעטאָרישע דעקלאמאציעס וועגן דעם „נאָווי פון דער
ערד״, וועגן אשס „כיינעוודיקייט״, „קינדישקייט״, מיט פראגע-צייכנס, וואָס
פאַרפליכטן צו גאָרניט, מיט געהיימניספולע פּינטעלעך, וואָס באַדייטן א „טיפע
קאוואָנע״... דאָס זייַנען, שייַנט מיר, די שוואכסטע ארבעטן איןביידע בענדער
„וועגן יידישע שרייַבער״. שפּעטער—אָנהויבנדיק אנערעך פון דער רעצענזיע
וועגן „מערי״—ווערט ניגער ניכטערער אין זייַן באַציִונג צו אשן. ביפראט
איז עס נעגייע זיינע לעצטע רעצענזיעס וועגן אשס „מוטער״, „טויטאורטייל״,
„כאַיִם לעדערערס צוריקקומען״, „פּעטערבורג״ א. א. וו. ניגער באַנוגנט זיך
איצט מיט רעגיסטרירן די אָדער יענע איינצלנע שטריכן פון אשס לעצטע
ווערק, באַשעפטיקט זיך פיל מיט דער קאָמפּאָזיציע פון אשס לעצטע ראָמאנען.
ווידער אויסמייַדנדיק סיראָוו זייער פּראָבלעמאטיק, זייער אידעאָלאָגישע ציל-
אייַנשטעלונג, ניט שטעלנדיק די פראגע וועגן די סטירעס אין אשס שאפן,
וואָס ברענגען דאָך צו פארשיידענע קאָמפּאָזיציאָנעלע שוועריקייטן און מאפּאָלעס,
ניגערן באַווייַזט די קונץ צו פארוואסערן זייַן געטרייַער טאלמיד נ. מייזל,
וואָס האָט אָפּגעדרוקט א גאנץ ביכל וועגן אשן. דאָוויד בערגעלסאָנס „אין
שפּאַן״, 1926, 1, 146, האָט אמאָל אזוי רעצענזירט דידאָזיקע בראָשור: „עס
דערמאָנט א שיסל מיט פארעווער יויך אין א צייַט פון הונגער. מען גארטלט
זיך אָן מיט געדולד און מע זופּט די פארעווע וואסער א לעפל נאָך א לעפל.
שטארק אופגערייצט ווערט מען ערשט צום סאָף, ווען מע זופּט אויס דאָס
לעצטע לעפל, און מע דערזעט, אז די איינציקע גרויפּ איז געווען ניט מער
ווי א כאָלעם... וווּנדערט מען זיך: פארוואָס הייסט זי עפּעס דאפקע שאָלעם
אש? פארוואָס זאָל זי צ. ב. ניט הייסן דאָוויד פּינסקי? עמעס, דאָוויד פּינסקי
איז דאָרט ניטאָ, אָבער שאָלעם אש איז דאָך דאָרט אויך ניטאָ!״ ניטאָ וואָס
צוצוגעבן צו דערדאָזיקער אָפּשאצונג.

עס איז קעדייַ נאָך איצט צו לייענען שטיפס טעמפּעראמענטפולן פּאמפלעט
„דער נעכטן״ (צוואנציק יאָר אש) אין „מילגרוים״, 2, בערלין 1922. שטיפס
פאַרניכטנדיקע אָפּשאצונג פון אשס דיכטערישער עוואָלוציע שטאמט לײדער
ניט פון א קלאסן-אנאליז פון אשס שאפן, ווערט געטראָגן בלויז פון אינטע-
ליגענטיש-קליינבירגערלעכער פּראָנדע.

# 1. פאָרבאמערקונגען: ליטעראטור, טעקסט, קלאסיפיקאציע און פעריאָדיזאציע

1

וועגן אשן איז געשריבן געוואָרן אסאך און ווייניק. אסאך מעליצעס און ווייניק זאכלעכע אָפּשאצונגען און אויספאָרשונגען. שוין אשס ערשטע ליטעראַרישע טריט האָבן' צוגעצויגן די אופמערקזאמקייט פון דער קריטיק. אש האָט, ווי באקאנט, אָנגעהויבן מיט צוויי בענדלעך דערציילונגען אין העברייִש (1902). אין סאָקאָלאָווס „ספר השנה" 1902/3, ז. 8-253 געפינען מיר שוין א שטרענגע רעצענזיע איבער זיי, און דער העברייִשער קריטיקער באמיט זיך פארזו״סן די פיל מיט דער באמערקונג, אז דער יונגער שרײַבער שײַנט דאָך צו פארמאָגן טאלאַנט. אָבער שוין אין „השלח", 12, 1903, 75-80, באווייזט זיך א גרויסע באגײַסטערטע אָפּהאנדלונג פון דר. ערענפרייז וועגן דיזעלביקע דערציילונגען און אויך וועגן אשס יידישע זאכן. פאר דעם דעמלטיקן קוק אף אשן איז כאראקטעריסטיש, אז כאָטש ערענפרייז פארצייכנט אשס נעטיע צו „שיינקײַט" און זײַן „כיינעוודיקײַט", דאָך איז אש „דעריקער אויך דער דיכטער פון צאאר און אומעט".

אן ענלעכן קוק האָט אויסגעדריקט אויך באלמאכשאָוועס, בעיס ער האָט רעצענזירט אשס ערשטע יידישע זאמלונג „אין א שלעכטער צײַט" (ב. מ. שריפטן, ב. 1.). באלמאכשאָוועס פארשטייט שוין אָבער מיט רעכט דעם טרויעריקן טאָן פון אשס ערשטע זאכן ניט ווי אן איקער-שטריך, נאָר ווי א פאָריבערגייענדיקע דערשײַנונג. בא באלמאכשאָוועסן קען מען זיך איבעריקנס טאָמיד אָנשטויסן אף אן אינטערעסאנטע און ריכטיקע באאָבאכטונג, אף דעם אָדער יענעם ריכטיק פארצייכנטן שטריך. ביפראט איז עס נעגייע זײַנע שפּעטערדיקע ארטיקלען וועגן אשן (צ. ב. דרײַ שטעטלעך, די סאקאָנע פון הײַנטיקער יידישער דראמע, שריפטן ב. 3). באלמאכשאָוועסעס „סאָציאָלאָגיע" איז א באלעבאטישער געמיש פון טענס מיליע-קריטיק פליוס ציאָניזם. אָנשטאָט צו גיין פון דער דינאמיק פון געזעלשאפטלעכע קויכעס צום שרײַבערס ווערק און אים אויסצוטײַטשן, ווי א פרווו זיך 'אקטיוו ארײַנצומישן און אָרגאניזירן דאָס לעבן אין העסקעם מיט דעם שרײַבערס סאָציאלער נאטור, וויל באלמאכשאָוועס פון דעם שרײַ-

אייגענע אש-פאָרלעזונגען און אייגענע יובילײ-זײַטלעך מיט צוויי טעזיסן: ערשטנס, „אש איז א גרויסער, עפשער דער גרעסטער צווישן די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער“, און צווייטנס, „צו הויך איז די מעכיצע, וואָס אש האָט מיט זײַן געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט פון די לעצטע יאָרן אוועקגעשטעלט צווישן זיך און די ייִדישע ארבעטער“.

דער סאָציאַל-פאשיסטישער „בונד“ מאכט אלזאָ אן אָנשטעל, אז ער נעמט ניט אָן אשס פּאָליטישע טעטיקײַט, דערפאר נעמט ער אָן זײַן קונסט. אשס קונסט רעדט א מער-ספעציפישן, א מער-פארהוילענעם לאָשן, און דידאָזיקע פּאָזיציע קאָן נאָך דער „בונד“ פארטיידיקן אָן דער געפאר גלײַך דעמאסקירט צו ווערן.

מיר וועלן זײַן צופרידן, אויב אונדזער ביכל וועט מיטהעלפן אויסצולעבן און צעשטערן דידאָזיקע טאָפּלטע בוכהאלטעריע, קלאָר מאכן, אז ניט נאָר מיט זײַן געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט און ניט נאָר די לעצטע יאָרן האָט אש אוועקגעשטעלט א מעכיצע צווישן זיך און די ייִדישע ארבעטער, און אז אין דער ספעציפישער שפראך פון קונסט האָט אש דער שרײַבער דורכגעפירט די אידעאָלאָגיע פון אש דעם פּאָליטיקער.

1 מארט 1931

אשס פּאָליטישע טעטיקײַט פאָדערט ניט קיין ברייטערע און אויסשעפּנדיקע קאָמענטארן. אש, דער ציִאָניסט, דער מיטגליד פון דער ציִאָניסטישער אגענק; אש, דער אָנהייבגער און פארטיידיקער פון פאשיסטישן פוילן; אש, וואָס קלאפּט אין טיש אין מאָסקווע, און לעקט דעם מארשאלס שטיוול אין ווארשע; אשס נידערטרעכטיקע האלטונג בעיס דעם לעצטן לעמבערגער פּאָגראָם, ווען ער איז ארויסגעטראָטן קעגן די פּראָטעסטן אין מײַרעוו-אייראָפּע מיטן ארגו-מענט, אז „יִידיש בלוט געהערט בלויז יִידן", — און ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, לויט אן אָפּמאך מיטן פּילסודסקיק קאדען-באנדראָווסקי; אשס היסטערישע און בלוטדורשטיקע האלטונג בעיס די לעצטע געשעענישן אין פּאלעסטינע, — אזעלכע און צענדליקער אנדערע פאקטן רעדן א גענוג דײַטלעכן לאָשן. אש איז הײַנט צו טאָג אן אײַנפלוסרײַכער וואָרטפירער פון פאשיזם אין דער יִידישער סוויווע, די אגענטור פון דער אמעריקאנער יִידישער גרויס-בורזשואזיע, א בעקאָוועדיקער מיטארבעטער פון דעם סאָציִאל-פאשיסטישן „פאָרווערטס" און ציִאָניסטישן „הײַנט" — און א ביז גאָר כאָשעווע, אָנגעלייגטע פיגור באם פוילישן „בונד".

דאָ אָבער באווײַזט זיך אפן האָריזאָנט יענע מענשעוויסטישע טעאָריע, וואָס טיילט אָפּ דעם קינסטלער פון דעם פּאָליטיקער. דער „בונד" איז שוין ניט אימשטאנד צו נעמען אונטער זײַן שוץ אשס ריין-פּאָליטישע טעטיקײַט. איר פאשיסטישער מעהוס שפּארט ארויס צו דײַטלעך. און דאן שרײַבט דער פירער פון פוילישן „בונד", ערליך, אין דער יובילײ-זײַט פון דער „פאָלקסצײַטונג": „מיר קענען אָפּטיילן אשן דעם קינסטלער פון אשן דעם געזעלשאפטלעכן טוער" (נום. 299, 19-טער דעקאבער 1930 י.). גיט טאקע די „פאָלקסצײַטונג" אף דערזעלביקער זײַט א גרויסן באגײַסטערטן ארטיקל וועגן אשן דעם קינסט-לער פון מיילעך ראוויטש, און א שטראָפנדיק-מוסערדיקן ארטיקל וועגן אשן דעם פּאָליטיקער פון ערליכן. ס'איז פּאָטערלעכער מוסער: ס'ווערן אויסגע-רעכנט אשס פּאָליטישע זינד, מיטן קאָמענטאר: „אָ, געוויס, איך ווייס: דאָס איז שטימונג, דאָס איז פארשיקערטקײַט, דאָס איז אש". און ערליך פארענדיקט מיטאמאָל אין קאטעגאָרישן טאָן: „אף די אזויגערופענע שאָלעם אש-פײַערונגען זײַנען מיר ניטאָ". דער „בונד" פראוועט אלזאָ שאבעס פאר זיך, ארגאנזשירט

„וואָס פארקויפט איר דאָ? אײַער געוועלב איז דאָך לער און ליידיק און עס איז גאָר קיין סכוירעס ניטאָ.
אזוי האָט דער זאָקן געענטפערט: איך פארקויף ביטאָכן...״

(ש. אש. קידעש האשעם).

„ביטאָכן, ביטאָכן, סענדערל! ביטאָכן איז א ייִדישע זאך. מיט ביטאָכן, זעסטו, עפּענען דאָ ייִדישע קינדער אוף גרויסע געוועלבן...״

(מענדעלע מויכער ספאָרים. כידושים וועניפלאָעס אף דער פיאטיגנילאָווקע.
מאסאָעס ביניאָמין האשלישי).

מאקס עריק

# שאָלעם אש

(1930—1900)

ווײַסרוסישע וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע
ייִדישער סעקטאָר

ליטעראַטור-וויסנשאַפט-
לעכע סעריִע
1

מאַקס עריק

# שאָלעם אַש

## (1930-1900)

צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

אויסגאַבע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע
מינסק — 1931

Printed in Soviet Union